STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02089

AHIN

Zalman Shneour

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
„ילקוט"
בערלין

ז. שנֵיאור

אַהײן

– ראָמאַן –

פערלאג „ילקוט" בערלין
1923

Copyright by the
„Jalkut“ Verlag Berlin 1923

Druck vom Bibliographischen Institut, Leipzig

שריפטען פון א זעלבסטמערדער

קאַפּיטעל איינס

... שוין באלד גאנצע צוויי וואכען, אז איך בעהאלט ביי זיך אין קעשענע דאס, וואס דארף ווערען מיין רוצח; דעם חלף פונ'ם מלאך־המות בעהאלט איך ביי זיך, דעם רעוואלווער...

גלאט איז ער—מיין רעוואלווער און קאלט—ווי דער טוידט אליין; און ווען איך קוק אין זיין טיעפער, שווארצער לאך אריין, דאכט זיך מיר, אז איינע פון די טויזענדער אויגען, וואס דער מלאך המות פערמאגט, קוקט מיך אן מיט יענעם אייביגען און שטומען בליק, ווי נאר א טויטער שארבען מיט פוסטע אויגען איז פעהיג צו קוקען. מיר דאכט זיך זאגאר, אז טוידטע, פערקריצטע ציינער שמייכלען דערביי אין דער לופטען.

אייגענטליך איז עס דאך צום לאכען. — מען האט גענומען אזא און אזא מעטאל, צוגעגעבען איהם אזא און אזא פארעם, צוגעשרויפט א שטיקעל פרוזינע, אריינגעזועצט א פאר שרייפלעך, צוגעפאסט לאנגליכע שטיקלעך בליי, און דאס אין גאנצען מיט אייננאנדער וועגט נאר איין פונט, איין איינציגער פונט! אייגענטליך איז דאך דאס גאנצע מאשינדעל קליין, אייפאך, נאיוו און קאלט— א? אבער פרוביר נאר, גוטער ברודער, א קוועטש־טהון דאס דאזיגע קליינע מאכעריי אין אזא און אזא ארט, נאר מיט איין פינגערעל גיעב א קוועטש! א? — וועט דאס אביסעל א קנאק טהון,

וועט דאָס אַביסעל מיט רויך און פֿײַער אַ שפּײַ געבען! אָה, ווי פֿיל שׂנאה צו דיר און צו אַלץ וואָס עס לעבט ווערסטו אין דעם קנאַל דערשפּירען! — און דאָס קלײנע שטומע מאַשינדעל וועט הרג׳ענען מענשען: גרויסע מענשען, קלוגע מענשען, אפילו אַזעלכע!... ליסטיגע און נאַרישע מענשען, פֿרעהליכע און אומעטיגע וועט זי הרג׳ענען. — מענשען וואָס האָבען זיך אַסך אַסך יאָהרען בעמיהט צו ענטוויקלען זײער פֿלײש און גײַסט, זײער לײַב און מוח. — מענשען וואָס האָבען אַסך געזעהען און אַסך געליטען און געגעסען און געטרונקען אַסך. מענשען וועלכע האָבען איבערגעלעבט אַסך שמערצען און אַסך פֿערגעניגען און שטענדיג געלעגט זיך שלאָפֿען מיט דער זיכערהײַט, אַז מאָרגען וועלען זײ זיך ווידער אויפֿחאַפּען פֿון זײער שלאָף און וועלען ווידער לעבען, ווידער עסען און לײַגען, אַרײַנשלינגען און אַרײַנאָטהעמען דאָס בעסטע און אַרויסלאָזען דאָס ערגסטע — אַזוי ווי דער שטײגער איז... גיעב נאָר אײן קלײנעם דריק אין דעם קונציג־צוזאַמענגעשטעלטען פּונט מעטאַל — פּוף! און דער מענש אויף וועמען דאָס שוואַרצע קײַלעכדיגע לעכעל איז געווען אָנגעשטעלט, פֿאַלט אַנידער און ציהט זיך אויס מיט אָבגענומענע אברים, מיט פֿערוועלקטע, אָבגעלאָזענע מוסקולען; און אַלץ וואָס ער האָט געזעהען און געלעזען און געהערט און אָנגעזאַמעלט און אײַנגעזאַפּט אין זיך צעהענדליגער יאָהרענלאַנג מיט אַנשטרענגונג און אַרבײַט, ווערדט איהם אומבעדײַטענד און פֿערלאָרען אין אײן סעקונדע אויף אײביג. —

מיר אַלײן איז אַזוי זיס צו פֿיהלען, אַז אַזאַ געניאַלע מאַשינדעל, אַ מאַשינדעל וואָס האָט זיך דעם טויט אין אַרענדע גענומען — ליעגט בײַ מיר אין דער טאַש. און ווי נאָר איך וועל וועלען, אַז מײַן רעוואָלווער זאָל שיסען און טוידטען — וועט ער שיסען און טוידטען. און אַז איך וועל עס ניט וועלען, וועט ער בײַ מיר ליעגען אין הינטער־קעשענע אַ שטומער, אַ תּמ׳וואַטער פּונקט ווי ער ווײס פֿון גאָרנישט, דער ממזר!

דער טויט, דער טויט אַלײן ליעגט בײַ מיר אין דער טאַש, און איך בין זײַן הערשער, זײַן בעפֿעהלער. ווי לעהם אין דעם טעפּערם העגד איז ער בײַ מיר. —

עס טרעפֿט זיך אַ פֿאַרנאַכט, איך קעהר זיך צוריק מיעד און

צובראָכען פון מיינע עטליכע שטונדען, וועלכע ציהען זיך ביי מיר ווי יאָהרען. איך זוך דאַן מיט וואָס זיך צו דערקוויקען און געפין ניט. די ביכער זענען שוין פערשטויבט פון לאַנג אָן, דער מיי גיעט זיך אָב מיט נאַפט, דער ברויט איז אַזוי זויער, די פוטער איז ביטערליך; דאַן פערשלים איך די טיהר פון מיין צימער, נעהם פאַמעליך אַרויס מיין רעוואָלווער, מיין שענעם ליעבען רעוואָלווער, לעג איהם אַנידער פאַר זיך אויפ'ן טיש, דערנאָך טראָג איך איהם איבער אויפ'ן קישען, דאָרט איז איהם וויין, דאָרט איז איהם בעסער ... איך קוויק זיך מיט איהם און בעטראַכט איהם פון אַלע זייטען. איך גלעט מיט ליעבע זיין גלאַטען, געפּולירטען רוקען. דאָס זעלבע מאַכט מיך נאָך מיין ריזיגער שוואַרצער שאָטען אויפ'ן וואַנד... און דאַן דאַכט זיך מיר, אַז איך הער דעם טוידט אַליין אַרומשפּרינגען אין דעם קליינעם פערשלאָסענעם אינסטרומענט. ווי אַ בייזער, שטומער גייסט רייסט ער זיך פון זיין ניקעלנער תפיסה... עס גלוסט זיך איהם אַרויסשפּרינגען, שיסען, טוידטען, שפּאַלטען קעפּ, לעכערען הערצער און שלייפען... מיט אַ ווילדער שנאה קיקט ער מיך אָן פון דער שוואַרצער, קיילעכדיגער לעכעל, און זיין בליק — אַ בליק פון אַ פוסטער אויג אין אַ טוידטען שאַרבען — רעדט צו מיר: „ליסטיגער, מאוס'ער מענשעל, וואָס האָסטו מיך פערשפּאַרט, לאָז מיך פריי, פריי זאָלסטו מיך לאָזען!...“

דאַן פערקריצען זיך ביי מיר די ציינער פון זיך אַליין און איך סיפּע אַדורך דורך זיי עטליכע צוריסענע אומגעלומפּערטע ווערטער, אַזוי רעדט מען אַרויס ווען ניט איז פון קדחות, אָדער בשעת אַ ווילדער, פלוצלונגדיגער שמחה; איך שעפּצע צו מיין רעוואָלווער, וועלכער ליעגט און בלישצעט אויפ'ן קישען:

— די חאָלירע וועט דיך ניט נעהמען אַז דו וועסט וואַרטען נאָך אַ וואָך... נאָך צוויי... וועסט נאָך צייט האָבען צו הרג'ענען ... ממזר!

און פונקט ווי איך וואָלט געקריגען פחד, טאָמער וועט דער טוידט ברעכען מיין געזעץ און וועט נעהמען שיסען אָהן מיין ווילען, טאָמער וועט ער אַראָב פון זינען פון אַזוי פיעל בעהאַלטענע שנאה און וועט אַוועקהרג'ענען פאַר דער צייט, איייל איך מיך און פערשליס איהם וואָס גיכער אין זיין דיקער לעדערנער שיידעל.

דאָס איז די בערוהיגונגס-העמדעל פֿון מיין רעוואָלווער. אַזאַ מין העמדעל טהוט מען אָן די משוגעים, ווען עס קומט בײַ זיי די צייט פֿון ווילדער וואַנזיניגקייט.

ס'איז מיר מאָדנע, באמונות.. איך דערמאָן מיך אָן מיין געשטאָרבענעם טאַטען, אָט דער לאַנגער, דאַרער יוד פֿלעגט בלייך ווערען און אָנהויבען ציטערען דערזעהנדיג אַ רעוואָלווער, און פֿלעגט מורא האָבען אָנריהרען זיך אָן דעם ווי אָן פֿייער. און איך — אַ זוהן פֿון אַזאַ נערוועזען, שוואַכען מענשען — שטעה מיר מיט אַנ'אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין אַזעלכע נאָהענטע בעציהונגען, איך האַלט איהם, יאָגאַר, שטענדיג אין קעשענע, איך פֿיהל שטענדיג זיין אַנגענעהמע שווערקייט מיט דער הויט פֿון פֿוס. מיר דאַכט זיך, אַז אַ בעהאַלטענע צווייטע האַרץ קלאַפּט אין איהם מיין האַרצען צום טאַקט. — ווי ליעב איך האָב איהם! מיט וואָס פֿאַר אַ טיעפֿער ליידענשאַפֿט פֿיהל איך בײַ מיר אין האַנד זיין גלאַטען גלאַנצענדיגען מעטאַל... איך בין איבערצייגט, אַז מיט אַזאַ ליידענשאַפֿטליכען ציטער צערטלען היציגע מענער די ווייבע, גלאַטע אָרעמס פֿון זייערע געליעבטע, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געהאַט. —

עס טרעפֿען זיך וואַרעמע נעכט פֿול מיט שווערע שאָטענס און קאָשמאַרען, וועלכע שטיקען מיך און לאָזען מיך ניט שלאָפֿען; דאַן ציה איך אַרויס מיין רעוואָלווער פֿון זיין שיידעל און דריק מיך צו צו זיין קאַלטען מעטאַל מיט מיין גליהענדיגער באַק. מיינע טרוקענע ליפּען פֿערקרימען זיך עפּעס און שמייכלען אַ מאָדנעם שטילען שמייכעל אינ'ם חשך. אפילו די שאָטענס און די קאָשמאַרען, וועלכע פּרעסען מיך, בעקומען אַ שטומען שטוים דורך דאָס בעוועגונג פֿון מיינע ליפּען, סטעראָטיפּירען אָב מיין שמייכעל און צעשמייכלען זיך אויך אַזוי מאָדנע און שטיל ווי איך אַליין. און וויפֿיעל נעכט ווער איך אַזוי אַנדרימעלט ביז אין דער פֿריה און מיין באַק איז פֿעסט צוגעדריקט צום רעוואָלווער. און אַז איך כאַפּ מיך אויף, ליעגט מיין רעוואָלווער אויף מיין קישען אין דעם בלייבען באַגינען-שיין, אַנ'אָנגעוואַרעמטער, אַ גלאַטער. אַ שטומער און שמייכעלט צו מיר מיט זיין גלאַנצענדיגען ניקעל.

נאָר אונטער זיין עהרליכער מאַסקע פֿיהל איך אין איהם אַ פֿערבאָרגענעם פֿינסטערען לעבען, אַ פֿערבאָרגענע חיה, אַבעהאַל-

טענע ווילדע תאוה צו שיסען און טוידטען ... דאן ווערט מיין געזיכט ליסטיג און אביסעלע ביז און בעקומט דאס אויסזעהען פון א דערוואקסענעם מענשען, וואס האט געחאפט א קינד ביי אנ׳עברה. איך שטעק אביסעל ארויס די אונטערשטע ליפ מיט א שטרענגקייט און מאך צו איהם מיט׳ן פינגער:

— עי, עי ממזר! האלט זיך איין. דער טייוועל וועט דיך ניט נעהמען ווען דו וועסט צווארטען נאך א וואך ... צוויי וואכען.

*

איצטער ערקלערט זיך מיר מיין אונגעוועהנליכער גייסטיגער צושטאנד, וועלכער האט ביי מיר געדויערט ביי א יאהר צייט.

פריהער האב איך בעקומען א חשק צו לייענען אין די צייטונגען די שטאדטישע און די פראווינציאלע כראניק. דארטען פלעג איך אפטמאל געפינען פאקטען און מעשות וועגען מענשען, וועלכע האבען אויף זיך אליין א האנד ארויפגעלעגט. איך פלעג דאס איינשלינגען שטילערהייד, מיט א פערבארגענעם דורשט. און דערביי פלעג איך זיך שטענדיג פערשליסען איינער אליין אין מיין צימער, פונקט ווי איך וואלט עפעס געטהון א מאדנע זאך, וואס מען דארף עס פון אלעמען בעהאלטען. איטליכער אזא טוידט פאקט וואס איז געדרוקט געוועזען גאנץ קאלטבלוטיג מיט קלייניגקייטען צוריבענע אות׳יעליך, פלעגט מיר אויפרייצען מיין פאנטאזיע אויף א לאנגע צייט. איך פלעג מיר קלאר פארשטעלען און אויסמאלען מיט שארפע פארבען ביז צום וועהטון אלע פארברייטונגען צו אזעלכע טוידטען, דערנאך — וואס עס קומט פאר בשעת דעם געמאכטען טוידט גופא: די קערפערס פון פערגיפטעטע זעלבסט־מערדער, וועלכע צאפלען זיך, ניט קענענדיג שרייען מיט די פערברענטע האלז און ליפען; אויסגעצויגענע פיס פון געדאנגענע און לאנגע, לאנגע העלזער; שטריק וועלכע הוידען זיך אין דער לופטען נאכדעם ווי מען ברעכט אויף די טיהר און מען שניידט איבער די פעטליע ... דערנאך — פערוואונדעטע שלייפען; שטערענס מיט דונקעל־בלאהע קיילעכדיגע לעכעלעך; מוחות וועלכע עס איז א דורכגעגאנגען א הייסע, ניקעלנע קויל ...

און שטענדיג ביים לייענען פלעג איך מיך בעמיהען צו בעשאפען אין דער פאנטאזיע א קלארען געפיהל פון

די אַלע מינים טוידטען, וועלכע מאַכען פֿונ'ם מענשען אבר-מינן— אַט איז:

א) גיפֿט: אַ קאַלטער פֿײַער אין געשטאַלט פֿון עפּעס אַפֿליסיגס רינט אַראָב דורכ'ן גישט, דרעהט צונויף די געדערים אין קאַנוואולסען, טריקענט אויס דעם מאָגען-זאַפֿט און עסט זיך אײַן אין די וואַרימע ווענטלעך פֿון מאָגען. נאָדלען אין מאָגען... און די נאָדלען ווערען אַלץ מעהרער און מעהרער פֿון מינוט צו מינוט ביז זײ נעהמען אײַן דאָס גאַנצע בלוט, אַלע אָדערען, דעם מוח... איטליכער אָדער פֿלאַטערט פֿון שטומען, ווילדען וועהטאָג און שרײַט... און די מיליאָנען גיפֿטיגע נאָדלען דרינגען דורך, ברענען, שטעכען..

ב) הענגען זיך: אײַן לײַכטער שטויס און דער שטול שפּרינגט אַוועק פֿון אונטער די פֿיס פֿון דעם, וועלכער הענגט זיך. — די שטאַרקע, גלאַטע, אָנגעזײַפֿטע פּעטליע חאַפּט אָפּענ-שטעל אַרום דעם אײַדעלען האַלז ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען. די מוסקולען פֿון האַלז פֿערלירען גלײַך זײער קראַפֿט און בּויגזאַמקײַט; זײ קענען ניט העלפֿען דעם אָנגעצויגענעם האַלז, זײ קענען שוין ניט בײַשטעהן... דער קערפּער ווערט אין זיבען און זיבעציג מאָל שווערער, און וועגט אַראָב און שלעפּט אָהן רחמנות... דער שײַן פֿון טאָג ווערט מוטנע-ווײַס ווי צומישט מיט מילך, דער-נאָך—גרין, דערנאָך—שוואַרץ... די אָדערען פֿון די שלײפֿען קלאַ-פּען ווי מיט שפּיציגע האַמערס, מיט אַ שרעקליכען וועהטאָג; די לונגען פֿלאַטערען ווי אַ גרויסער פֿיש, וועלכען מען האָט לעבעדיגער הײד אַרויסגעשלעפּט פֿון וואַסער... דער מוח אָט, אָט ער פּלאַצט פֿונ'ם שטאַרקען בלוט-שטראָם, וועלכער האָט ניט קײן דורכגאַנג... די שפּיצען פֿיס ציטערען דריבנע און פֿלינק, קוים צו בעמערקען, ווי אַ שטאָלענע פּרוזינע, וואָס האַלט בײַם אָבשטעלען זיך — נאָך אַ רגע און...

ג) טרינקען זיך: אַ פֿלוצלונגדיגער פֿאַל-אַראָב פֿון אַ הויכען בײַכיגען בריק ביז צום פֿערשווינדלען אין קאָפּ; בוימער, הײַזער, מענשען, דראָשקעס גיבען זיך אַ דרעה און ווערען צו פֿלאַסען... און אין מיטען האַלב-חלשען—דאָס קאַלטע נאַסקײַט פֿון וואַסער... בררר... אין אײַן סעקונדע ווערען די לונגען אָנ-געפֿיהלט מיט וואַסער ווי די זעק, ביז צום גאָרגעל... דער גוף

ווערט שווער, זעהר שווער און זינקט... אינסטינקטיוו עטהעמען די נאָזלעכער, דער מויל, און שלעפּען אַרייַן אַלץ מעהר און מעהר שטיקענדע וואַסער, אַנשטאָדט גרינגע, מחיה׳דיגע לופט... די אויגען ווערען גרויס-גרויס און זעהען נאָר אַ גרינליכען, אונערבאַרעמדיגען תהו-ובוהו. דומפּיג און גרויזאַם וויאויעט עפּעס אין די פּערגאָסענע אויערען... די לונגען צאַפּלען זיך... זיי בעמיהען זיך אַרויסצוברעכען דאָס וואָס זיי האָבען אייַנגעשלונגען, דאָס וואָס עס דריקט ווי קאַלטע בלייַ אויף זייערע איידעלע שוואַכע ווענדטלעך—און קענען ניט... אַ ווילדער אויסגעשריי האַלט בייַם אַרויסרייַסען זיך.. נאָר געפינענדיג וואַסער אַנשטאַדט לופט ווערט דער אויסגעשריי דערשטיקט מיט אַ מורא׳דיגען וועהטאָג...

ד) שיסען זיך: דאָס קאַלטע, רונדע, מעטאַלענע זאַך דריקט זיך צו צום הייסען שלייף. אין רוקען לויפט עפּעס דורך... דער פינגער טאַפּט אָן וואָס מען דאַרף... דער מוח פונקציאָנירט ווי זיין שטייגער איז, שפּייַזט אַלע נערוועו, אַלע געפיהלען — און פלוצלונג... טרראַך! דער שאַרבען פּלאַצט מיט אַקנאַק פון אַ פייַכטער, עלאַסטישער ביין... אַ שאַרפער לייַנגליכער „גאַסט" שפּרינגט אַ דורך דעם מוח און צורודערט און צומישט און צורייַסט דאָרטען אַלץ מיט אַזאַ וועהטאָג, מיט אַזאַ וועהטאָג וואָס האָט קיין ווערטער נישט. דער מוח — דער פאָטער פון אַלע מוסקולען, אָדערען, געפיהלען און נערוועןֿ, פיהלט אין איין קלײנער סעקונדע דאָס, וואָס אַלע מוסקולען און נערוועו וואָלטען אַלע צוזאַמען געפיהלט, ווען מען וואָלט זיי שנייַדען פּאַמעלעך און פערוואונדען זיי ביסלעכווייַז ביז צום אויסגעהן... און אָט די אַלע גהינום׳ישע יסורים פיהלען די געהירען אין איין אַלגעמיינעם פּלוצלונגדיגען ווייטאָג ··· און אַ סוף.—

אַזוי פלעג איך מיר קלערען און ווידער אַמאָל קלערען איבער אַלע טוידטפאַקטען, וועלכע איך האָב געלייענט, איבער אַלע מינים פון זעלבסט-מערדערייַ, וואָס די העלדען פון דער טעגליכער כראָניק האָבען זיך אויסגעוועהלט. שטענדיג, סאַי בייַטאָג, סאַי בייַנאַכט פלעג איך איבער זיי קלערען, און פלעג נאָך צוגעבען צו זיי פון מייַן אייגענער פאַנטאַזיע. איך בין שיעור ניט געוואָרען אַ פאַטאַליסט פון אַזעלכע שטענדיגע, משונה׳דיגע רעיונות. איטליכע זאַך פלעגט אין מיר אויפוועקען אַ מחשבה וועגען טוידט.

איך גײ פֿאַרבײַ אַ הויכן מויער און קלער: אָט די וואַנט קען גראָדע יעצט אַ ציטער טאָן, אײַנפֿאַלן און מאַכן פֿון מיר אַ ביפֿשטעקס. — איך גײ איבער׳ן אײַזערנעם בריק, וואָס ציט זיך הויך איבער דער ברייט פֿון טײַך: „אָט דאָס וואַסער, וועלכע פֿלייצט זיך, כלומר׳שט, פּאַמעליך, תּם׳עוואַטע — קען דערטרינקען; אָט דער גלאַנצעדיגער מעסער, וועלכן מען האָט אָנגעשאַרפֿט צו שנײַדן מיט אים ברויט — קען קוילען, קען גאַנץ לײַכט דערשטעכן אויפֿ׳ן אָרט. מען דאַרף נאָר וויסן אונטער וועלכן ריפּ דאָס האַרץ ליגט.

אײנמאָל בין איך געשטאַנען פֿאַרריסן דעם קאָפּ און זיך צוגעקוקט צו אַן׳אויפֿשריפֿט אויף אַ שווערן מאָנומענט. איבער מיר איז שטאָלץ געשטאַנען דער בעל־דבר אַליין — אַ גרויסער גראָב־בײַכיגער גענעראַל אינגאַנצן געגאָסן פֿון בראָנזע. אַנטקעגן אים האָט מײַן פֿיגור אויסגעזעהן אַזוי קלײן און עלענד... און פּלוצלונג האָב איך אַ קלער געטאָן, אַז אָט דער מאָנומענט גופא קען מיט אַמאָל אַ פֿאַל־טאָן און דערשטיקן מיך מיט זײַנע הונדערטער פּודן, אויב איך וועל בלײַבן אַזוי שטעהן און קוקן. אַ פֿאַרבאָרגענעם, טהירישעם געפֿיהל פֿון זעלבסט־שוץ, האָט מיך געשווינד אָבגעשלעפּט אָן אַ זײַט פֿון דעם דאָזיגן שרעקליכן מאָנומענט, וועלכער האָט די מעגליכקײַט אײַנצופֿאַלן און הרג׳ענען. נאָר באַלד האָב איך מיר איבערלעגט, אַז דער גאַנצער שרעק איז נאַריש, אָדער גלאַט אַזוי — אַ משוגעת; בין איך ווי אויף צו־להכעיס ווידער צוגעטראָטן צום מאָנומענט, צוגערוקט זיך צו אים נאָך נאָהענטער ווי פֿריהער. אויף מײַנע ליפּן האָט זיך צוצויגן אַ נאַרישער, ברייטער שמײכעל; און פּונקט ווי איך האָב זיך מיט דעם געווענדעט צו דעם בײַכיגן, בראָנזענעם גענעראַל: „אַנו, אדרבא... פֿאַל אָקאָרשט, פֿאַל... אַנו דערשטיק מיך... כ׳וואָלט געוועהן אַ בלען צו זעהן..."

און אײנמאָל אין אַ נעבעלדיגן פֿריה־מאָרגען דערהער איך, אַז אײנער מײַנער אַ חבר פֿון די קינדער־יאָהרן, אַ בחור פֿון אַ יאָהר צוויי־און־צוואַנציג האָט זיך געס׳מ׳ט. ער האָט אויסגעטרונקען אַ פֿלעשעלע קאַרבאָל, וואָס ער אַליין מיט זײַנע אײגענע הענד האָט זיך געקויפֿט אין אַפּטײק.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך קײן אָרט נישט געפֿונען, אַרומ־

געבלאָנדזשעט אין אַ מין זיסער צורודערונג. מײַן פֿאָרשטעלונג האָט מיר אויסגעמאָלט אַזאַנ'אַרט טויט און האָט דאָס מיר ווי אַ מיקראָסקאָפּ פֿערגרעסערט אין אַ סך, אַ סך מאָל מעהר ווי דאָס איז.

און טאַקע אין יענעם טאָג אין אָוונד, ווען איך בין אומגעגאַנגען אַ פֿערקלעהרטער אין די גאַסען, האָב איך פּלוצלונג אַ טאַפּ געטהון אין קעשענע, ערקונדיגט זיך אויב עס זענען דאָ בײַ מיר עטליכע גראָשען. געפֿינענדיג, אַז ס'איז דאָ, בין איך ניט ווּיסענדיג ווי אַזוי אַרײַן אין אַנ'אַפּטײק און אַ זאָג געטהון מיט קורצען אָטהעם:

— קאַרבאָל פֿאַר צעהן קאָפּיקעס.

און אַז איך בין אַרויס אויפֿ'ן גאַס שטאַרק צוהאַלטענדיג מיט קאַלטע פֿינגער דאָס פֿלעשעלע קאַרבאָל, וועלכע מען האָט מיר פֿערוויקעלט אין געלע באַבולע, האָב איך עס פּלוצלונג פֿערוואונדערט אָנגעקוקט און אַ פֿרעג געטהון בײַ זיך אַלײן: „אײַגענטליך, אויף וואָסער שוואַרץ יאָהר דאַרף איך עס האָבען?“ און ניטקלערענדיג לאַנג, האָב איך דאָס פֿלעשעלע אַ שלײַדער געטהון אויפֿ'ן ברוק און צוטרושצעט אויף שטיקלעך. — אַ לײַכטער רויך און עטליכע ראָזיגע בלעזלעך זענען נאָר איבערגעבליבען אויף יענעם אָרט. און איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם רויכעל, צו דער פּאַרע פֿונ'ם קאַרבאָל־זויער, וועלכע צוגעהט זיך אין דער לופֿט און האָב געשמײכעלט...

און ווידער אַ צופֿאַל, אַ נאָך מעהר לעכערליכער צופֿאַל: אײנמאָל בין איך געגאַנגען אין גאַס און צום צעהנטען מאָל איבער געקלעהרט אַ מעשה, וואָס איך האָב געלעזען אין דער כראָניק וועגען אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט זיך אויפֿגעהאַנגען בײַ זיך אין צימער אויף אַ קרוק, וואָס האָט געשטעקט אין באַלקען. און פּלוצלונג האָב איך מיך דערמאָנט, אַז אין סופֿיט פֿון מײַן צימער שטעקט אויך אַ האַקען און אַז אויך אויף איהם קען מען זיך הענגען...

אַ רגע האָב איך געצווײפֿעלט, אפשר האָב איך אינגאַנצען אַ טעות, אפשר איז בײַ מיר אין צימער קײן שום האַקען ניטאָ. און איך האָב זיך אַ לאָז געטהון אַהײם. געקומען צוגעהן, ערשט — יאָ, ער איז דאָ... אַנ'אמת, אַנ'אמת. ער איז דאָ, דער בעל־דבר...

אַנ'אײַזערנער, שטאַרקער האַקען, פֿערבויגט אינוועניג מיט אַ שפּיץ, ווי אַ שנאָבעל פֿון אַנ'אָדלער, ווי אַ קרומער צאָהן פֿון אַ טײַוועל, און איז אַרײַנגעשרויפּט אין רעכטען מיטען סופֿיט. איך הער איהם שעפּטשען: „אויף מיר קען מען זיך הענגען — יאָ, מען קען זיך הענגען.“

— אַזאַ מעשה, האָב איך מיר געוואונדערט. ווי אַזוי האָב איך איהם ניט בעמערקט ביז איצטער, אַזאַ אײַזערנעם, שטאַרקען, שפּיציגען? אַזאַ מעשה!

און דער האַקען שטעקט אַרויס פֿון דעם ווײַסען, אויסגעקאַלכטען סופֿיט אַ שוואַרצער, אַ הונגעריגער, אַ גרייטער צו אַלץ און ווינקט... דאַן איז מיר אַ דורך די ליפּען אַ דינער חיטרער שמײַכעלע און כ'האָב שטיל געזאָגט צו איהם: „אַזוי? טאַקע! דו לאַכסט ניט? אויף דיר קען מען זיך הענגען? זעהר אינטערעסאַנט. לאָמיך אָקאָרשט זעהען. זעהר אינטערעסאַנט.“

גלײַך האָב איך אויפֿגעזוכט דאָס שטריקעל, מיט וועלכע איך בינד אײַן מײַנע זאַכען, ווען איך ציה מיך אַריבער אויף אַ נײַע דירה, און קאַלטבלוטיג, כמעט מיט אינטערעס, האָב איך מיר געמאַכט אַ שטאַרקע פּעטליע, אַוועקגעשטעלט אַ שטול... און שוין געהאַלטען בײַם צובינדען דעם צווייטען עק שטריקעל צום אײַזערנעם האַקען.

— באַלד וועל איך זיך אויפֿהענגען — האָב איך מיר רוהיג געטראַכט. און אַ מין ליידענשאַפֿטליכער נעבעל איז מיר געשטאַנען אין קאָפּ, מײַן עהרען וואָרט באַלד וועל איך זיך הענגען...

און פּלוצלונג — אַ קלאַפּ אין טהיר!... מײַן אונגעוועהנליכע רוהיגקײַט איז אַפּענשטעל פֿערשוואונדען געוואָרען און אַ קאַלטער שווייס האָט מיך בעדעקט. כ'האָב גלײַך פֿערשטאַנען וואָס איך האָב דאָ געוואָלט טהון, און די סכנה וואָס איז מיט דעם געווען פֿערוויקעלט. אין איין אויגענבליק איז די שטריק בעהאַלטען געוואָרען און דער שטול איז פֿלינק און שטיל אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף זײַן אָרט.

— ווער איז דאָס?

— איך.

דאָס איז געווען מײַנע אַ בעקאַנטע מיידעל ריבקין. אַ וואוילע מיידעל. זי איז צו מיר פֿערגאַנגען אָבנעהמען דאָס ביכעל וואָס

זיִ האָט מיִר געליִהען. אַז איִך האָב איִהר אויפֿגעשלאָסען דיִ טהיִר, האָט זיִ אויף מיִר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגען מיִט פֿראַגע־צייכֿענס. זיִ איִז געוועזען בלייכֿליִך. אַ פּנים דאָס אויסזעהן פֿון מיין פֿערשוויִצט געזיִכֿט האָט עדות געזאָגט אויף עפּעס אַ סוד, וואָס איִך האָב דאָ אָקאָרשט בעהאַלטען. איִהר ווייבֿעס פֿרויען־האַרץ האָט דאַכֿט זיִך גלייך דערשפּיִרט דאָס מאָדנע זאַך, וואָס האָט דאָ געזאָלט פֿאָר־קומען, און וואָס האָט נאָך יעצט אומגעשוועבט איִן דער שטיִלער לופֿט פֿון מיין ציִמער עלענד, פֿערשעמט און אומגליִקליִך, וויִ אַ שוואַכֿער גנבֿ'ל, וועלכֿען מען האָט איִבערגעשלאָגען איִן מיִטען דער „אַרבייִט"...

אַז מיין בעקאַנטע איִז פֿון מיִר אַוועק האָב איך גענומען מיין קליין מעסערעל און צושניִטען די שטריִק אויף דראָבנע שטיִקלעך. אַ משונה'דיִגע הנאה האָב איִך געפֿיִהלט שניידענדיִג דאָס שטריִקעל. דאָס איִז עפּעס געוועזען אַ געפֿיִהל פֿון אַ פֿערביִסענעם מענשען, וועלכֿער איִז זיִך נוקם אָן זיין שונא, וועלכֿער פֿערהאַפּט און הרג'עט דעם, וועמען ס'איִז איִהם געקומען הרג'ענען. — פֿונדעסטוועגען ביִן איִך נאָך דעם געוועזען שטאַרק אויפֿגערעגט עטליִכֿע טעג נאָכֿאַנאַנד. דער פֿערבויגטער האַקען איִן סופֿיִט פֿלעגט מיִך נויטען איִך זאָל אויפֿהויבען די אויגען און קוקען ביִז צום מיִעד ווערען. בייַנאַכֿט — נאָכֿ'ן אויסלעשען דעם לאָמפּ האָב איִך איִהם ניִט געזעהן. כֿ'האָב אָבער געפֿיִהלט, אַז ער געפֿיִנט זיִך דאָ איִנ'ם חושך. ס'האָט זיִך געדאַכֿט, אַז ער אָטהעמט, ווערט דיִק און ווערט דיִן, און איִך האָב ניִט געקאָנט שלאָפֿען. דאַן האָב איִך גענומען און געדונגען זיִך אַנ'אַנדער דירה, וואו קיין האַקען האָט ניִט אַרויסגעשטעקט פֿון באַלקען און כֿ'האָב זיִך בערוהיִגט.

אָבער ניִט אויף לאַנג.

דאַרף זיִך מיִר מאַכֿען אַ נייַער בעקאַנטער, אַ יונג מיִט בייַנער, מיִט אַ פֿעסטען געשטופּעלטען געזיִכֿט. ער האָט געדיִענט אַלס בוכֿהאַלטער איִן אַ פֿאַבריִק פֿון אייַזען־וויִערק. — איינמאָל איִן אָווענד, ווען איִך ביִן בייַ איִהם געזעסען און געטרונקען טיי, האָט ער אַרויסגענומען פֿון זיין ברייטער קעשענע אַ שעניִנקען, געפּוליִרטען רעוואָלווער, אָנגעשטעלט עס אויף מיִר מיִט'ן שוואַרצען לאָך, האָט אַ לאַך געטהון און געזאָגט:

— באַץ! באַלד הרג'ע איִך דיִך...

איך האָב קיין צוטער געטהון ווי ער האָט געוואַרט פֿון מיר. איך בין נאָר געבליבען ווי פֿערגליווערט און געקוקט מיט ליידענ־שאַפֿט אויף דאָס שענע טוידט־געוועהר. נאָר דערנאָך, אַז איך האָב גענומען דעם רעוואָלווער אין האַנד צו בעטראַכטען איהם, און מיינע פֿינגער האָבען אָנגעריהרט זיין קאַלטען גלאַטען ניקעל, האָב איך אין גאַנצען אַ ציטער געטהון. אין דער זעלבער סעקונדע איז מיר קלאָר געוואָרען אַ שווערע, פֿערשלאָסענע רעטעניש, וואָס איהר בעשיידונג זוך איך שוין אַזאַ לאַנגע צייט. איך האָב פּלוצלונג דערפֿיהלט מיט מיין גאַנצען „זיין”, אַז איך מוז האָבען אָט דאָס גלענצענדיגע זאַך... אַז דאָס מוז ווערען מיינס אָהן אַ שום תירוץ.

ניט איינהאַלטענדיג זיך, האָב איך גלייך גענומען איינרעדען מיין בעקאַנטען מיט גרויס היץ:

— הער־נאָר, ברודער... פֿערקויף מיר דעם רעוואָלווער... וועסט מיר טהון אַ גרויסע טובה... איך וועל דיר בעצאָהלען מזומנים, זעה איך בעט דיך... פֿערשטעהסט? איך מוז עס זעהר און זעהר האָבען...

יענער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט די אויגען:

— למשל, צוליעב וואָס?

כ׳האָב דערפֿיהלט. אַז איך האָב איבערגעזאָלצען און האָב זיך אַביסעל צוטומעלט. איך אַליין האָב נאָך ווירקליך ניט גע־וואוסט אויף וואָס איך דאַרף עס. פֿונדעסטוועגען האָב איך זיך געשטאַרקט און גענעהען ריידען מיט אַ טאָן פֿון אַ מענשען, וואָס ס׳איז איהם אַלץ איינס. נאָר ביי מיר איז דאָס אַרויסגעקומען פֿאַלש:

— פֿערשטעהסט! אומעטום רודערט זיך... פּאָגראָמען... דאָ בעפֿאַלט מען, דאָ קוילעט מען.. נו, אומליבער זעהט זיך צו בעשיצען — יאָ.

די אויגען פֿון מיין בעקאַנטען האָבען צוריק בעקומען זייער געוועהנליכען גלאַנץ, מיט אַ האַלבען מויל האָט ער מיר אַ זאָג געטהון דעם פּרייז פֿאַר דאָס גלאַנצענדיגע זאַך... דערנאָך האָט ער זיך צוקאָכט און האָט שיעור ניט געשוואָרען. אַז ער האָט היזק, אַז עס האָט איהם אַליין געקאָסט טייערער; נאָר אַזוי ווי ער

וויל דאָס ניט האַלטען און — אַ חבר... אַהין, אַהער, בקיצור: פּופּצען קאַרבען!

איך האָב געפּיהלט, אַז ער ליגט. נאָר איך האָב זיך ניט געדונגען. פּערקעהרט, איך בין איהם נאָך געווען זעהר דאַנקבאַר. מיר האָבען אַזש די ליפּען געציטערט פאַר עפּעס אַ טיעפע דאַנקבאַרקייט. קיין געלד האָב איך בשעת־מעשה ניט געהאַט, בין איך אוועקגעגאַנגען קריגען. ס'האַרץ האָט מיר געציטערט פאַר דאָס שענע געוועהר, וואָס ליגט איצט אין אַ פרעמדער טאַש. איך האָב נאָר פאַר'ן אוועקגעהן געבעטען מיין בעקאַנטען, ער זאָל דעם רעוואָלווער דערווייל וואָס קיינעם ניט פערקויפען. חס־ושלום. דער רעוואָלווער איז מ יי נ ע ר.

אויף מאָרגען האָב איך אויסגעבעטען געלד פאָראויס פאַר מיינע אַ לעקציע וואָס איך גיב. איך בין געווען שולדיג פאַר מיטאָג און פאַר דירה. נאָר ס'האָט מיך ניט געאַרט. כ'האָב זיך געלאָזען געהן וואָס גיכער צו דעם בחור מיט מ יי ן רעוואָלווער.

אַז איך האָב איהם געבראַכט דאָס געלד, האָב איך געפונען זיין צימער פערשלאָסען. צוויי לאַנגע שטונדען האָב איך אויף איהם געוואַרט אויפ'ן גאַס נעבען טויער. אַ דראָבנער. קאַלטער רעגענדעל האָט זיך געלאָזען, נאַס געמאַכט דעם ברוק. אייזערנע דעכער האָבען גענומען שמייכלען פון פייכטקייט. און איך האָב שטיל געציטערט און געוואַרט. אין האַלז איז מיר געווען ביטערליך און טרוקען. ענדליך האָב איך דערזעהן, אַז מיין בחור געהט. כ'האָב זיך איינגעהאַלטען ניט אַ לויף־טהון איהם ענטקעגען.

— אַה, ביזט געקומען מכח ד ע ר ז אַ ך? שוין? וואָס איז די אַיילעניש?

אַזוי האָט ער מיך גאַנץ געלאַסען גענומען פערנאַנדערפרעגען מיט אַ שמייכעל פון אַ מענשען, וואָס פיהלט זיך שטאַרקער און זיכערער פון מיר.

און איך האָב אויף איהם געקוקט מיט אַ שטומע געבעט אין די אויגען, וואָס ער האָט נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן. און וואָס האָב איך געהאַט צו רעדען? טאַקע, איך אַליין האָב נאָך קלאָר ניט געוואוסט, וואָס איך וויל מיך אַזוי, פאַרוואָס בין איך אַזוי להוט נאָכ'ן רעוואָלווער. וואָס אַזוינס האָט מיר פערברענט. — איך האָב נאָר פערשטאַנען, אַז ביי אַזאַ מסחר דאַרף מען זיך

פֿיהרען גאַנץ רוהיג. נאָר דאָס מאָל האָב איך עס ניט געקענט.

אַז יענער האָט בײַ מיר צוגענומען דאָס געלד, האָט ער מיר גלײַך אין האַנד דעם רעוואָלווער ניט איבערגעגעבען. ער האָט מיר געטהון אַ נחת־רוח און גענומען מיר בעווײַזען, ווי אַזוי מען בענוצט זיך מיט איהם, ווי אַזוי מען לאָדט איהם אָן מיט קוילען און ווי אַזוי מען צונעמט איהם טהײלענווײַז, אַרויסשרויפֿענדיג אַלע זײַנע פֿערבאָרגענע שרײַפֿלעך.

אַז ער האָט דעם רעוואָלווער צונומען, האָט מיר דאָס האַרץ גענומען קלאַפּען. פּונקט ווי ער וואָלט מײַנס אַ קינד אָפּעריִרט פֿאַר מיר אין די אויגען.

איך האָב מיך געשראָקען. טאָמער מעשה־שטן מאַכט ער עטוואָס קאַליע, טאָמער פֿערליערט ער אַ שרײַפֿעלע. קײן שום זאַך האָט ניט געטראָפֿען. אָה, ער איז שוין אײנמאָל אַ יונג, ער ווײס שוין גראָד, וואָס אַ רעוואָלווער בעדײַט!

צום סוף האָב איך עס בעקומען מיט אזהרות איבער אזהרות, בעגעהן זיך מיט איהם פֿאָרזיכטיג. קײנער זאָל פֿון דעם ניט וויסען; מעהר פֿעהלט מיר ניט. אַז די פּאָליצײ זאָל דאָס בײַ מיר דערטאַפּען... און נאָך, און נאָך...

מיט אַנ'אונגעדולדיגקײט, וועלכע קען אויסווײַזען חשד'דיג, האָב איך זיך גלײַך אַ הויב־געטהון און אַוועקגעגאַנגען אײנער אַלײן הינטער דער שטאָדט.

די גאַנצע וועג האָב איך אין קעשענע געטאַפּט און געגלעט מײַן נײַעם, ליעבען רעוואָלווער, ביז ער איז געוואָרען זודיג. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך האָב אַרויסגערופֿען אַ בעהאַלטענעם לעבען אין זײַן קאַלטען, טוידטען ניקעל.

טראָפּענס רעגען האָבען נאָך געציטערט אין'ם גראָז און נאַס געמאַכט מײַנע שיך. דער טאָג איז דאָרטען אויסגעגאַנגען צווישען בלוטיגע כמאַרעס אין אַלערלײ רויטע טענער און געשטאַלטען. דאָס פֿעלד איז געווען ברײט, גרין און פּוסט.

דאַן האָב איך פּאַמעליך, מיט פֿערגעניגען אַרויסגעצויגען מײַן רעוואָלווער פֿון זײַן שײַדעל און האָב זיך מיט איהם מתיחד געווען.

איך האָב אויף איהם געקוקט מיט טיעפֿער, דאַנקבאַרער

לײַדענשאַפֿט און ניט געגלױבט מײַנע אײגענע אױגען: מיר דאַכט, אַז ער איז מײַנער, מײַנער ... האַ?

איך האָב גענומען מאַכן הכנות צו אױסשיסן אין דער לופֿט, אַלץ אַ פּרובע. דאָס גאַנצע פֿעלד איז דאַכט זיך געבליבן ערשטױנט און געװאַרט. װײַטע בױמער האָבן זיך נײַגעריג אױסגעצױגן און געקוקט: „װאָס װעט דאָס זײַן װאָס װעט דאָס זײַן?"

כ'האָב אױסגעשאָסן.

אין פֿלוק, דאַכט זיך ... גאָרניט. אַ קלײנער דונער האָט זיך אַרױסגעריסן צוזאַמען מיט אַ בלאָהליכן רױך און איז פֿאַמעליך צוגאַנגען אין דער פֿײַכטער, קאַלטליכער אָװענדס־לופֿט, װאָס אין פֿעלד. נאָר... צו אַלדע רוחות! קײן שטאַרקסטער דונער האָט מיך נאָך קײנמאָל ניט אַזױ אױפֿגעטרײסעלט װי דער דאָזיגער שאָס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ סך דומפּע אָפּקלאַנגען ענטפֿערן מיר פֿון אַלע זײַטען; אַז דאָס גאַנצע פֿעלד האָט אַ ציטער געטהון און מיך אָנגעקוקט דערשראָקען. מיר האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז איך האָב דערהערט אין שאָס אַ פֿערבאָרגענעם, גרױסען געלעכטער, אַ װײַטען אָפּקלאַנג פֿון יענער־װעלט ...

פֿײַכטע גראָזען האָבען מײַנע שיך געלעקט. און אַ רױטע, ריזיגע און קאַלטע זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צװישען בלוטיגע נעבלען. זי איז, דאַכט זיך, געװען שטאַרק אין כעס, װאָס מען האָט מיט דעם פּלוצליכען שאָס געשטערט איהר גרױסאַרטיגע, קײזערליכע רוהיגקײט אין איהרע לעצטע מינוטען. — — —

קאַפּיטעל צוויי

יענער געדאַנק! ווי אַזוי האָט ער זיך דאָס פֿערקליבען בײַ מיר אין האַרצען? ווען איז ער צו מיר געקומען? איך ווײס ניט. איך געדענק ניט. — איז ער מיט מיר צוזאַמען געבאָרען געוואָרען? אָדער ער האָט זיך אין מיר פּאַמעליך, פּאַמעליך ענטוויקעלט און איך האָב עס ניט געפֿיהלט?

נאָר געדענקען, געדענק איך, אַז אַלס קינד בין איך עפּעס געוועזען אַ מאָדנער, מיט מײַן שווײַגען, מיט מײַן פֿערביסענקײַט, מיט מײַן ליעב האָבען צו פֿערבלײַבען אין שטוב אײַנער אַלײַן. אַ בלײַבער בין איך געוועזען, און אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פֿלעג איך זיך פֿערקיהלען. און ליעגענדיג מיט אַנ'אָנגעשוואָלענעם האַלז, פֿערוויקעלט אין אַ וואָלענע זאָק מיט וואַרימען זאַלץ, פֿלעג איך אַ סך, אַ סך קלערען... ווי טריעבע שטיקלעך נעבעל האָבען מײַנע קרײַנקליכע מחשבות געבלאָנדזשעט, יונגע און אומעטיגע, אָהן אַ געשטאַלט, אָהן אַ וועג; ווי די הערבסט־וואָלקענס, וועלכע קאַפּען טאָג ווי נאַכט און בעפֿרוכטפֿערען ניט די ערד. אין הערבסט ווײַסען די וואָלקענס אַלײן ניט צוליעב וואָס זײ קריכען אין דער לופֿט, צוליעב וואָס זײ טריעפֿען מיט קאַלט וואַסער אויף דער ערד, אויך די ערד ווײס דאַן ניט אויף וואָס דאַרף זי דאָס וואַסער. פֿונדעסטוועגען נעהמט זי צו דעם רעגען, טרינקט איהם פֿוילער־הײד, ווערט צו ווײך און צו נאַס און איז נאָר פֿעהיג צו שפּריצען מיט בלאָטע...

אויך איך האָב דאַן ניט געוואוסט צוליעב וואָס איך קלער, צו וואָס איך דאַרף די טריעפֿענדיגע, לאַנגע מחשבות. און דאָך האָב איך מיר געקלערט. — און אונזער שווײַגענדיגע, וויסטע הויז! די לופֿט איז דאָרטען שטענדיג פֿול געוועזען מיט קאַלטע שאָטענס, די ווענד זענען געוועזען בעהאַנגען מיט באַנאַלע, אָבגע-

ריבענע בילדער. און אינווייניג איז עס געווען אָנגעשטעלט מיט אַלטע, שווערע מעבעל, אָהן אַ געשמאַק און אָהן אַ סיסטעם, אָהן הײמליכקײט און אָהן װאַרימקײט. מעבעל — „מציאות”, וואָס איז נאָר פֿון צײַט צו צײַט געקויפֿט געוואָרען אויף פֿערשידענע אַקציאָנען, אויף אויספֿערקויפֿונגען בײַ בעלי־בתּים פֿון אַלע מינים, וועלכע זענען זיך צופֿאָהרען קײַן אַמעריקאַ... און דאָס אַלץ איז געשטאַנען און האָט זיך געעלטערט, געכמורעט זיך אין שאָטען, אַרויסגעשטופּט די לופֿט און געהאָלפֿען מיר טראַכטען... אונזער וואָהנונג האָט מיר מפקיר געווען זיך אַליין. איהר אַטמאָספֿער, איהרע פֿערהאַסטע ווענד, איהר געשמאַקלאָזיגקײט, איהר לאַנגווײַליגקײט און שווײַגען, כּדי איך זאָל קענען קלערען זיכער און אונגעשטערט מײַנע טריבע געדאַנקען... אונזער הויז מיט זײַן אָבגעלאָזענקײט, עלענד און שטילעניש איז געווען אין מײַנע מחשבות, און מײַנע מחשבות – אין'ם הויז. אײנער האָט, דאַכט זיך, גורם געווען און געשפּײַזט דעם צווייטען.

און ווען איך בין אַביסעל געזינטער געוואָרען און מײַן טאַטע, דער אַלמן און אונזער אַלטע קעכין פֿלעגען מיך נעהמען צורעדען, איך זאָל זיך אַביסעל שפּילען און זײַן ווי אַלע קינדער, פֿלעג איך זיך גאַנץ פֿויל און אונצופֿרידען אומקעהרען צו מײַנע צאַצקעס, וועלכע איך האָב קײנמאָל ניט געהיט און קײנמאָל ניט געבראָכען. און טיעף אין האַרצען האָב איך שטילערהײד געבענקט נאָך מײַן קראַנק זײַן. נאָך דער וואַרימער, וואָלענער זאַק אויפ'ן האַלז, נאָך מײַן בעט און נאָך די משונה'דיגע קלערענישען, וועלכע קומען פֿון צופֿיעל ליגען...

קינדער פֿון מײַנע יאָהרען — האָב איך ניט ליעב געהאַט, ניט פֿײַנד געהאַט. איך האָב זיך צו זײ בעצויגען מיט אַ קרײנקליכע קאַלטבלוטיגקײט, כּמעט מיט עקעל. אונזער אַלטע קעכין פֿלעגט, רחמנות'האָבענדיג אויף מײַן עלענד, אַרײַנברײנגען צו אונז אין שטוב קלײנע חברים און חבר'טעס פֿאַר מיר, פֿון אונזערע שכנים'ס קינדער, כּדי איך זאָל מיך מיט זײ שפּיעלען. און איך פֿלעג צו זײ אפילו ניט צוגעהן. ווי אַלעמאָל בין איך געזעסען אויף מײַן בײנקעלע און געקוקט אויף זײ מיט אָפּענע, אומעטיגע אויגען.

— נו, נו, שפּיעל דיך, שפּיעל דיך מיט זיי – פֿלעגט מיר די אַלטע דינסט אונטערגעבן חשק און אַרויסגיין אין קיך צו איר אַרבעט.

די אַרײַנגעבראַכטע קינדער פֿלעגן מיך פֿריער אָנקוקן מיט חשד, האַלטנדיק פֿאַרשעמט איין פֿינגערל אין מויל, פּונקט ווי איך זאָל געווען זײַן אַ דערוואַקסענער... דערנאָך הייבן זיי אָן פּאַוואָלינקע צוצוגיין; אַ טראָט און אַ קוק, אַ טראָט און אַ קוק – און נעמען זיך עוסק'ן מיט מײַנע צאַצקעס, וואָס וואַלגערן זיך נעבן מיר. און איך ריר מיך נישט פֿון אָרט. זיי לייגן מיר פֿאַר אָנטרײַבן מײַן הילצערנעם פֿערד'ל, אומפֿירן מײַן קליינעם וועגעלע און איך גיב זיי אַ זאָג האַלב פֿאַרשעמט, האַלב בייז: „איך וויל נישט" און ווידער געשוויגן.

דאַן הייבן די קינדער אָן צו לאַנגווײַליקן זיך, נעמען קוקן אויף מיר מיט אויגעלעך פֿול קינדערשער שנאה, מיט אָנגעבלאָזענע ליפּלעך, פּונקט ווי איך האָב זיי באַליידיקט. און אין מיטן דרינען, אָן אַ שום סבה צעוויינען זיי זיך הויך אויפֿ'ן קול:

— מיר ווילן אַהיים... אַהיים... אַהיים...

מײַן מאַמען קען איך נישט געדענקען, ווײַל זי איז געשטאָרבן ווען זי האָט מיך געבאָרן. איר בילד האָט זי נאָך זיך נישט איבערגעלאָזן.

מײַן טאַטע — אַ לאַנגער ייד מיט אַ געלן, ווײַכן באָרד, נישט איבעריקס קיין קלוגער — האָט מיך ליב געהאַט. שטענדיק אָבער איז ער געווען פֿאַרטאָן אין זײַנע תבואה-געשעפֿטן. דער לאַסט פֿונ'ם מסחר איז געלעגן אינגאַנצן אויף אים. קיין משרת האָט ער נישט געהאַט. פֿון קיין הויפּט-בוך, מעמאָריאַלן, פֿון קיין „זשורנאַל" און קאַסע-בוך האָט ער נישט געהאַלטן. דעם אָרט פֿון אַ צווייענדיקער-בוכהאַלטעריע האָבן ביי אים פֿאַרטראָטן זײַן מידער מוח, די מאַסע בעוועגלעכע קנייטשן אויף זײַן אָפּגעבראָכענעם שטערן און אַ סך, אַ סך שטיקלעך פּאַפּיר מיט רשימות און פּאַסקעס פֿון אַ בלײַפֿן אין דער לענג און אין דער ברייט מיט אַזוינע פּאַפּירלעך אין אַלערליי פֿאָרמאַטן זענען שטענדיק געווען אָנגעשטאָפּט זײַנע וועסט-טאַשן, בוזעם-און הויזן-קעשענעס, זײַן פּאַלטאָ, און פֿלעגן זיך אָנהייבן שיטן ווען ער פֿלעגט אַרויסנעמען די נאָז-טיכעל.

אַ גאַנצען טאָג האָט איהם פֿערשלונגען די שטאָדט הינטער די װענד פֿון אונזער שטוב. אַ פּראָװינציאַלע שטאָדט אין דער ליטא. מיטאָג פֿלעגט ער עסען געהאַפּט, געזופּט, געשלונגען, װי אַ מענש, װאָס זיצט אויף נאָדלען — און װידער אַװעקגעלאָזען זיך אין שטאָדט אַרײַן. בײַנאַכט איז ער געקומען שפּעט װען די לאָדען זענען שוין לאַנג געװען צוגעמאַכט. איך האָב געשלאָפֿען אין בעט פֿון מײַן געשטאָרבענער מוטער, װעלכע איז געבליבען שטעהן נעבען טאַטענ׳ס בעט פֿון איהר טוידט אָן. און װי נאָר מײַן טאַטע איז אָנגעקומען פֿון גאַס, פֿלעגט ער בלײַך צוגעהן צו מײַן בעט און אַ פֿרעג טהון מיט זײַן װײַכער, הײזעריגליבער שטימע:

— שלמה׳קע, דו שלאָפֿסט?

אַלס אַ קרײַנקליבער און עלענדער אין שטוב האָב איך זיך פֿון לאַנג אָן אײַנגעװאָהנט צו שלאָפֿען בײַטאָג, און דערפֿאַר האָב איך דערנאָך ניט געקאָנט אַנדרעמעלט װערען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— נײַן.

מיט׳ן טאַטען איז מיר װעניג אויסגעקומען צו רעדען, װענדען זיך צו איהם. און שװער איז מיר געװען אַרויסצורעדען: „טאַטע“. איך פֿלעג שטענדיג זעהן איבערהופּען דאָס װאָרט װי נאָר איך האָב געקענט.

— נײַן? — פֿלעגט דער טאַטע איבערפֿרעגען אָהן אַ שום כונה, אײַנבויגען זיך איבער מיר מיט זײַן לאַנגען קערפּער און אַרויפֿרוקען מיר מײַן קאָלדרע ביז׳ן נאָז.

— שלאָף, שלאָף! — פֿלעגט ער מיר פֿערזאָגען, װי זײַן שטײגער איז, אויף אַ גאַנצע נאַכט.

און בײַ אַ האַלבע שעה האָב איך נאָך געהערט, װי דער טאַטע ציהט אַראָב זײַנע לאַנגע שטיװעל אין דער פֿינסטערניש פֿון שלאָף־צימער און װאַרפֿט זײ אונטער מיט אַ פֿאָרזיכטיגען גראָבלען אונטער זײַן בעט, װי אַזױ ער רעדט צו זיך אַלײן פֿער׳דאגה׳עט מיט האַלבע װערטער:

— הם... שוין צײַט דאַכט זיך... אַ ודאי צײַט... אַזױ לאַנג... קראַנק איז ער... שענע אָנװײַזונגען... אַז מען קען ניט, קען מען ניט... נו — װעקסעלעך!... און עפּשטײַנס נאַכנאַהמע ניט אײַנגעצאָהלט? ניטאָ נאָך?... װאָס פֿאַר אַ מעשה?... אַז מען שמועסט

גאָרנישט ... האַ? נאָך אַמאָל .. ס'איז ניטאָ וואָס צו רעדן ... אַהאַ... יאָ... ס'איז אַ סברה... דאָס איז אַ סברה...

איך פֿלעג ליבן צוהערן זיך צו זײַנע שטיקלעך ווערטער און פֿאָרשטעלן זיך וויפֿיל מאָל עס קנײטשט זיך דעם טאַטנס שטערן אין דער פֿינסטער, בשעת ער רעדט אַזוי.

און אַז ער גיט שוין אַ קרעכץ און ציהט זיך אויס אויף זײַן געלעגער, דרעהט ער זיך אום נאָך אַ היבשע ווײַלע אויף זײַן גרויסער פערינע, דאַלבעט עפּעס פֿאַר זיך, און פּלוצלונג דערפֿיהלט זײַן מידער מוח, אַז אײנער הערט זיך צו איהם צו... גיט ער אַ הויב דעם קאָפּ און אַ פֿרעג ווי זײַן שטײגער איז:

— שלמה'קע, דו שלאָפֿסט?

— נײן.

— שלאָף, שלאָף!

אָפטמאָל, אין אַ ווײַלע אַרום, נאָך אַזאַ קורצן שמועס, פֿאַלט אויף מיר עפּעס אָן אַ קינדערשער שרעק: „וואו בין איך דאָס דאָ?" איך נעהם זיך בעטן שטילערהײד, איבערהופּענדיג דאָס וואָרט „טאַטע":

— צינד אָן אַ ליכט, אײ, צינד אָן...

אָנשטאָט אַן ענטפֿער דערהער איך דעם טאַטנס מידען און צוריסענעם שנאָרכן. דאַן פֿלעג איך מײַן קלײן קעפּעל באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע, כּדי ניט צו הערן דאָס, און שווײַגן און שווײַגן.

אײנמאָל פֿאַרנאַכט איז עפּעס דער טאַטע געקומען אַהײם פֿאַר דער צײַט. זײַן פּנים האָט מיר אויסגעזעהן אַביסעל אַנדערש. זײַנע פֿער'דאגה'טע קנײטשן אויפֿ'ן שטערן האָבן זיך אויסגעגלײַכט. און אַ קלײנע, פֿערבאָרגענע חדוה'לע איז געזעסן אין זײַנע שטענדיג-צוטראָגענע אויגן. ער האָט גענומען אומגעהן איבער'ן שטוב הין און צוריק. געקלאַפּט פּוס אָן פּוס, געהויקעט אין די דערפֿרוירענע הענד (אין דרויסן איז געשטאַנען אַ קאַלטער ווײַסער ווינטער). נאָר דאָס האָט ער גיכער געמאַכט פֿון צוטראָגענהײַט — ווי פֿון קעלט.

איך בין געזעסן אויף מײַן קלײנעם בענקעלע און מײַן פֿערקיהלטע האַלז איז מיר געווען פֿערבונדען מיט אַ וואָלענע זאָק מיט זאַלץ, ווי דער שטײגער איז. אַ פּאָר מינוטן איז געווען אין שטוב

שטיל. ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז באַלד וועט עפּעס דער טאַ־טע נעהמען רעדען צו מיר. און פּלוצלונג האָט ער ווירקליך אַ טראָט געטהון צו מיר און געפרעגט:

— ווייסטו, שלמה'לע, ווי מען האָט גערופען דיין... דיין מאַמען?

איך האָב פערוואונדערט און מיט קינדערשער נייגעריגקייט אויפגעהויבען אויף איהם מיינע אויגען.

דער טאַטע האָט אַ פּנים ניט געוואַרט אויף אַזאַ קוק. ער האָט זיך אַביסעל צוטומעלט און פון צוטומלעניש גענומען פרעגען ביי מיר הויך אויפ'ן קול:

— געדענקסטו ניט ווי די מאַמע האָט געהייסען? האַ? ניין?

איך האָב זיך דערשראָקען פאַר אַזאַ קול און האָב זיך צע־וויינט. דער טאַטע האָט זיך איבער מיר איינגעבויגען און האָט מיך צומישטערהייד איבערגעבעטען:

— נו, נו, נ ח מ ה. גענוג צו וויינען... נחמה. נחמה האָט זי געהייסען... נאַרעלע, איך זאָג דיר דאָך נחמה... נו!

דער נאָמען נחמה האָט מיר אין דער פאָרשטעלונג אַרויס־גערופען אַ פּאָר גוטע, בלאָהע אויגען, אַ גלאַטען, באַרעמהערצי־גען שטערען אונטער אַ שוואַרצען פאַריק מיט אַ ווייסען שטענעל. וואו האָב איך דאָס געזעהען? ווען האָב איך זיך פון דעם דער־וואוסט? איז דאָס געוועזען נחמה? מיין מאַמע? ווער האָט דאָס מיר דערצעהלט פון אַזאַ געזיכט? דער טאַטע? די קעכין?

אָרעם זענען געוועזען מיינע קינדער־יאָהרען אין איינדרוקען, אין ווערטער און אין שפּיעלען. אין הערען און זעהען, דערפאַר האָב איך בעקומען אַ טבע איבערצו'חזר'ען ווערטער און האַלבע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט און זיי זענען מיר געפעלען גע־וואָרען. נאָכ'ן שמועס מיט דעם טאַטען, אַז איך האָב זיך גע־שפּיעלט מיט מיין קליינעם, הילצערנעם זעלנערעל, האָב איך איהם געגלעט זיין קעפּעל, געשנעלט מיט רחמנות אין זיין פאַר־פאַרבט נעזעל און בעמיהט זיך נאָכצומאַכען דעם טאַטענס קול:

— נו, נו, נחמה... נו, נאַרעלע, נחמה... איך זאָג דאָך דיר נחמה, היינט וואָס ווילנסטו?...

אין יענעם אָווענד גופא, שפּעט ביינאַכט האָט מיך דער

טאַטע געַנומען צו זיך אין בעט אַרײַן, ווידער אַמאָל ניט ווי געַ-
וועהנליך, און האָט מיך גענומען אײַנשמועסן:

— ווילסט, אַז עס זאָל אַהער קומען אַ מאַמע, אַנ'אַנדער מאַמע... אַזוי ווי נחמה... זי וועט אויך זײַן אַ גוטע... וועט דיר קויפן צוקערלעך... ווילסט? מײַן זוהן...

איך האָב געשוויגען.

— זי וועט קאָכען גוטע זאַכען... אונזער דינסט, ברײַנע, קען אַזוי ניט קאָכען... קען ניט... אַה, זי וועט מאַכען גוטע טײַגעכצלעך, קוגעל מיט ראָזינקעס... דו האָסט האָלט קוגעל מיט ראָזינקעס?

— האָלט... — זאָג איך מיט אַנ'אומפאַרביגען קול אַ זאָג געטהון און אַביסעלע אָבגערוקט זיך פונ'ם טאַטען. און מײַן קלײַן הערצעל האָט מיר עפעס נבואה געזאָגט, נבואה געזאָגט אין דער פינסטער.

— זומער וועט זי דיך נעהמען שפּאַצירען אין גאָרטען... ווײַסט דאָך, אין גרויסען שטאָדט-גאָרטען... גוט? זי וועט זײַן אַ גוטע מאַמע... יע?

— יע... — האָב איך נאָכ'ן טאַטען שוואַך נאָכגעזאָגט.

דאַן האָט מיך דער טאַטע פאַרזיכטיג גענומען אויף די הענד, ווי מען נעהמט אַ קלײַן קינד, גאָר אַ קלײַן קינד, און האָט מיך אַריבערגעלעגט צוריק אויף מײַן בעט, אַרויפגערוקט די קאָל-דרע און אַ זאָג געטהון ווי דער שטײַגער איז:

— שלאָף, שלאָף!

אָבער איך בין נאָך אַ לאַנגע צײַט געלעגען אין דער פינס-טער מיט אָפענע אויגען און געשעפּטשעט פאַר זיך:

— קוגעל מיט ראָזינקעס... קוגעל מיט ראָזינקעס.. נחמה... שפּאַצירען אין גאָרטען... נחמה... נחמה...

*

אַ בעקאַנטע יודענע, מיט אָבגעהאַנגענע גרויסע ברוסטען, מיט פעטע, צושוואָלענע געזיכט-שטריכען, פערוועלקטע און גראָ-בע, מיט רויטליכע אויגען אָהן ברעמען, איז געקומען און האָט זיך בעזעצט אין אונזער גרויסען, וויסטען וואָהנונג. אַנקומענדיג האָט זי אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַ גאַנצען „וואַגאָן" קישענס מיט

פֶעריִנעֶס מיִט קיִשעֶלעֶך. און בּיִז מעֶן האָט דאָס רעֶשטעֶל בּעֶט־געֶוואַנד איַינגעֶלעֶגט איִן אונזעֶרעֶ בּעֶטעֶן, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן אַזוי אויך געֶוועֶן פול, איִז דאָס לופט פון איִנזעֶרעֶ פיִער ציִמעֶרעֶן מיִט דעֶר קיִך געֶדיִכט געֶוואָרעֶן פון אַ סך דיִניִנקעֶ שטיִקלעֶך פוך און פעֶ־דעֶרלעֶך...

אַ טרעֶגעֶר האָט געֶשלעֶפט דאָס בּעֶטגעֶוואַנד צו אונז איִן שטוּב אַריַין. און די דיִקעֶ יודעֶנעֶ — מיַין שטיִפמוטעֶר — איִז אַזוי קאָמיִש אַרומגעֶלאָפעֶן אַהיִן און אַהעֶר אַ מיִדעֶ, אַ פעֶרשוויִצטעֶ און האָט אַלעֶ וויַילעֶ אויסגעֶשריִעֶן מיִט אַ הייַזעֶריִגעֶן קליִנגעֶנדיִגעֶן קול׳כעֶל — אַ קול פון אַ הון בּשעת כּפּרות־שלאָגעֶן:

— פ׳ראַן נאָך... נאָך קיִשעֶנס... נאָך... טראָגט אַריַין...

ווי מיַין מנהג איִז, בּיִן איִך דאַן געֶוועֶן עֶפּעֶס אַ שטיִקעֶל חולה. און בּיַינאַכט זעֶנעֶן מיַינעֶ חלומות געֶוועֶן משונה׳דיג. מיִר האָט זיִך געֶ׳חלום׳ט, אַז אונזעֶר גאַנצעֶ וואָהנונג ווערט אָנגעֶשטאָפּט מיִט קיִשעֶנס און פעֶריִנעֶס, פון וועֶלכעֶ עֶס זעֶצט אַ שטויב און עֶס פליִהעֶן פעֶדעֶרלעֶך, און איִך ווער דעֶרשטיִקט אונטעֶר זיי און קעֶן ניִט שריַיעֶן. פון מיִנוט צו מיִנוט ווערט דעֶר חלל פון אונזעֶר הויז אָנגעֶפיִלט מיִט בּעֶטגעֶוואַנד. אָט זעֶנעֶן זיי שוין דעֶרגאַנגעֶן בּיִז די פעֶנסטעֶר. אָט האָבּעֶן זיי שוין בּעֶדעֶקט אונזעֶר גלעֶזעֶרנעֶם אַלמעֶר, בּאַלד וועֶלעֶן זיי דעֶרגריַיכעֶן בּיִז׳ן בּאַלקעֶן, און אַ שוועֶרעֶ יודעֶנעֶ, אַ דיִקעֶ, אַ פעֶרשוויִצטעֶ טאַנצט איִבּעֶר די קיִשעֶנס און קאָמאַנדעֶוועֶט מיִט אַ קוויִטשעֶנדיִג קול:

— נאָך קיִשעֶנס... פ׳ראַן נאָך... טראָגט אַריַין...

נאָך...

מיַין געֶלעֶגעֶר האָט מעֶן אַריִבּעֶרגעֶטראָגעֶן פון שלאָף־ציִמעֶר, וואו איִך בּיִן פריִהעֶר געֶשלאָפעֶן מיִט׳ן טאַטעֶן, און מעֶן האָט מיִר אויסגעֶבּעֶט איִן עֶס־ציִמעֶר אויף דעֶר סאָפעֶ. פון דאַן אָן האָט זיִך דעֶם טאַטעֶנס בּעֶציִהונג צו מיִר אַבּיִסעֶל געֶעֶנדעֶרט. אַז עֶר פלעֶגט זיִך אומקעֶהרעֶן שפּעֶט בּיַינאַכט און אַדורכגעֶהן פאַרבּיי מיַין געֶלעֶ־געֶר, פלעֶגט עֶר אַ פרעֶג טהון איִן דעֶר פיִנסטעֶר:

— שלמה׳קעֶ, דו שלאָפסט?

— ניין.

עֶר פלעֶגט שוין אָבּעֶר ניִט צוגעֶהן צו מיִר, ניִט אַרויפרוקעֶן מיִר די קאָלדרעֶ, ווי זיַין מנהג איִז. עֶר פלעֶגט נאָר אַ זאָג טהון

זײַן „שלאָף־שלאָף“, מער פֿון געוואָהנהײַט אַלס פֿון ליבע, און באַלד אַרײַנגעהן אין שלאָף־צימער...

און מײַן קינדערשעס האַרץ האָט געפֿילט, אַז זי, נאָר זי, די דיקע יודענע, וואָס דער טאַטע וויל איך זאָל זי רופֿען „מומע“ אָדער נאָך בעסער „מאַמע“, נאָר זי איז שולדיג אין דער ענדערונג, וואָס איז יעצט געוואָרען אינ׳ם טאַטענס בעציהונג צו מיר.

אָפֿטמאָל האָב איך געהערט אין דאָס פֿערקיהלטע פֿינסטער־ניש פֿון אונזערע גרויסע צימערען, ווי דער טאַטע שמועסט דאָרט עפּעס מיט איהר, סמאָרעט מיט די אויסגעטהוענע שטיוועל איבער דער פּאָדלאָגע און וואַרפֿט זיי אונטער זײַן בעט... און איך האָב דאַן אַזוי מקנא געווען דער דיקער יודענע, אַזוי געבענקט נאָך דער מאַמעס בעט, נחמה׳ס בעט, וואו איך בין ביז אַהער געשלאָפֿען, נאָך דעם טאַטענס סאָפּען, ווען ער שלאָפֿט אײַן, נאָך זײַן ווייכען הייזעריגליכען קול, וועלכער פֿלעגט זיך צו מיר ווען ניט איז ווענדען. איך האָב שטילערהייד פֿײַנד בעקומען, זעהר פֿײַנד בעקומען די גראָבע יודענע, וועלכע האָט דאָס אַלץ אַוועק־גערויבט פֿון מיר, אַזוי רוהיג, אַזוי גלײַכגילטיג... ניט רעדענדיג צו מיר, ניט פֿרעגענדיג בײַ מיר קײן וואָרט.

אָבער די אויפֿפֿיהרונג פֿון דער פֿרעמדער יודענע אין אונזער שטוב האָט מיך ניט דערלאָזען, אַז איך זאָל איהר מײַן שנאה אָפֿען אַרויסווײַזען. איהר בעציהונג צו מיר איז געווען ניט קאַלט, ניט וואַרים. אָט די דאָזיגע צעשוואומענע יודענע, וועלכע פֿלעגט שוויצען פֿון דער גרינגסטער אַרבייט, האָט דאַכט זיך גאָרניט געפֿיהלט מײַן עקזיסטענץ; האָט גאָרניט געפֿיהלט, אַז אין שטוב דרעהט זיך אַרום אַ בלײַכעס, קרענקליכעס קינד מיט אַ פֿערבונדענע וואָלענע זאָק אויפֿ׳ן האַלז. איהר וואַסערדיגער קוק, וועלכען איך פֿלעג ווען־ניט־ווען בעגעגענען, איז געווען פֿויל און גלײַכגילטיג און מעהר גאָרנישט. אַזוי קוקט אַ דערוואַקסענער, סאָלידער מענש אויף די שטוביגע בעשעפֿענישען — אויף אַ הינדעל, אָדער אויף אַ קעצעל.

פֿיעל מאָל האָט זי אפילו פֿערגעסען אַ קוק צו טהון אויף מיר, — און פֿלעגט זיך אָן מיר דערמאָנען נאָר דאַן, ווען עס איז געקומען די צײַט פֿון עסען אָדער — שלאָפֿען:

— שלמה׳קע — עסען, שלמה׳קע, גײה שלאָפֿען...

אַזױ דערמאָנט מען זיך אָן אַ קאַץ אױך... מען װאַרפֿט איהר אַראָב אַ בײנדעל און מען רופֿט זי צו: קטשי, קטשי, קטשי...

איך האָב שױן דאַן געלערענט אין „חדר" און אַז דער רבי איז געקומען בעטען שכר־למוד, האָט מיט איהם געשמועסט דער טאַטע, און „זי" איז געזעסען אױף דער סאָפֿע אַ ברײטע, אַ פֿולע און האָט געגענעצט מיט אַ פֿערװעלקטען, ברײטען מױל און ניט גערעדט קײן אײנציגעם װאָרט.

אַז איך האָב בײ איהר װאָס ניט איז אַ פֿרעג געטהון, — האָט זי געהאַט אַ טבע אױפֿצוהױבען אױף מיר לאַנגזאַם אַ פּאָר רױטליכע אױגען, װעלכע דריקען גאָרנישט אױס, און ענטפֿערען מיט אַ געגעץ:

— האַ—אַ—אַ? דאָרטען..

און אַ סך מאָל זענען אַריבערגעגאַנגען גאַנצע טעג און איך האָב מיט איהר קײן װאָרט ניט אױסגערעדט. אַזױ זענען אַריבער טעג, חדשים, יאָהרען... און איהר בעציהונג צו מיר, אַ בעציהונג אָהן אַ האָר ליעבע און אָהן אַ טראָפּען פֿײנדשאַפֿט — האָט אױף מיר געאָטהעמט מיט קעלט און מיט אַ קברים־ריח. דאָס האַרץ איז מיר דערשלאָגען געװאָרען, געװאָרען פֿערדונקעלט, פֿער־קנײטשט; האָט זיך פֿערקליבען בײ מיר אין ברוסט ערגעץ־װאו אין אַ װינקעל און איז געװאָרען אונפֿעהיג צוצונעהמען אָדער אַרױסגעבען פֿון זיך אַ שטאַרקען געפֿיהל.

מײן פֿערבאָרגענע שנאה צו מײן שטיפֿמוטער האָט זיך ניט געקענט ענטװיקלען אונטער אַזאַ מאָדנע בעציהונג פֿון איהר צד צו מיר, און איז װי מיט ראָסט בעדעקט געװאָרען. איך אַלײן האָב שױן אױף איהר גענומען קוקען אָהן אַ שום געפֿיהל, װי זי אױף מיר.

נאָר װען־ניט־װען פֿלעגט טרעפֿען, אַז איך זיץ בײנאַכט, נאָכ׳ן קומען פֿון חדר, אױף מײן אַמאָליגען בײנקעלע און װאַרעם די הענד נעבען הרובע. אין הרובע ברענט האָלץ. פֿײערדיגע מענשעלעך װינקען דאָרט עפּעס מיט די אױגען, שטעקען אַרױס רױטע און בלאָהע העלישע צינגלעך. דער אָבשײן פֿונ׳ם פֿײער טאַנצט פֿאַנטאַסטיש אױף די װענד. אױף דאָס אַלטע מעבעל און

הײסט זײ מיטשפּרינגען שטומערהייד... אין דער לופֿט פֿיהלט זיך אַ ריח פֿון לאַנגווײַליגקײַט, אַ ריח פֿון עלענד, פֿון וואָכעדיגקײַט, פֿון אונציִעלבאַרקײַט און נאָך עפּעס אַ ריח, דאַכט זיך דער ריח פֿון מײַן שטיפֿמוטער זעלבסט; איהר אָבגעלאָזענקײַט און צושוואַמענקײַט. דער טאַטע האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט פֿון גאַס. מײַן שטיפֿמוטער דרעמעלט אויף דער סאָפֿע, אויפֿ'ן רעכטען מיטען סאָפֿע, דאָרט וואו זי האָט דורכגעבראָכען מיט איהר שווערען קערפּער עטליכע פּרוזינעס, און פֿײַפֿט מיט דער נאָז. און דאַן בין איך אײנער אַלײן, אײנער אַלײן אין דעם וויסטען, שטומען הויז, אײנזאַם מיט מײַן קינדערשער נשמה, מיט מײַנע טריבע רעיונות... וואָס האָב איך דאַן ניט איבערגעקלערט? איך האָב געמוזט קלערען. קײן אַבסאָלוטע לעדיגקײַט איז ניטאָ אין דער נאַטור. פֿערזײַט מען ניט אַ פֿעלד, וואַקסען אויף איהר ווילדע, שטעכעדיגע גראָזען... איך האָב נאָר ניט געהאַט וועמען אַרויסצוזאָגען דאָס וואָס איך קלער... אַלץ וואָס איך האָב געהערט און געזעהן און געלערענט און פֿערשטאַנען בעקומען אין מײַן פֿאָרשטעלונג מגוזם'דיגע געשטאַלטען, מאוס'ע און שוידערהאַפֿטע. אַלץ אַרום מיר איז אַזוי שטאַר, פֿערגליווערט. די וואָהנונג, דאָס מעבעל, די לופֿט אין צימער אַלץ האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט, אַלץ בעמיהט זיך שטאַר מאַכען מיר דאָס האַרץ, פֿערשטײנערען מײַנע געפֿיהלען... מיר האָט זיך דאַן אַזוי געגלוסט, מיט אַלע געפֿיהלען, מיט אַלע אֵברים, מיט מײַן גאַנצען „זײַן" האָט זיך מיר געגלוסט, אַז מײַן שטיפֿמוטער זאָל מיך פֿון הײַנט אָן אָנהויבען עסען, פּײַניגען, זידלען מיך מיט וואָס אין אַ קאָרט, שטויסען... מסר'ען אויף מיר... (אַזוי ווי איך האָב געהערט אַ סך מעשות וועגען שטיפֿמוטערס פֿון מײַנע חברים אין חדר) כּדי אַז איך זאָל זי אויך קענען פֿײַנד האָבען, ענטפֿערען איהר ענטקעגען, טהון איהר אין טוידט אַרײַן... עס פֿלעגט זיך מיר שטאַרק וועלען, אַז זי זאָל מיך אָנהויבען שלאָגען, מכבד זײַן מיט סטוסאַקעס, רײַסען פֿאַר די האָר, דאַן וואָלט איך איהר געוואָרפֿען אין פּנים אַרײַן אַלטע קאָלאָשען, איך וואָלט אײַנגריבֿט מיט פּעך איהר נײַעם קאַפּאָט, איך וואָלט צוריסען איהר פּערינע, וואָס איז אַזוי גרויס און דיק ווי זי אַלײן, נאָך גרעסער... וואָלט בײַ אונז די גאַנצע שטוב פֿול געוואָרען מיט פֿליהענדעס פּוך... דערנאָך וואָלט

איך אנטלאָפֿן אין בית-מדרש און וואָלט דאָרט גענעכטיגט אויף א באנק ...

א בעזונדער זיסען שמערץ פֿלעג איך פֿיהלען ביי אזעלכע ראַכע-מחשבות. אזוינע זיסע ווערטאָגען וויים נאָר דער הונגעריגער, וועלכער האָט שוין עטליכע טעג נאָכאַנאַנד ניט געגעסען, קלע־רענדיג פֿון א געפֿרעגעלטען שטיק גאנז, פֿון זויערע קרויט מיט ווייכע צוקאָכטע פֿלייש מיט פֿריש ברויט, וועלכע לאָזען הערען זייער ריח פֿון דערווייטענס ...

*

איך בין אלט געווען א יאָהר צעהן, ווען איך האָב אין איין ליכטיגען שבת געלערענט פרק אין „חדר". מיר זענען צוגעקומען צו דעם אלטען שפריכוואָרט: „מרבה בשר, מרבה רמה". ווער עס מעהרט זיין פֿלייש — מעהרט זיינע ווערים. דער רבי, מיט אנ׳אָפֿענער האריגער ברוסט האָט געטרונקען טיי, געשוויצט און געקריכט זיך פֿון תענוג, און בשעת מעשה האָט ער געלערענט פשט און ערקלערט אונז, אז איטליכער וואָרים וואָס עסט א טויטען קערפּער, איז ווי אנאָדעל אין לעבעדיגעם לייב. באלד האָב איך אַרונטער געלאָזען מיין אַכט־יעהריגעם הענטעל אונטער'ן טיש, א טאַפּ געטהון מיינע קליינע, מאָגערע קניע און גלייך האָט מיר אבליץ געטהון א געדאנקעל: „איך וועל שטאַרבען, געוויס וועל איך שטאַרבען... אָבער ניט פֿיעל וועלען מיך די ווערים שטעכען, מכּוֹת וועל איך זיי געבען ... איך בין מאָגער ... אָבער מיין שטיפֿמוטער — אַ האָ! זי איז אזוי פֿעט און דיק... א סך, אסך ווערים וועלען זי פֿרעסען. אוי, וועלען זיי שטעכען ... אסך, א סך נאָדלען..."

די מחשבה האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אזא התפּעלות, אז איך האָב מיך ניט געקענט איינהאלטען און מגלה געווען נאָכ׳ן לערנען מיין חבר יאָסלען:

— ווייסט? מיך וועלען טאַקי עסען די ווערים אבּיסעלע — גאָר אביסעלע, אָבער מיין „מומען" — אָ האָ!

יאָסעל, א חיטרער יונגעל מיט קאַסאָקע אויגען האָט גע־פֿונען פֿאַר נייטיג צו געבען צו מיינע ווערטער א דעקאָראַציע:

— אַט ווי אין דער נבלה וואָס מיר האָבּען געזעהען אונ־טער'ן בּוים, אין גרוב... געדענקסט?

— יע... נאָר מיך וועלען ווערים ניט עסען.

— אָה, דו קענסט נאָך דיק ווערען... מיין טאַטע האָט געזאָגט אַז מען קען... אַז דו וועסט זיין אַ גרויסער... מיט אַ בּאָרד.

מיין לוסטיגקייט איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען. מיט שנאה האָבּ איך אָנגעקוקט יאָסלען, וועלכער האָט בּיי מיר אַוועק־געריבּט מיין פרייד. דאָך האָבּ איך איהם מיט אַ אינערליכע זי־כערהייט אָבּגעענטפערט:

— ניין, ניין איך וועל קיינמאָל ניט זיין... קיינמאָל ניט, וועסט זעהען. קיינמאָל ניט.

די דאָזיגע ווערטער האָבּ איך אַרויסגערעדט גאַנץ זיכּער און מיט אַ געלאַסענער שטימע ווי אַ דערוואַקסענער. יאָסעל האָט זיך כּמעט ווי דערשראָקען, פערוואונדערט אַ קוק געטהון מיר אין פּנים און אַנטשוויגען געוואָרען. ווי עס ווייזט אויס האָט מיין געזיכט דאַן אויסגעדריקט עפּעס אַזוינס, וואָס יאָסעל האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט אין זיינע חברים, ניט געזעהען בּיי זיי אויפען פּנים. פול מיט אונקלאָרע געדאַנקען בּין איך נאָך דעם שמועס אַוועק אַהיים, אַריין אין שטוב, און ניט בּעטענדיג קיין עסען, האָבּ איך מיר אַנידערגעזעצט אויף מיין בּיינקעלע אין ווינ־קעל און האָבּ זיך מתיחד געווען מיט מיינע יונגע, אומעטיגע מחשבות.

די זון האָט געגומען אונטערגעהן. רויטליכע שיין־פלעקען האָבּען געבּלאָנדזשעט אויף די ווענד, געקלעטערט אויף די מעבּעל. אונזער וואָהנונג איז געווען לעדיג. דער טאַטע איז נאָך טיי אַוועק דאַווענען מנחה. וואַרעמע גלעזער זענען נאָך געשטאַנען אָפען טיש. די דינסט איז אַרויס חאַפען פרישע לופט. נאָר מיין שטיפמוטער איז געלעגען אויף דער סאָפע און האָט געדרעמעלט און ס'פּנים, איז איהר געווען אַזוי פערשוויצט, אַז ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקען. — אַז איך בּין אַריין, האָט זי אויף מיר אפילו ניט אַ קוק געטהון. האָט נאָר אַ פרעג געטהון ווי אין הינערפּלעט „ווער איז דאָס?“ און האָט ווידער געדרעמעלט.

אויסער די שטענדיגע לאַנגווייליגקייט און עלענד אין אונ־זער שטוב, האָט דאָ נאָך יעצט אומגעשוועבט עפּעס אומעטיגעס,

דריקענדעס: יענע אומעטיגע-פוסטקייט, וואס קומט אן און גנב'עט זיך אריין אין נשמה ווען מען גייט איבער פון קדש צו חול, פון א הייליגער שטימונג צו א וואכעדיגער, יענע פוסטקייט וואס א מענש פיהלט אין הארצען נאך א דורכגעגאנגענע שמחה, אומקעהרענדיג זיך אהיים נאך א חתונה.

אזא מין אומעט פלעגט מיך שטענדיג בעפאלען ווען איך האב געפיהלט אז דער שבת הויבט אן אוועקצוגעהן. און אין אונזער שטוב, וואס איז פול פוילקייט און עלענד, האט זיך דער דאזיגער אומעט נאך מעהר און נאך שטארקער צו פלאסען ווי אן אנשטעקענדיגע קרענק, ווי באצילען וואס פרובירען זיך און מעהרען זיך אין אונריינקייט, מיט וואס זיי נעהרען זיך זעהר גערן...

און דער אומעט האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט די אנגעקומענע שאטענס און ס'איז פון זיי געווארען איין גראהער מיש-מאש. דאס האט פאמעליך בעלאגערט מיין יונגעם הארץ, וואס איז בעהאלטען ערגעץ וואו אין א פינסטערען ווינקעל אין אונזער שטוב.

און פלוצלונג האט א פלאץ געטהון די אומעטיגע שטילקייט אין אונזער הויז. אן אומעטיגער, צוצויגענער קלונג פון קלויסטער-גלאק האט זיך אריינגעריסען דורכ'ן פענסטער און צעשפאלטען דאס פערקיהלטע שטילעניש. צובראקעלט האט זיך דער אומעט און ס'זיינען פון איהם געווארען אסך, אסך קליינינקע שטיקלעך, וועלכע האבען געשפרונגען ארום מיר, געקראכען אויף די האר, געשוועבט איבער'ן קאפ:

— בים - באם, בים - באם...

און דער דאזיגער ברומענדער קלונג האט דאכט זיך מזהיר געווען, געשראקען: „ניט גוט, ניט גוט... היט דיך, היט דיך!"

פון דער צווייטער זייט האט אין א ווילע ארום דערגרייכט א טרויעריגער, צוצויגענער ניגון פון תהלים זאגען אין בית-מדרש, וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון אונז.

— אַשרי—תמי—מי—דָרך, ההולכים בְתורת אֲדנָי —. —

און דער תהלים ניגון און, להבדיל, דאס קלינגען אין קלויסטער האבען זיך ניט ווילענדיג צוזאמענגעגאסען, געבייגקט, געטריפט צום טאקט איינער דעם צווייטען, הארמאניש געפלייצט

אינ'ם דונקעלען רוים נאכ'ן זונען־אונטערגאנג, פערגנבע'ט זיך אין הארצען און איך האב מיט אמאל דערפיהלט אז איך בין עלענד.

טיעף, ביז צום וויינען האט זיך מיר פלוצלונג פערוואלט, אז מיין קאפ זאל ליעגען אין א ווייבען, ווארימען שוים און א ווא־רימע מאמע־האנד זאל מיר גלעטען די האר.

עטוואס אזוינס האב איך מוצאי־שבת געזעהען ביי מיין חבר יאסלען אין שטוב. זיין מאמע האט איהם געגלעט דעם קאפ אינ'ם אומע־טיגען חושך, וואס איז אנגעקומען מיט'ן אוועקגעהן פון שבת און האט געזונגען מיט א ווייבען, דינעם קול פאר'ן אנצינדען פייער:

— גאט פון אברהמ'ן, פון יצחק'ן און פון יעקב'ן — — — —

ווי ליעב איך וואלט בעקומען מיין דיקע שטיפמוטער, ווען זי וואלט גענומען מיין קאפ אין איהר שוים... ווען נחמה וואלט געלעבט, די אמת'ע נחמה — וואלט זי דאס יעצט געטהון... נאר ביי דער שטיפמוטער אין שוים איז אויך גוט צו ליעגען...

אבער מיין שטיפמוטער איז האלב־געלעגען אויף דער סאפע א שווערע, א פעטע, א פערשוויצטע אין איהרע צעשוואומענע אברים זענען געווען אבגעלאזען, אונבעוועגליך. —

איך האב זיך ניט איינגעהאלטען, אליין צוגעגאנגען צו איהר, ניט וויסענדיג וואס צו זאגען.

— עה... מאמע... „מומע”...

און אין דער לופט האבען בשעת מעשה געשוועבט: נחמה; א פאר בלאהע אויגען אונטער א גלאטען פאריק מיט א שטעגעל אין מיטען...

די „מומע” האט זיך ניט גערירט פון ארט, ניט אקוק גע־טהון אין מיין זייט. זי האט נאר מיר א פרעג געטהון:

— המ? עסען? —

— ניין, ניין, גארנישט.

איך האב זיך אבגעקעהרט און געשטאנען א ווייל'ע ניט ווי־סענדיג וואס צו טהון. ס'הארץ האט אזוי געקלעמט. און מיט אמאל בין איך צוגעטראטען הארט צו דער סאפע, דאס פנים האט מיר געפלאמט, די ליפען האבען געציטערט:

— איך וויים דאס איז א ליגען... א גרויסער ליגען... דער טאטע האט מיך אויסגענארט... דו בינסט גאר ניט ווי א מאמע! הום?

— דו ביסט ניט אזוי... אזוי ווי נחמה!

בריעמען אהן האר האבען זיך אביסעל אויפגעהויבען, און קליינע קאלטע אויגען האבען א בליק געטהון מיט א וואסערדיגען גלאנץ און א פערוועלקטער מויל האט א פרעג געטהון:

— נו?

א גאנצע חוואליע פון עזות און צארען האט מיר א שטיק געטהון אין האלז און ארויסגעריסען זיך מיט אנ'אוננאטירליכען, קינדערשען קול:

— דו ביסט א נבלה! א נבלה! ווערים וועלען דיך עסען... נבלה! או — או — !

— שא—שא! וואס—איז? עסען? — באלד...

און זי איז אויפגעשטאנען שווער מיט א זיפץ געבען מיר עסען. פון פוילקייט, אבגעלאזענקייט און שוויים האט זי מיך א פנים גארניט פערשטאנען. איך האב זיך פערשעמט, און עטליכע טעג נאכאנאנד האב איך איהר גלייך אין די אויגען נישט געקענט קוקען. און אז זי האט זיך צו מיר געווענדעט פלעג איך רויט ווערען.

דאס איז געווען מיין ערשטער און מיין לעצטער פראטעסט געגען די לאנגווייליגקייט, קעלט און וויסטקייט אין אונזער הויז, אין מיין גאנצען וועזען... דער איינציגער פראטעסט געגען דעם גראהען, פערשלמל'טען לעבען אין אונזער שטוב. א לעבען—אין וועלכען ס'איז ניטא ניט קיין ליעבע, ניט קיין שנאה, ניט קיין ציעל, ניט גארנישט. אין אפילו דער איינאיינציגער פראטעסט איז געגאנגען לאיבוד, פערלארען געווארען אזוי ווי ער איז געקומען. און ווידער האט אויף מיר געדריקט די שטילקייט און לאנג-ווייליגקייט אין אונזער שטוב, וואס ווערען נאר איבערגעריסען ביי-טאג און ביינאכט דורך דאס קלינגען פון עטליכע מעסער און גאפעל. און ווידער האט מיך פערדרונקעלט די בעציהונג פון דער שטיפמוטער צו מיר, וועלכע איז ניט קאלט, ניט ווארים. ווי א שטענדיגער, לאנגזאמער און געדיכטער שטויב איז זי אויף מיר געפאלען. און ווידער איז מיין שנאה צו דער „מומען" פערראס-טעט געווארען, און איך בין צו איהר גלייכגילטיג געווארען אזוי ווי זי צו מיר.

— — — דאן איז געקומען דער רעגענדיגער טאג, נאך

עטליכע חדשים פֿון קרײַנק און שרעקליכע וועהטאָגען בײַ מײַן טאַטען.

מײַן טאַטע איז געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע און ווײַבער, וועלכע קענען גוט די מלאָכה פֿון ווײנען, האָבען געקלאָגט מיט אַרויסגעשטעקטע ליפּען און אָבגעהאַנגענע נעזער. מיט די ליפּען האָבען זײ געיאָמערט ביז צום טויב ווערען, און די נעזער האָבען זײ אַלע ווײַלע געשנײַצט אין די פֿאַרטוכער אַרײַן, צו ליעב שטאַרקײַט וועגען. און איך בין געשטאַנען אַ בלײַכער, אַ קאַלטער און האָב ניט געוויינט. פֿון די געשרײען האָט נאָר וועה געטהון אין די אויערען, אָבער זײ האָבען מיך ניט איבערראַשט; פּונקט ווי איך וואָלט געבאָרען געוואָרען און דאָס גאַנצע לעבען פֿערבראַכט אין אַזאַ סביבה. טעמפּ בין איך געוועזען צו דער גאַנצער יְלָלָה און האָב מיר געקלערט מײַניגעס. אַזוי פֿרעמד און נײַ און אינטערעסאַנט איז געוועזען דער לאַנגער קאַלטער קערפּער, די אײַנגעפֿאַלענע באַקען מיט די געלבליך-סיווע האָר און די קנײַטשען. מיט אַ בעהאַלטענעם, טיעפֿען אינטערעס האָב איך געקוקט אויף די ליכט, וועלכע ברענען דעם בר-מינן צוקאָפּענס. בײַ זײער פֿלאַטערדיגען, געלען אָבשײַן האָט אויסגעוויזען, אַז די בלאָהליכע ליפּען בעוועגען זיך און דערצעהלען... מיך האָט אַזוי פֿערדראָסען וואָס מען האָט אַזוי גיך איבערגעדעקט דעם טויטען קאָפּ מיט אַ שוואַרצער פּלאַכטע... עס איז דאָך געוועזען אַזוי מאָדנע אינטערעסאַנט!... צוליעב וואָס שרײַען די ווײַבער אַזוי? זײ וואָלטען בעסער געשוויגען וואָלט בעסער געוועזען: שטיל, שטיל אַרום... די ליכט ברענען גלײַכע, שלאַנקע און ווײַסע מיט געלבע פֿײַערלעך, מיט בלאָהע צינגעלעך אין מיטען... די טויטע ליפּען ציטערען אין זײער אָבשײַן... צו ליעב וואָס זענען די איבערגעקעהרטע שפּיגלען, די קאַלטע, פֿערלאָזענע טעפּלעך אין דער קיך? דאָס איז אַלץ אַזוי שווער, אַזוי איבעריג...

אײַנע אַ יודענע איז צו מיר צוגעגאַנגען און אַ שעפּצע געטהון אין אויער:

— ווײן, נאַרעלע!... דאָס איז דאָך דײַן טאַטע... דער טאַטע איז געשטאָרבען.

און איך האָב ניט געווײנט, איך האָב זיך נאָר שטאַרק פֿערוויטעלט און אַוועקגערוקט זיך אין אַ ווינקעל ביז מײַן בושה איז

אריבער. און ווידער האב איך שטיל גענומען ארויסקוקן און בעטראכטן דאס גאנצע געוויינערײַ, די אבלות, דעם טאטענס בעבערדעלטע קאפּ מיט די אראבגעהאנגענע ברעמען, וואס איך האב געפיהלט אונטער דער שווארצער פלאכטע און האב ניט פערשטאנען פאר וואס איך וויין ניט.

און בײַנאכט, נאך דער קבורה, אז איך האב זיך געלעגט שלאפען, האבען זיך נאך פון מײַן פארשטעלונג ניט אויסגעוועבט דער ריח פון טוידט, דער ריח פון די רעצעפּטען, פון קארבאל, פון אײַז־פענכערס, וועלכע זענען עטליכע חדשים נאכאנאנד געווען אנגעלעגט און אנגעשטעלט אין אלע צימערען. דאן איז בײַ מיר פלוצלונג אין מידען מוח ארויסגעשוואומען א קלארע מחשבה: אז איך וועל אויך שטארבען, נאר באלד און וואנצעם אזוי ווי בײַ'ם טאטען וועלען בײַ מיר ניט זײַן... קײַן מעבעל און קײַן הויז וועל איך נאך דאן ניט האבען... ווײַבער וועלען ניט וויינען נאך מיר, וועלען ניט שנײַצען די אבגעהאנגענע נעזער אין זײַערע פארטוכער... געוויס וועל איך שטארבען, כ'וועל שטארבען.

אפילו יעצט פיהל איך נאך, אז מײַנע קינדערשע מחשבות, וועלכע האבען בײַ מיר שטענדיג נעבלאנדזשעט אין מוח ווי אונגעשטאלטיגע, שיטערע נעבלען, האבען דאן בעקומען זײַערע ערשטע, פעסטגעשטעלטע שטריכען. —

קאַפּיטל דרײַ

יעצט ווען איך רוף ארויס אין מיין פארשטעלונג און לייען שריפטליך די פאקטען פון מיין לעבען, די שווייגענדיגע, קאלטע און דונקעל-טריבע ווי הערבסט-שאטענס; יעצט ווען איך טאפ איבער יעדען איינציגען פון מיינע זכרונות, פיהל איך: אז נאך דאן, אין מיינע קינדער-יאהרען איז אין מיר אריינגעפאלען יענער קערענדעל. י ע נ ע ר ג ע ד א נ ק. די אטמאספערע אין אונזער שטוב, די בעציהונגען פון מיין שטיפמוטער צו מיר, מיין פאטער — וואס זיינע געשעפטען זענען געשטאנען צווישען מיר און איהם ווי אנ'אייזערנע וואנד, זיי, נאר זיי האבען אין מיר געבארען יענע קאלטע זאך, וואס איז אראבגעפאלען און פערזונקען געווארען אין גרונד פון מיין נשמה, און מען קאן עס שוין פון דארטען ניט ארויסשלעפען.

פאמעליך, פאמעליך האט אויפגעשפאלטען דאס קערענדעל און אנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען, ביז עס האט בעקומען טיעפע ווארצלען, ביז עס איז צייטיג געווארען און ס'איז געקומען די צייט צו עסען זיינע גיפטיג-זיסע פרות, ארויספיהרען איהם און בענוצען זיך מיט איהם... ווארום צוליעב וואס, אייגענטליך, האב איך געקויפט דעם רעוואלווער?

ניין, ניט פלוצלונג איז צו מיר געקומען דער געדאנק. קיין שטארקע איבערקעהרעניש אין מיין איניועניגסטער וועלט האט איהם געבארען, אזוי ווי עס טרעפט דאס רוב מאל ביי זעלבסטמערדער. איך האב קיינמאל ניט געקאנט פאלען, ווייל קיינמאל האב איך קיין הויכען פינטעל ניט דערגרייכט. טרעפענישען, קליינע פאקטען, לאנגווייליגע יסורים'לעך, א לאנגע קייט פון דונקעלע טעג, האלב געגעסען, האלב געשלאפען, אנ'אינערליכער שטאלץ און אויסערליכע שטענדיגע בזיונות'לעך, געלעכטער'לעך און אונאנגענעהמקייטען פון מענשען, שטארקע תאוות און שוואכע הענד... פיצלעך האפנונגען, וועלכע האבען ניט געקאנט אויסגע

פֿיהרט ווערען, דאָס אַלץ האָט פֿאַמעליך אונטערגעגראָבען און צושטערט מיין נאַטירליכען חשק צום לעבען, און האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ כּלי, וואָס איז *ניט פֿעהיג צו צונעהמען דיזעם לעבען*.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אַזוי ווי עס וואַקסט אַ בוים אָהן זונען־שיין, אַזוי ווי עס שפּראָצט אַ דאָרן אָהן רעגען, איז אויפֿגעגאַנגען דער געדאַנק אין מיין וויסטען האַרצען. טעג און יאָהרען האָט ער זיך געוועבט ביי דעם טאַטען אין שטוב און איך האָב ניט געפֿיהלט. דערנאָך איז ער געוואַקסען וויים פֿונ׳ם טאַטענס הויז, אין דער פֿרעמד, אין הונגער, אין עלענד און איך האָב נאָך אַלץ ניט געזעהען זיין בעשטימטעם געשטאַלט. ביז ער איז יעצט צייטיג געוואָרען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט פֿאַר מיינע אויגען מיט זיין גאַנצער קאַלטקייט און האַרטען אַקען, מיט אַלע זיינע פֿערשטיינערטע פֿעסטגעפֿרייגטע פּרטים: „פֿערלאָזען דאָס לעבען".

און צוזאַמען מיט׳ן געדאַנק איז אויך צייטיג געוואָרען דער רצון אויסצופֿיהרען די זאַך, ברענגען די לופֿטיגע מחשבה צו דער טהאַט... איצטער, למשל, ליעג איך מיר אויף דער סאָפֿע און גענעץ, און קיין זאַך אין דער וועלט ציהט מיך ניט צו זיך! און אין איין העלען אָדער דונקעלען פֿריהמאָרגען איז מעגליך, אַז איך זאָל זיך מיט איין מאָל אַ הויב־טהון, אַרויסנעהמען דעם רעוואָלווער, אַ בליק טהון דעם לעצטען מאָל אויף די מויערען, וועלכע קוקען צו מיר אַריין טאָג־טעגליך אַזוי פֿאַמיליער און נייגעריג אין פֿענסטער און האָבען מיר דערעסען, און גענומען און אַריינגעשאָסען זיך אין ברוסט אָדער אין שלייף; און מיין האַנד וועט ניט אַ ציטער טהון, און מיין האַרץ וועט ניט קלאַפּען. יאָ, איך פֿיהל עס! און איך בין גליקליך, וואָס איך האָב צו דעם דעם־שליסעל. דער שליסעל צו דעם טוידט איז ביי מיר אין די הענד.

אָט די קאַלטע פֿרעמדע, פֿרעמדע מענשען, וועלכע לויפֿען יעצט אַרום אין די גאַסען פֿון שטאָדט, ניט דורכגעלעבט נאָך היינטיגען טאָג און דאגה׳נען שוין פֿאַר מאָרגען, אַז זיי וואָלטען געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט מיר, די מחשבה, וואָס איך טראָג אין האַרצען און דאָס גלאַנצענדיגע „זאַך", וואָס איך טראָג אין קעשענע, טייל פֿון זיי וואָלטען טעמפּ און „אָפּטעמיסטיש" געשמייכעלט, טייל — וואָלטען בעדויערט. נאָר אַלע וואָלטען זיך

געקלערט: „אַ משוגעת!" — זאָל זײַן אַזוי... און איך רעדן זײַער לעבן פֿאַר אַ משוגעת. דער עיקר איז דער טעם פֿון דער זאַך. זיי האָבן אַ טעם צו לעבן און איך האָב מיר אַ טעם צו שטאַרבן, קומט אויס, אַז איך בין מיר אַ גאַנץ בעזונדערער, קלײנער אמת פֿאַר זיך, און זיי זענען אַנ'אַלגעמײנער, גרויסער אמת פֿאַר זיך. אויף דער וועלט זענען דאָ אַ סך אידעאַלן און אמונות, וועלכע זענען זעהר, זעהר ווײַט אײנער פֿון צווייטן. איטליכער אידעאַל האָט פֿײַנד דעם אַנדערן, איטליכע אמונה קאָן ניט לײַדן איהר חבר'טע, און פֿונדעסטוועגן בלײַבט איטליכער שטאַרק און זיכער פֿאַר זיך. ווײַל איטליכער פֿון זיי האָט זיך זײַן אמת.

עס איז מיר כמעט ווי אַנגענעהם צו פֿיהלן, ווי איך בעוועג זיך אין די גאַסן מיט דעם טוידט-געדאַנק טיעף אין האַרצן. מײַן קערפּער, מײַנע נאַטירליכע בעוועגונגען, מײַן גאַנצע געשטאַלט — דאָס אַלץ איז נאָר ווי אַ דיקע, האַרטע שאָלעכץ אויף מײַן בעהאַלטענעם רעיון. אַרום מיר לויפֿט אַלץ, בעוועגט זיך, זוכט, חאַפּט, ברומט, פֿײַפֿט, קלינגט און איך בין ווי אַ שטיקעל טוידט אין רעכטן מיטן לעבן, און דאָס לעבן קען מיך ניט איבערקאָכן. איך בין פֿערגליווערט און רוהיג. אַזאַ רוהיגקײט ווײס נאָר דער פֿעלז. וועלכער שטעהט אין מיטן דעם ברויזענדעם ים. חוואַליעס לויפֿן, שטויסן אײנע די צווייטע, זענען אַזש משוגע פֿון צופֿיעל קראַפֿט און ענערגיע, האַמפּערן זיך צווישן זיך, און דער פֿעלז שטעהט, זײַן שטערן איז גערונצעלט און פֿרעגט: „צוליעב וואָס דאַרף מען דאָס אינגאַנצן? מען קען דאָך בעסער שטעהן אַזוי און זײַן פֿערשטײנערט!"

— פֿאַרוואָס לויפֿסטו ניט? פֿאַרוואָס ברילסטו ניט אַזוי הונגעריג ווי מיר? — פֿרעגן איהם די חוואַליעס.

— איך בין שטײן — ענטפֿערט דער פֿעלז — איך האָב מיר מײַן אמת.

נאָך צוויי וואָכן, אפשר אינגאַנצן — נאָך אײן וואָך, ווען דאָס מיר אינגאַנצן שווער ווערן, וועט מיר דערעסן שטעהן אַזוי און צוקוקן זיך ווי אַנדערע לעבן, ווי אַנדערע אײַלן זיך און נעהמען און גיבן — און דאַן...

נאָך אײן חשבון דאַרף איך ענדיגן מיט'ן לעבן. איך ווײס

ניט צי ער איז גרויס, צי קליין. איך ווייס נאָר, אַז אָפּטמאָל האָב איך נאָך איהם שטאַרק געבענקט.

און איך וויל ניט פֿערלאָזען דאָס לעבען, ניט פֿערענדיגענדיג דעם דאָזיגען חשבון. איך וויל ניט, אַז אין דעם לעצטען מאָמענט, פֿאַר'ן שטאַרבען, זאָל זיך מיר דוכטען, אַז ס'איז פֿון מיין זייט אַ פֿעהלער צו פֿערוואַרפֿען דאָס, וואָס הייסט לעבען, אין דער צייט, ווען אַ פֿערבאָרגענע זייט, פֿול מיט סודות, איז נאָך בעהאַלטען פֿון מיר אונטער אַ דונקעלען פֿאָרהאַנג און איך האָב עס קיינמאָל ניט אָנגעזעהן. איך מוז דאָס פֿערזוכען פֿאַר'ן טוידט, כּדי איך זאָל שטאַרבען אָהן אַ פּיצעל בענקשאַפֿט צו דאָס לעבען, וואָס איך האָב פֿערמאוסט. איך האָב געוואוסט אין מיין ביסעלע יאָרען הונגער און זאַטקייט, האָפֿנונג און יאוש, גוטע שטימונגען און שלעכטע, טיעף-פֿערבאָרגענע לוסט און אונענדליכען, אונציעלבאַרען אומעט; נאָר איין זאַך האָב איך נאָך ביז אַהער ניט געוואוסט: ד י פֿ ר ו י.

ביי היינטיגען טאָג בין איך אַלט אַ יאָהר צוואַנציג און די פֿרוי אָדער קלאָרער געזאָגט: ד י נ ק ב ה — האָב איך נאָך ניט געוואוסט. זאָל זיין וואָס עס וועט זיין. איך וועל זי וויסען איידער איך וועל שטאַרבען!

אפילו „אַזוי" פֿרויען, וואָס איך האָב נאָר פֿערזענליך געקענט און בעגעגענט, זענען זעהר ווייניג אין מיין לעבען; אָבער אַ סך האָב איך פֿון זיי געהערט און אַ סך — געלעזען איבער זיי. איך קען גוט די געדרוקטע פֿרוי, די פּאַפּירענע...

און ס'פֿלעגט מיר אָפּטמאָל אַזוי באַנג טהון, אַזוי באַנג טהון, וואָס איך בין אפילו ניט אַ שאָטען פֿון אַ וועלכען ניט איז „העלד" אין פֿערפּלאָנטערטע ראָמאַנען — פֿול מיט זודיגער תּאוה און וואונדערליכע געשיכטען. עס פֿלעגט מיר אָפּטמאָל באַנג טהון, וואָס איך בין ניט יענער העלד, וועלכער גנב'עט זיך אַריין ביינאַכט דורכ'ן פֿענסטער צו אַ גרעפֿין — אַ בעוואוסטע שענהייט, בשעת איהר מאַן איז אין פּאַלאַץ ניטאָ. — און ס'טהוט מיר אַזוי וועה, וואָס איך וועל זיין גענייט צו קויפֿען די פֿרוי פֿאַר גראָשענס. איך ווייס און איך פֿיהל גאַנץ גוט, אַז אין י ע נ ע ם ה ו י ז וועל איך אַ האָר ניט בעקומען פֿון דער אמת'ער ווייב, וואָס איז פֿול מיט פֿייער, שלאַנגישע-בויגזאַמקייט, קאַפּריזען און צערטליכקייטען; די

פֿרוי. איבער וועלכער איך האָב אַזוי פֿיל געלעזן, אַזוי פֿיל געהערט און אַזוי פֿיל געטראַכט...

אָבער אַצינד איז מיר דען ניט אַלץ איינס? איך וויל נאָר יוצא זיין פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר מיין נאַטירלעכן, פֿערבאָרגענעם אינסטינקט. די פֿרוי איז דער טפל, דער עיקר איז דער טוידט, וואָס וועט קומען נאָך דער פֿרוי... מיט עקעל וועל איך דאָס ערפֿילען, אָבער איך וועל ערפֿילען. פֿאַר גראָשענס? זאָל זיין פֿאַר גראָשענס. פֿאַר גראָשענס פֿלעג איך שטענדיג קויפֿען ברויט מיט טיי. פֿאַר גראָשענס האָב איך שטענדיג געקויפֿט געניצטע ביכער מיט פֿערשמאָלצענע קאַנטען. אַז מיין עלענד האָט מיך צוגעשטיקט האָב איך געקויפֿט פֿרייד — אויך פֿאַר גראָשענס: געמיינע פֿלעצער אין טעאַטרען ערגעץ־וואו אויף דער גאַלעריע, געמיינע פֿלעצער אין צירקען, וועלכע גיבען זיך אָב מיט פֿערדען־מיסט. גראָשענס האָב איך שטענדיג בעקומען פֿאַר לעקציעס. מיין גאַנצעס לעבען איז אַ לאַנגע, שמאָלע קייט פֿון צוזאַמענגעזעצטע גראָשענס. פֿאַר׳ן לעצטען גראָשען און צום לעצטען מאָל וועל איך קויפֿען ד י ו ו ײַ ב, אַלץ וואָס איך האָב געזעהען אין הייסע טרוימען ביינאַכט. נאָך איין פֿערשימעלטער גראָשען וועט זיך צוקייטלען צו מיין לעבענס־קייט און... דער חשבון וועט שטימען.

✶

11 טעג אין תשרי

אַ טאָג פֿון דינע איבערלעבונגען און שאַרפֿע איינדרוקען איז ביי מיר געוועזען דער נעכטיגער טאָג.

יום־כּפּור איז עס נעכטען געוועזען. יודען, פֿערשמאַכטע פֿון תענית. האָבען ווי שאָטען אַרומגעבלאָנדזשעט הין און צוריק אויף די טראָטואַרען, צווישען איין תפלה און דער צווייטער, נאָכדעם ווי זיי זענען הייזעריג געוואָרען פֿון צופֿיעל בראָקען אין „מחזור". יודען האָבען געפֿאַסט און מקבל געוועזען די יסורים פֿון פֿאַסטען מיט ליבע, מיט בלייכליך־אויסגעצויגענע געזיכטער און מיט הכנעה. האָבען אַלע ווײַלע געשמעקט, וועך טאַבאַק, וועך „טראָפּענס" פֿון פֿלעשעלעך, כּדי צו ערפֿרישען זיך; האָבען געגאָסען און געשאָקעלט מיט די קעפּ פֿון חיות. דער אַלגעמיינער יום־כּפּור׳דיגער

יום-טוב-תענית, האט דאכט זיך געווירקט אפילו אויף די מויערען, אויף דעם ברוק, אויף די שמאלע פאסקעלעך הימעל אין דער הויך ... די הייזער אליין זענען געשטאנען הייליגע, בלייכע מיט א מידען שמייכעלע און האבען זיך צוגעהערט מיט פערגלאנצטע שויבען צו די געזאנגען און תפלות, וועלכע גיסען זיך פון אלע זייטען.

דאס אלץ איז נאר געווען אין די יודישע גאסען; און הינטער די דאזיגע גאסען און געסעלעך האט דאס ליידענשאפטליכע לעבען געברויזט ווי תמיד. דראזשקעס האבען זיך געטראגען מיט א ווילדען געפילדער; און די מענשען, פונקט ווי זיי וואלטען זיך פערוואטען: ווער ווער וועמען וועט אריבעריאגען, האבען זיך געאיילט, געפלויגען הענדום-פענדום דער אנטקעגען דעם, דער פערביי דעם, דער הינטער דעם. ווי נעכטען און ווי אייערנעכטען האבען געבלאנקט די גרויסע, געפולירטע שויבען פון רייכע מאגאזינען. און שמייכלענדיג מיט אנ'אייביגען שמייכעל פון קאלטען, געשליפענעם גלאז, האבען זיי געוואונקען אויף אלע זייטען, געקיצעלט די שווארצאפלען פון טשיקאווע מענשען; פערהיפנאטיזירט די דורכגעהער, זיי זאלען זיך א ווילע פערגעסען, אז מען מוז לויפען און איבעריאגען. און זאלען זיך אבשטעלען בעטראכטען די גוטע זאכען, וואס פינקלען הינטער זיי...

איך בין נעכטען שפעט געשלאפען. און אויפחאפענדיג זיך אביסעל מיעד פון דער פעטער „כפרה", וואס איך האב דעם פאריגען פארנאכט געגעסען. האב איך א קוק געטהון אויפ'ן זייגער און דערזעהען, אז עס איז שוין האלבער טאג.

א מאדנער בעהאלטענער געפיהל, א שוואכער און א שענער, ווי א גוטס'דיגער אבקלאנג פון קינדער-יאהרען, האט מיך געשטופט אין שול אריין און איך בין אהין אוועק.

אין שול אבער האט מען מיך ניט אריינגעלאזען, וויל איך האב זיך ניט פערזארגט פאר די ימים-נוראים מיט א בילעט. בין איך מיר געשטאנען אויפ'ן גאס און זיך צוגעהערט: דער חזן זינגט, די משוררים העלפען אונטער... ווייבער לייענען תחינות און וויינען. זיי פיהלען א פנים איצטער, אז מען וועט שטארבען. הא—הא. — יודען זיפצען... וואס פארא זיפצעניש אויף זיי? זיי

אַרט דען. וואָס איך וועל מיך דעם שאַרבען דורכֿשיסען, וואָס? פּרנסה דאַרפֿען זיי, פּרנסה. אָט דאָס יאָ.

און אין מיטען דרינען בין איך אַנ'אָנגעצונדענער געוואָרען אויף זיך אַליין:

— איך דאַרף אויך האָבען פּרנסה? געזונד? לאַנג לעבען? וואָס שטעה איך דאָ?

בין איך דאַכֿט זיך געוועזען אין כּעס, אַ? היינט פֿאַרוואָס האָבען זיך מיינע ליפּען צעצויגען און צעשמייכֿעלט זיך אָהן מיין ווילען?

האָב איך מיך אַלאָז געטהון צו יענע געפּוצטע גאַסען, וועלכֿע ברומען הונגעריג און ליאַרמען אַזוי ווי אַלעמאָל. דאָרטען איז ניט געוועזען אפילו אַ שאָטען פֿון תענית און פֿון תפלות.

האַסטיג, מיט אַ פֿערקאָכֿט האַרץ, פּונקט ווי איך וואָלט זיך אָן איינעם נוקם געוועזען, בין איך אומגעגאַנגען פֿון איין קאַוויאַרניע צו דער צווייטער, פֿון רעסטאָראַן צו רעסטאָראַן, און האָב זיך ניט געקענט בערוהיגען.

די גוי'שע רעסטאָראַטאָרס, ווי בעוואוסט, פֿרעגען זיך תמיד נאָך וועגען דעם יום-טוב, ווען אַלע יודען מעגען עסען טרפה'ס. און אָט איז ענדליך געקומען דער לאַנג-ערוואַרטעטער יום-טוב. די רעסטאָראַטאָרס לויכֿטען פֿאַר נחת. שפּרינגען אונטער און פֿערנייגען זיך מיט אַ שמייכֿעלע איטליכֿען גאַסט בעזונדער. אַ סך יודישע יונגעלייט זיצען און עסען און טרינקען און רויכֿערען און שפּיעלען שאַך און „דאָמקע". אַלע ווײַלע וואַרפֿען זיי אַ קוק מיט חשד אויף דער טהיר, וועלכֿע קלינגט ביים עפֿענען און פֿערמאַכֿען זיך...

איך געפֿין מיר אַ ווינקעל, זעץ זיך אַנידער, טרינק און מאַך זיך ניט זעהענדיג, כּדי עס זאָל מיר ניט אויסקומען שמועסען מיט מיינע בעקאַנטע, וועלכֿע איך בעמערק צווישען די יונגע לייטלעך. איינער פֿון זיי איז דאָך צו מיר צוגעגאַנגען, אונטערגעוואונקען מיר, געטהון מיר אַ צוליעב און אָבגעזאָגט אַ חכמה: „אַ שטייגער, מיט וויפֿיעל קישקע'לעך און קאַווע האָסטו זיך היינט פֿערפֿאַסט?" און איך האָב איהם מיט האַרץ איבערגעריסען, אַ זאָג געטהון, אַז די קאָפּ טהוט מיר וועה און געבעטען לאָזען מיך צורוה.

קעלנערס מיט ווייסע פֿאַרטוכֿער, מיט אנשטענדיגע עלאָס-

טישע טריטעלעך, האָבען מיך בעדיענט. מיט אַ זיסער הכנעה האָבען זיי מיר דערלאַנגט אַלץ, וואָס איך האָב געבעטען. לסוף אַז איך האָב פערלאַנגט אַ קאָטלעט אַ לאַ מאַרשאַל מיט ווײַן, זענען זיי געוואָרען אַזוי זיס, אַז מיר איז נמאס געוואָרען דאָס עסען און כ'האָב פערלאָרען דעם אַפּעטיט.

איך האָב פון אַלעמאָל אָן פײַנד דאָס קעלנער-פאָלק, וואָס זעהט פאַר זיך נאָר צוויי מינים מענשען: גוטע, אַנשטענדיגע מענשען, וועלכע לאָזען איבער צוואַנציג גראָשען טרינק-געלד און שלעכטע, קליינע מענשען, וועלכע לאָזען גאָרנישט איבער, אָדער אַביסעל ווייניגער. איך האָב פון תמיד פײַנד זייער איבעריגע הכנעה, זייער געמאַכטע טפשות, זייער ביליגען שמייכעלע. דו בעטסט בײַ זיי העפליך וואָס ניט איז — שמייכלען זיי. ווערסט בייז, וואָס זיי דערלאַנגען ניט — שמייכלען זיי ווידער. וויצעלסט זיך איבער זייער אונגעשיקליכקײַט, איבער זייערע פאַרטוכער און דעם בעקאַנטען שמייכעלע איז ניט אַראָפּצורײַסען בײַ זיי פון פנים. בעזונדערס, נעכטען, האָבען זיי מיר דערעסען ביזן בײַן. עפּעס אַ שווערען מוטנעם געפיהל האָבען זיי אין מיר אויפגערייצט. און זיי אויף צו-להכעיס, אַלס אַ קליינינקע נקמה'לע אין זייער זעדנע-זײַן, האָב איך זיי גאָרנישט איבערגעלאָזען און זאָלען זיי וויסען, אַז איך בין ניט קיין „באַרין", ווי זיי האָבען מיך גערופען. די קעלנער האָבען צוגענומען דאָס געפעס פון מײַן טיש מיט אַנ'אָפענער שנאה. איינער פון זיי האָט זיך הינטער מיר אפילו אַ זידעל געטהון. — און מיר האָט הנאה געטהון, וואָס מיר האָט זיך אײַנגעגעבען אַרײַנברייַנגען קעלנערס אין „גרימצאָרן".

אַ ודאי פיער שונאים'לעך האָב איך מיר געקויפט פאַר עטליכע צעהנדליג קאָפּיקעס, וואָס איך האָב ניט צוטיילט, ווי דער מנהג איז. דאָס זענען אויך פײַנד ווען קיין אַנדערע פײַנד זענען ניטאָ.

און אין איין קאַוויאַרניע האָט זיך מיר פלוצלונג פערוואָלט מאַכען אַ קעלנער פאַר אַנ אוהב-נאמן. אויסטרינקענדיג ווידער אַמאָל קאַווע, וואָס איז מיר שוין געקראָכען פון האַלז, האָב איך אַ קלונג געטהון, צוגערופען דעם קעלנער און געגעבען איהם געלד אין האַנד אַרײַן:

— דרײַסיג גראָשען אין קאַסע און פינף רובל פאַר אײַך.

יענער האָט זיך צוטומעלט און גענומען שטאַמלען, גענומען טאַפּן זיך דעם פֿאַרטוך, קלינגען מיט די מטבעות אין זײַן לעדערנעם, ברייטן טאַש. די הענט האָבן אים געציטערט.

איך האָב געוואָלט גיין, איז ער מיר געשטאַנען אין וועג.

— פֿערשטעהט איהר דען קיין רוסיש ניט! — האָב איך צו איהם העפֿליך געשמייכעלט.

דאַן איז עפּעס פֿאָרגעקומען אַזוינס, וואָס איך האָב ניט פֿאָראויס געזעהן. דעם קעלנערס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, די אויגן זענען איהם פּײַכט געוואָרן און אָנגעהויבן פּינטלען. ער האָט זיך פּלוצלונג, ניט־געשיקט אײַנגעבויגן, געחאַפּט מײַן האַנד און געוואָלט אַ קוש טהון. אַ פֿערציטערטער בין איך געוואָרן. רויט פֿאַר בושה האָב איך איהם גיפּטיג אַ שעפּצע געטהון:

— וואָן. פּ׳שאָל וואָן!

און אַרויסגעגאַנגען.

אַ סך נײַגעריגע אויגן האָבן איך געפֿיהלט אויף מײַן רוקן.

*

אינ׳ם שטאָדטישן גאָרטן איז נאָך אַלץ גרין און פֿריש פֿון דערווײַטנס. אָבער ווי נאָר דו געהסט צו און קוקסט זיך אײַן אין די בוימער, זעהסטו אין זייערע גרינע גרויזן צעהנדליגער געלע, פֿערוועלקטע בלעטער. דאָ און דאָרטן פֿער׳גנב׳ענען זיי זיך אין די געדיכטע צווײַגלעך ווי אַנ׳אַנשטעקענדיגע קרײַנק, וואָס דער אָנהויב פֿון איהר איז קוים צו בעמערקען און איהר סוף איז ביטער... ס׳האָט זיך פֿער׳גנב׳עט דאָס פֿוילעניש צווישען די צווײַגען און וואַרט מיט געדולד, מיט אַ געלען זיכערן שמייכעלע, מיט אַ פֿערבאָרגענער שנאה צו אַלץ וואָס איז גרין און געזונד.

אין דער לופֿט פֿיהלט זיך אַנ׳אונאַנגענעהמע פּײַכטקײַט — און אַ דינער, דינער ריח פֿון שימעל. דאָס איז אַ ריח, וואָס זאָגט אָן, אַז דער הערבסט קומט. אַלע מענשען, וואָס שפּאַצירען אום אין גאָרטן, דאַכט זיך מיר, לייגען זיך פֿויגעלעך אין בוזעם, אַז ס׳איז נאָך זומער און זומער אַרום און דער אָסיען איז נאָך ווײַט. און דערפֿאַר טאַקי האָבן זיי זיך אָנגעטהון אין זומער־קליידער און אין שטרויענע היט, כדי מען זאָל זעהן, אַז ס׳איז אַנ׳אמת...

אָבער פֿון זײַערע בעוועגונגען שלאָגט שוין אַ ריח פֿון הערבסט. אַ פֿערבאָרגענע, שטילע דאגה׳לע בליקט קרענקליך אַרויס פֿון זײַערע אויגען. איך לייען אין זייער קוק: הערבסט... רעגענס... אומעט... ווינטער... וואַרעמע קליידער... אַ וואַרעמע דירה...

אָט די לעבעדיגע, נאַטירליכע דעקאָראַציע האָט זייער געשטימט מיט מײַן גײַסטיגען צושטאַנד. איך האָב מיר געקלערט: אַז מען זאָל מיך נאָר אָנקוקען, דאַכט זיך עס איך און איך טרינק, שפּאַציר און בעטראַכט. בקצור — אַ מענש, וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען! אָבער וואָס האָב איך בײַ זיך בעשלאָסען? אָ? וואָס ליגט דאָ בײַ מיר אין קעשענע? וואָס איז דאָס שווערליכע, גלאַנצעדיגע זאַך, וואָס שלאָפט זיך אָט דאָ? — שלאָף, קעצעלע!...

ניט האָבענדיג וואָס צו טהון, האָב איך מיך אָבגעוואויגען אויפ׳ן וואָג־שטול, וואָס שטעהט אין גאָרטען און ווענט אָב „איטליבען פֿערזאָן נאָר פֿאַר צעהן גראָשען".

דער מענש, וואָס שטעהט בײַ דער שאָל, האָט מיר דערלאַנגט אַ שמאָלינקע קאַרטעל מיט געפּרײַגטע ציפֿערען: „דרײַ פּוד מיט עלף פֿונט".

דאָס קאַרטעל האָט בײַ מיר געציטערט אין האַנד. איך בין אומגעגאַנגען און אַלץ געטאַפּט די אותיות, בעטראַכט נאָך אַ מאָל און נאָך אַמאָל. געשמייכעלט פֿאַר זיך: איז דאָס דען ניט צום לאַכען? איך בין, פֿערשטעהט איהר מיך, אַ מענש, וואָס געהט און בעוועגט זיך און הערט און קוקט. אַ מענש, וואָס פֿערשטעהט און בעטראַכט און לעזט און איז געוועזען אַ שטיקעל צײַט משוגע פֿונ׳ם „אויבער־מענש"; איך, פֿערשטעהט איהר מיך, בין אַ מענש פֿון צוואַנציג יאָהר... צוואַנציג יאָהר! כ׳האָב געליטען און איך לײַד און בין פֿערצווייפֿעלט און בין זיך מכין אײַנצונעהמען אַ מיתה משונה. און דאָס אַלץ מיטאַנאַנדער מיט׳ן גאַנצען סך־הכל וועגט נאָר דרײַ פּוד מיט עלף פֿונט! אָט האָסטו דיר גאָר דרײַ פּוד מיט עלף פֿונט. ס׳געהערט? אין דעם דאָזיגען וואָג געהען אַרײַן די הענד, די פֿיס, די געדערעם, וועלכע שרײַען אַזוי ווען ס׳איז ניטאָ וואָס צו עסען; — די לונגען, וועלכע אָטהעמען, די געהירען, וועלכע טראַכטען. אַלע רעיונות, אַלע שטימונגען, אַלע געפֿיהלען, אַלע זכרונות, אַלע פֿערבאָרגענע איבערלעבונגען —

אַלץ געהט דאָ אַרײַן. אַט די אומגליקליכע דרײַ פּוד מיט עלף פונט נעהמען אין זיך אַרײַן, יענעם קלײנעם, קרײנקליכען שלמה׳קען, וואָס איז געזעסען אויף אַ בײַנקעלע בײַ זײַן טאַטען אין גרויסען, אומעטיגען שטוב און געטרוימט זײַנע שוואַרצע טרוימעלעך, און צו דעם איז שײך אויך דער יעצטיגער, צוואַנציג־יאָהריגער בחור, וועלכער איז זיך מכין... נו, לאָמיר זאָגען, נעהמען און אַרײַנשיסען זיך אין שלײף אַרײַן.

אַט האָסטו דיר דרײַ פּוד מיט עלף פונט! נאַ דיר גאָר דרײַ פּוד מיט עלף פונט!

נו, און וואָס פאַר אַ בעטרעף האָט אַזאַ קלײנע וואָג אַנטקעגען אַט די שטײן און ציגעל־גיגאַנטען — מויערען, וואָס ציהען זיך דאָ און דאָרטען. און פונדעסטוועגען... נאָך אַמאָל: אַט שטעהען שטײנערנע פּאַלאַצען פון בײדע זײַטען גאַס; געבײַדעס, וועלכע וועגען הונדערטער טויזענדער פודען, מיליאָנען פודען... געוויס. און אַט די זעלבע שווערע מאַטעריאַלען זאָרגען ניט און לײַדען ניט, לויפען ניט אויף לעקציעס, האָבען ניט פײַנד און האָבען ניט ליעב און גאָרנישט... קענסט בײַ זײ מיט אַ האַמער צוקלאַפּען אַ גאַנצע וואַנד, וועלכע וועגט אַ סך, אַ סך פודען, וועלען זײ גאָרנישט ניט פיהלען. אַ שטויב וועט נאָר געהן. אָבער פּרוב נאָר אָבהאַקען בײַ אַ מענשען ווי איך למשל אַ האַנד, אַ האַלבע האַנד, וואָס וועגט נאָר אײניגע פונטען... אָה!

אַט וואַלגערט זיך אַ שטײן פון מיטעלער גרויס אויפ׳ן ברוק... כ׳קען שווערען, אַז ער וועגט ניט מעהר ווי מײַן גאַנצע קאָפּ. און פונדעסטוועגען דער שטײן — און מײַן קאָפּ! וואָס פאַרא צווײ קאָנטראַסטען! דער קאָפּ, פערשטעהט איהר מיך, קלערט און געדײנקט און שטרעבט, און בײנקט. דער שטײן — גאָרנישט. ער ליגט זיך און גאָרנישט, אַזאַ פּעטאַק! און בײדע האָבען, דאַכט זיך, דאָס זעלבע וואָג... נײן, ס׳איז עפּעס ניט אַזוי. און פונדעסטוועגען איז דאָס מאָדנע.

דער קאָפּ האָט מיר גענומען דרעהען און ס׳איז מיר ניט גוט געוואָרען פון אַזעלכע נערוועזע מחשבות. אוי. קען איך זײ ניט לײַדען אַט די מחשבות׳לעך! נאַרישע און עזות׳דיגע טשעפּען זײ זיך צו און פּײַניגען און מען קען גאָר פון זײ לויז ניט ווערען.

כדי דערפרישען זיך אביסעל האב איך גיך, גיך גענומען געהן און גערייצט זיך בשעת־מעשה מיט זיך אליין:

— רוקט אייך, רוקט אייך! עס געהען: דריי פוד מיט עלף פונט אין א געשטאלט פון א בן־אדם. מיט הענד און קאפ און פיס אט ווי היינט איז ביי אונז יום־כפור אויף דער וועלט! — דריי פוד מיט עלף פונט, וואס „טוהען־טון" האלטען אנ'אנגעלאדענעם רעוואלווער אין טאש. רוקט אייך אב, זייט מוחל!

*

אז איך בין נעכטען ארויס פון גארטען, בין איך נאך גע־וועזען צעטראגען, מאדנע מיני מחשבות און מחשבות'לעך זענען מיר ארומגעקראכען אין מוח ווי מוראשקעס אין זייער נעסט. די זון איז אונטערגעגאנגען, דער טאג האט גע'גוסס'ט, קרענקליך־רויט איז געוועזען דער מערב־הימעל פון יציאת־נשמה. א ווינטעל האט שוואך געאטהעמט און זיך אלע ווייל איבערגעריסען. די פייכטקייט אין דער לופט האט זיך גענומען פיהלען שטארקער און האט אנגעזאגט א בעהאלטענעם, נאהענטען הערבסט. ווידער אמאל האב איך זיך אומגעקעהרט צו די יודישע קווארטאלען. מען האט שוין דארטען געענדיגט דאווענען מערב. מנינים, קלייזלעך און שולען האבען געעפענט פירקאנטיגע מיילער און צוזאמען מיט א הייסער פערדארבענער לופט, גענומען ארויסשפייען טויזענדער יודען און יודענעס און קינדער. אלע האבען זיך געאיילט א היים בערוהיגען די מאגענס. געבענשט איינער דעם צווייטען, געקושט זיך בחפזונ'דיג פון מצוה וועגען, די גאסען האבען אויפגעלעבט.

אהיבשע ווייל בין איך ערגעץ וואו געשטאנען אבגעזונ־דערט, עלענד, אויף א ראג פון א שמאלער געסעלע, און מקבל באהבה געוועזען די כטוסאקעס און שטויסערייען פון קניע און איי־לענבויגענס, מיט וואס די דורכלויפענדע, הונגעריגע מענשען האבען מיך אלע ווייל מכבד געוועזן. איך בין געשטאנען און בעטראכט די גרויסע מענגעס, וועלכע שווארצלען זיך און שלייננ־לען זיך אינ'ם גראהען פארנאכט אויף אלע זייטען, און שלעכטע מחשבות זענען מיך בעפאלען. איך האב אזש די ציין פערקריצט. אויף וועמען בין איך געוועזן ביין? וואס האב איך א שטייגער, געוואלט?

איך האָב געטראַכט: אַט איז אַ גרויסע געמיינדע פון טויזענדער מענשען, איטליכער איז אַ האַרץ פאַר זיך, אַ וועלטעל פאַר זיך. איטליכער פון זיי האָט זיך ליעב און בעשיצט אויף זיין גופ'עלע מיט אַלע זיינע שוואַכינקע קרעפטעלעך, מיט אַלע זיינע טאַלענטעלעך. און וועגען וועגט דאָס איינגאַנצען.. איטליכעס וועלטעל מיט אַלע ליידענשאַפטען און געדאַנקען; איטליכעס וועלטעל מיט אַלע האָפענונגען און שטרעבונגען — נאָר עטליכע פודען, איינינגע אומגליקליכע פודען: וואַרט וואַרט! זאָלען נאָר אַריבערגעהן עטליכע צעהנדליג יאָהרען, זעקס אָדער זיבען, וועלען עס אַ קאָרשט אויסשטאַרבען אַט די אַלע פודען אונרוהיגע-מאַטעריאַלען, וואָס געהען דאָ יעצט אַ דורך און מיינען מיט אַן'אמת אַז זיי זענען גאָר „מענשען"... אָבגעמעקט יועלען זיי ווערען פון דער ערד און וועלען פוילען. נאָר ווילדע גראָזען וועלען פון זייערע זאַפטען הנאה האָבען. אַט פון די קליידער, און שניפסען און זיידענע שמאָכטעס, מיט וואָס זיי קליידען זיך און קאָקעטירען און בעריהמען זיך — וועט ווערען שמאַטעס, פון די שמאַטעס — שטויב, און דעם שטויב וועט דער ווינד צעטראָגען. משוגענע פודען פלייש! אַט די טראָטואַרען, אויף וועלכע איהר טרעט, אַט די הייזער און מויערען, אין וועלכע איהר וואָהנט, וועלען צושמעטערט ווערען און איבער אַ נייעס אויפגעבויט ווערען אין אַן'אַנדער אָרדנונג, מיט אַ נייעם נוסח און קיין זכר וועט פון אייך ניט בלייבען. אַ גוט יאָהר האָט איהר זיך אויסגעבעטען, אַ יאָ? אַ גוט יאָהר?... וואָס?

נאָר די מענגעס יודען און יודענעס האָבען אַ פנים גאָרניט געוואוסט וואָס איך טראַכט אויף זיי. זיי האָבען זיך געאיילט אַ היים, אַ היים. ביי אַלעמען איז געווען אויפגעשריבען אויף די נעזער: עסען, עסען, עסען.

קאַפּיטעל פֿיער

נו, וואָס איז? האָב איך דען פֿערגעסען? פֿאַרוואָס ענדיג איך ניט, ווי רוף איך דאָס, מיין לעצטען חשבון? דער רוח ווייסט עס. צוויי מאָל האָב איך זיך שוין געלאָזען געהן צו י ע נ ע ם ע ר ט ע ל, אָבער ווי נאָר איך דערגעה ביז דער קרומער, משופּע׳דיגער געסעלע און די רויטע לאַמטערנע שווימט אַרויס פֿון דער פֿינסטער, דערשרעק איך מיך, אַ מיסטישע אימה פֿאַלט אויף מיר אָן און איך קעהר זיך אום צוריק...

ניט גוט! דאָס איז שוואַכקייט, שוואַכקייט און שוואַכקייט.

דאָס איז מיר עפּעס אויך אַ וואונדער! מיין וואַרעמער געפֿיהל צום רעוואָלווער האָט זיך, דאַכט מיר, אַביסעל אָבגעקיהלט... גאַנצענע טעג גיב איך אויף איהם ניט אַ קוק און גלעט איהם ניט ביינאַכט, ווען איך בין איינער אַליין אין צימער און דער לאָמפּ ברענט. ביינאַכט שלאָף איך ניט ווי געהעריג איז. און אַז איך חאַפּ מיך אויף, איז מיין מוח פּוסט און פֿינסטער ווי אַ קעלער פֿון אַ חורבה. אין דערפֿריה שטעה איך אויף, טרינק טיי אָהן אַפּעטיט און געה אַוועק אָבגעבען מיינע עטליכע לעקציעס מיט אַן׳אַוטאָמאַטישע פּינקטליכקייט. איך לערען מיט מיינע תלמידים, איך מאַך צורעכט זייערע גריזען, גנב׳ע אַלע ווייַלע אַרויס מיין זייגערעל פֿון דער וועסט־קעשענע און חאַפּ אַ קוק אויפֿ׳ן ציפֿערבלאַט. האָטש, אָפֿען גערעדט, הויב איך ניט אָן צו פֿערשטעהן, וואָס האָב איך זיך צו איילען. ווער וואַרט דען אויף מיר? וואוהין דאַרף איך געהן? — כ׳האָב אויפֿגעהערט צו שרייען נערוועז אויף מיינע תלמידים, ווי איך פֿלעג טהון ביז יעצט, ווען זיי מאַכען ניט זייערע אוראָקעס; און איך לויב זיי ניט, ווען זיי מאַכען אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין, ווען זיי מאַכען אפילו זעהר גוט. די נאַאיווע אויגען פֿון מיינע תלמידים קוקען מיך בגנבה אָן, בשעת׳ן לערנען, מיט קינדערשע נייגעריגקייט, מיט פֿערבאָרגענעם, קינדערשען חשד. זייערע קינדערשע בליקען זוכען אין מיין פֿערשטיינערטען

פנים די בעשיידונג צו דער פערענדערונג, וואס זיי פיהלען אין מיר. זייער נאכקוקען מיר, איז מיר זעהר ניט געפעלען. איך פיהל זיך ניט בעקוועם, איך בעוועג זיך ניט פריי און קנייטש מיט דעם שטערען, פונקט ווי איך וואלט געוועזען ארומגעוויקעלט מיט שפינוועבס. אז איך ווער פון דעם מיעד, בעפעהל איך זיי מיט א צובראכענער שטימע, זיי זאלען בעסער ארייננקוקען אין בוך אריין און גארנישט זוכען ביי מיר אויף מיין נאז, זיי וועלען אויף איהם גארנישט געפינען.

מיינע בעקאנטע האבען מיר יעצט פארגעלעגט דריי נייע לעקציעס פאר זעהר א גוטען האנאראר: צו פופצעהן רובל א לעקציע. אזוינע לעקציעס האב איך נאך קיינמאל ניט געהאט. דעם ערשטען טאג חול־המועד־סוכות הויב איך שוין אן צו געבען די ערשטע לעקציע. אין פלוק איז די קשיא, צוליעב וואס טויגען מיר לעקציעס... יעצט! אין דער צייט ווען איך בין שוין כמעט ווי פערטיג מיט... כ׳פערשטעה ניט. צוליעב וואס האב איך זיי אנגענומען פרעג איך? און וואס עפעס דוקא יעצט האב איך אזוי אנגעהויבען געפעלען צו ווערען בעלי־בתים. אט יעצט איז ביי זיי א צייט צו געבען מיר לעקציעס! אוי, איז דאס א וועלטעל...

אפילו לייענען, מיין איינציגעס פערגעניגען ביז יעצט, ווילט זיך מיר אויך ניט. ס׳האבען מיר דערעסען אלע ביכער ביז צום ברעכען. ווי נאר איך עפען אויף א בוך, דאכט זיך מיר, אז זיין אינהאלט ווייס איך שוין פון לאנג אן, אז אלץ וואס מען שרייבט איז אלט, אלט און אבגעלעבט. אלטע שמאטעס, פעקלעך אלטע שמאטעס, וועלכע זענען איבערגעבונדען מיט נייע, קאלירטע סטענגעס. און איך לעג אוועק דאס בוך מיט א געהנעץ, שפּיי אויס, צולעג זיך אויף מיין סאפע און קוק מיט גרויסע אויגען אויף דער סטעליע. איך קוק און בעטראכט זי, פונקט ווי עס וואלט דארטען געוועזען וואס צו בעטראכטען. אבער די סטעליע איז אויך אלט, און שוין צופיעל. צופיעל בעקאנט מיט אלע איהרע קלייניגקייטען: פון די פערשטויבטע ווינקעלעך ביז דעם ווייסען קראץ — רעכטס, ביז דאס שווארצע פינטעלע — לינקס, נעבען אלמער — א געפגר׳טע פליג, וואס האט זיך דארטען צוגעקלעבט און אזוי איז זי פערטריקענט געווארען.

הײנט פארנאכט, אז איך האב שוין ניט געקענט אריבער

טראָגען דעם געפֿיהל פֿון עקעל צו מײַן צימער, צו דאָס מעבעל און צו דעם געריוש אין די גאַסען — בין איך אַװעק אין טעאַטער. מען האָט געשטעלט „פֿאַוסט", די אָפּערע, װאָס איך האָב אַזוי ליעב געהאַט, װאָס איך האָב אַזוי פֿיעל מאָל געהערט און געזעהן און קײנמאָל ניט זאַט געװאָרען. אָבער דאָס מאָל, װי נאָר דער רויטער מעפֿיסטאָ האָט זיך בעװיזען אויף דער ביהנע און האָט זיך צעזונגען, איז מיר קלאָר געװאָרען, אַז איך האָב איהם פֿײַנד תּכלית־שׂנאה. כ'האָב זיך זעלבסט געפֿרעגט: װי אַזוי געהט מען דאָס זעהען אַ זאַך, װאָס מען קען שוין פֿון לאַנג אָן?

און בין אַװעק.

מײַנע בעקאַנטע בעזוך איך ניט. איך װײס פֿאָראויס, אַז איך װעל דאָרטען זעהן יענע מעבעל און יענע בילדער, װאָס איך האָב שוין געזעהען, יענע פּנים'ער — װאָס איך קען גאַנץ גוט, און כ'װעל הערען יענע שמועסען, יענע אויס־גענוצטע װערטער, װאָס איך האָב שוין געהערט שענע־עטליכע מאָל.

עס ציהט מיך יעצט זעהר שטאַרק צום „טרונק". אַרײַנגעהן, צום בײַשפּיעל, אין אַ ברודנעם שײַנקעל — דוקא אין אַ ברודנעם — װאָס איז אָנגעפֿילט מיט אַ שטאַרקער פּאַרע פֿון בראָנפֿען און ביער און טאַבאַק־רויך און טרינקען ביז צום טויב און בלינד װערען; טרינקען אַזוי, אַז פֿון אַלע װענד און מענשען און טישען און גלעזער זאָל עפּעס װערען אײן שיטערע געמישעכץ, און איך זאָל ליעגען אין רעכטען מיטען און שמײכלען מיט אַ שכּורין, גוטהאַרציגען שמײכעל. —

אָבער איך האַלט מיך אײַן מיט אַלע כּחות. איך האָב מורא טאָמער װעל איך פֿון דעם װײכליך װערען. איך האָב מורא, טאָמער װעט אַזאַ שאַרפֿער מיטעל װירקען אַזוי שטאַרק אויף מײַן רצון, אַז ער װעט איבערברעכען און צעקריכען בײַ דער ערשטער אָנשטרענגונג און איך װעל ניט קענען פֿערענדיגען דאָס, װאָס איך האָב אָנגעהויבען. נײן, איך װיל שטאַרבען מיט אַ פֿעסטען װילען, מיט'ן גאַנצען האַרצען, מיט אַ קלאָרען פֿערשטאַנד. איך דאַרף דעם קלאָרען פֿערשטאַנד ניט האָבען, כּדי צו שרײַבען צוואות, לעצטע בריעף — לויט דעם אַלטען מנהג פֿון מענשען, װעלכע האַלטען בײַ שטאַרבען און זעלבסט־מערדער. איך האָב ניט װאָס צו שרײַבען און האָב ניט װעמען צו שרײַבען. װאָס זאָל איך

שרײַבען? אפשר, די אויסגעניצטע, באַנאַלע פּראָזע: „איך בעשולדיג קײנעם ניט?" — ס'איז אַ ליגען, אַלע זענען שולדיג אין מײַן טױדט! שרײַבען: „איך בעשולדיג אַלעמען אין מײַן שטאַרבען?" ס'איז אַ ליגען, קײנער איז ניט שולדיג! בעסער װאָלט שוין געװען איבערצולאָזען אַ קלײנעם אויפֿשריפֿט, אַ שמאָלע שורה'לע אויף אַ לאַנגליכען צעטעלע: „ק ײ נ ע ר איז ניט שולדיג אין מײַן טױדט און שולדיג זענען אַ ל ע". חאַ—חאַ, דאָס װאָלט געװען אמת'ער װי אַלץ אויף דער װעלט! אָבער צו אָריגינאַל פֿאַר די נײַגעריגע אויגעלעך און פֿינגערלעך, װאָס װעלען נאָך מײַן טױדט בעטראַכטען און בעטאַפּען מײַן װײַסען, לאַנגליכען קװיטעל פֿון אַלע זײַטען אַ „פֿײַן-װערטעל" װעלען זײ אַ זאָג טהון און פֿאַװאָלינקע, איראָניש אַ שמײכעל טהון. קענען זײ דען פֿיהלען דאָס אונענדליכעס, אײביגעס, װאָס איך שטאַרבענדער פֿיהל אין דעם?

איך דאַרף מײַן קלאָרען פֿערשטאַנד האָבען צוליעב זיך אַלײן. איך װיל אַריבערטרעטען דעם שװעל מיט אַ זיכערע פֿוס, אָהן ספקות, נאָר אָהן ספקות. שמאָל איז דער שװעל, װעלכער ליעגט צװישען לעבען און טױדט. ער איז ניט ברײטער פֿון אײן ניקעלנער קויל. װאָס ליעגט שוין גרײט בײ מיר אין רעװאָלװער-שײַדעל. מען דאַרף נאָר האָבען אַ האַרץ אַ דריק צו טהון אין אַ בעװאוסטען אָרט, איז מען גלײַך אויף יענער זײַט שװעל. דאָר-טען מוז דער נײַער האָריזאָנט זײַן ברײט און לויטער, קײן אײנציגעם װאָלקענדעל טאָר זיך אויף איהם ניט געפֿינען. דאַן איז דאָס אַ שענער טױדט, אַנ'אמת'ער טױדט.

אָבער... װאָס איז דאָס אַזױנס? דאָס, װאָס איך האָב בע-שלאָסען מאַכט זיך עפּעס פֿון מיר אַװעק, בעהאַלט זיך אונטער גאַנצע בערג געדאַנקען און שטימונגען. איך בין, דאַכט מיר, יעצט אָבגעריסען אי פֿון לעבען, אי פֿון טױדט... װי אַזױ???

*

16 טעג אין תשרי

אַהאַ... איך בין דערגאַנגען די רעטעניש. כ'האָב געפֿונען דעם שליסעל צו מײַן פֿערפֿרױרענעם גײַסטיגען צושטאַנד, װאָס האָט מיך אַלײן געװאונדערט.

כ׳האָב אָבגעוואָגען מײַן פֿיהרען זיך, מײַנע שטימונגען, מײַן געהן און שטעהן, מײַנע מחשבות אין די לעצטע טעג, כ׳האָב דאָס פֿערגליכען מיט מײַן פֿריהערדיגעס לעבען, מיט מײַנע פֿריהערדיגע שטימונגען און איך פֿערשטעה...

איך פֿערשטעה, אַז איך בין יעצט צוגעקומען צו דעם טוידטען-פונקט צווישען צוויי גלײַכע קרעפֿטען, וואו די שטאַרקסטע ענערגיע ווערט פֿויל און אָבהענגיג. פֿון איין זײַט ציהט מיך דאָס לעבען, פֿון דער צווייטער זײַט דער טוידט און איך הענג צווישען בײדע מאַגניטען און דרעה מיך אויף איין אָרט, אַרום מײַן אײגענער אַקס: ניט אַהער, ניט אַהין. — איך האָב זיך אָבגעריסען פֿון לעבען, אַוועק צום טוידט און, זײַענדיג אונפּראַקטיש אין אַזוינע זאַכען, בין איך אַרײַנגעפֿאַלען אין אַזאַ פּונקט, וואו די לעבענס-קראַפֿט און די טוידט-קראַפֿט זענען צו איהם בײדע גלײַך ווײַט, אָדער גלײַך נאָהענט; און מײַן רצון, די דריטע קראַפֿט, ווערט בטל צווישען זיי בײדען... איך לעב יעצט, טרינק, עס און שלאָף און בעוועג זיך נאָר פֿון געוואָהנהײַט, פֿון אינערציע...

צו אַזאַ פֿערקיהלט פּינטעל בין איך געקומען: אויב זיך וויל קען איך שטאַרבען ווי איך האָב בײַ זיך בעשלאָסען; און אויב איך וויל... הם, אויב איך וויל, אדרבא, קען איך זיך לעבען... ס׳הײסט, איך דאַרף נאָר פֿערקויפֿען דעם רעוואָלווער אָדער קאַליע מאַכען איהם און לעבען אַזוי ווי עס לעבען זיך גאַנצע מענגעס מיט מענשען, וועלכע פֿילען אָן טאָג-טעגליך אַלע גאַסען.

בײדע וואָגשאָלען פֿון טוידט און לעבען זענען פֿאַר מיר גלײַך. איין שאָל וועגט ניט איבער די אַנדערע, קײן פּיצעל הכרעה איז ניט צו בעמערקען. און אַזוי ווי ס׳איז אַ סברה, אַז אַזאַ אונפֿאַרביגער צושטאַנד וועט זיך נאָך אַויעקציהען אַ סך לאַנגע. לאַנגווײַליגע טעג, דעריבער מוז מען אַראָבוועגען אײנע פֿון די שאָלען, אַראָבוועגען מיט איין אָנשטרענגונג — אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל.

„שוואַרץ אָדער ווײַס, אָבער ניט גראָה. קאַלט אָדער וואַרם, אָבער ניט לעבליך. אויפֿהויבען זיך אָדער אַראָבפֿאַלען, אָבער ניט פֿוילען אויף איין אָרט.“

וואָס וויל פֿון מיר דאָס לעבען? וואָס ווינקען צו מיר אַזוי די לאַמטערנעס בײַנאַכט? וואָס שײַנט אַזוי, וואָס מוטשעט מיך

די זון אין דערפריה? וואָס לאַכען אַזוי פֿרעהליך די גאַסען? איך וויל ניט מעהר, איך קען ניט מעהר. איך האָב שוין אַ סך געטראַכט און איינמאָל בעשלאָסען: איך מוז, איך מוז אָראָבוועגען די וואָגשאָל פֿון טויט; זאָל עס זיין בכיון. זאָל עס זיין קינסטליך, מיט געוואַלט... יאָ. יאָ. אַזאַ צושטאַנד ווי איצטער טאָר מעהר ניט געדויערען. און ווייטער אַוועקזעצען זיך לעבען נאָר צוליעב דעם פּראָצעס פֿון לעבען אַליין? לעבען ווי יעצט, נאָר כדי צו בעוועגען די הענד און די פֿיס און טראָגען אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס — וויל איך ניט, איך דאַרף ניט, איך קען ניט!

אַזאַ צושטאַנד מוז מען אָננעהמען און אַ טרייסעל טהון אַזוי, אַז בוואַליעס זאָלען אויפֿברויזען, אַז אַלץ זאָל זיך דערנאָך טהון פֿון זיך אַליין; זאָל עס ברעכען און קעהרען קאַפּויר מיט אַ ווילדקייט, מיט אַ ברען און דער עיקר מיט איין מאָל. —

אַראָבוועגען איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל די וואָגשאָל פֿון טוידט, ווי אַזוי? איינפֿאַך: 1) אָבזאָגען זיך, צום ביישפּיעל, פֿון אַלע לעקציעס, צופּטר'ן דאָס לעצט ביסעל געלד, וואָס וועט זיך ביי מיר אָביטשטעלען און בלייבען אָהן עסען, אָהן דירה.

2) פֿערקויפֿען אַלע מיינע ווינטער־קליידער, מיין פֿוטער, מיינע קאָלאָשען און בלייבען אָהן אַ בגד און דער ווינטער איז שוין באַלד דאָ...

3) צורייסען זיך מיט אַלע מיינע בעקאַנטע (קיין פֿריינד האָב איך ניט), צורייסען זיך מיט זיי בכיון, אַרויסטרייבען זיי פֿון שטוב, אויב זיי וועלען צו מיר קומען, עס זאָל מיר פּראָסט ניט בלייבען וואו אַ פֿוס אַנידערצושטעלען.

און נאָך, און נאָך אַזעלכע מעשים... דאַן וועט קומען דער „מוז", דער הכרח, וועט אַוועקלעגען זיין שווערען שטיין און וועט אַראָבוועגען די וואָגשאָל פֿון טוידט, נאָר די וואָגשאָל פֿון טוידט...

פֿריהער וואָלטען מיך אַזוינע זאַכען איבעריגס ניט געאַרט. פֿערקעהרט, פֿריהער אין הונגער און אין נויט פֿלעג איך זיך פֿיהלען טיעפֿער און מיט אַ קאָפּ העכער ווי אַנדערע. יעצט ניט. יעצט זוך איך נאָר אַ תירוץ, יעצט דאַרף איך נאָר יוצא זיין פֿאַר מיין לעבענס־געפֿיהל. איך מוז איהם ווייזען, אַז איך בין באַנקראָט, באַנקראָט אויף אַלע זייטען. איך אַליין בין שוין לאַנג טויט. איך לעב נאָר ווייל איך בין נאָך ניט געווען — דאָרטען...

יאָ, יאָ. נאָר אויף אַזאַ אופן וועל איך אַרום זיך פֿערשליסען אַלע וועגען, אַלע וועגען, וועלכע פֿיהרען צום לעבען; נאָר איין־איינציגע שמאָלע שטעגעלע וועט מיך נאָך איבערבלייבען: צום טוידט!

די נויט וועט מיך ניט לאָזען שטעהן אויף איין אָרט ווי איך שטעה יעצט. זי וועט שוין שטויסען, זי וועט טרייבען: גנעה, גנעה, גנעה!

און מעשה־שטן, דוקא אין אַזאַ מאָמענט, ווען איך מוז זיך אַלע ווײַלע טאַפּען בײַם אייגענעם דופק און צוהערען זיך צו איטליכען האַרץ־קלאַפּונג, כדי ניט אַ טעות צו האָבען אויף אַ האָר, דוקא יעצט האָט מען מיר אַרײַנגעשטופּט עטליכע פֿעטע לעקציעס און איך האָב זיי אָנגענומען. אַ שאָד.

דוקא יעצט האָב איך די מעגליכקײַט צו פֿערדינען אַ גאַנצען הונדערטער אַ חודש, אַזוי ווי איך האָב נאָך קיינמאָל ניט פֿערדינט; דוקא יעצט קען איך זיך דינגען אַ שענע דירה, קליידען זיך, קויפֿען נײַע ביכער, לעבען ברייטליך, לעבען ווי „אַ מענש".

אָבער יע־יע, כ'פֿערשטעה שוין... דער טײַוועל טאַנצט שוין אַרום מיר. ער האָט שוין געקראָגען אַרבײַט. ער וויל מיך שוין פֿערשלעפּען צוריק אין דאָס לעבען אַרײַן, וועלכע איז מיר נמאס... אהאַ, אַהינצו וויל ער מיך פֿערשלעפּען? מאַכען מיט מיר וואָס עם גלוסט זיך איהם? צאַצקעלעך בעוויײַזט ער מיר? ניין, הײַנטיגען מאָל וועט זיך עם איהם ניט אײַנגעבען. מאָרגען הויב איך זיך אָן אָבצוזאָגען פֿון אַלע לעקציעס. מאָרגען! אוים נײַע און אַלטע לעקציעס, אוים תלמידים און טאַטעס און מאַמעס און פּופּצעהנרובעלדיגעס. אוים, אוים. ס'איז אַ אומזיסטע טרחה. — און ווי נאָר איך וועל אָנהויבען וועט שוין ניט זײַן שווער צו מאַכען נאָך אַ טראָט און פֿערקויפֿען אַלץ וואָס איך האָב. נאָך אַ טראָט: און איבעררײַסען מיט אַלע מײַנע בעקאַנטע דאָס, וואָס האָט מיך געצוואונגען בעזוכען זיי פֿון צײַט צו צײַט, דריקען זיי די האַנד, פּלוידערן מיט זיי...

יאָ, יאָ. מאָרגען הויב איך אָן.

*

איך הויב אָן ...

איך הויב אָן מקיים צו זײַן דאָס, וואָס איך האָב בעשלאָסען. מיט געוואַלט בויג איך אַראָב די וואָגשאָל פֿון טוידט אַרונטער. פּאַמעליך, פּאַמעליך געה איך אַרויס פֿונ׳ם גלײַכגילטיגען אונבעוועגליכען צושטאַנד. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער. די פּים בעוועגען זיך פֿלינקער. ס׳האָבען זיך צו מיר אומגעקעהרט מײַן נערוועזיטעט און די מחשבות, וועלכע דרעהען זיך און בײַטען זיך אין מיר, ווערען שוואַרץ און ווערען ווײַס, ווערען דערטרונקען און שווימען אַרויס — אַ גאַנצער קאַלײַדאָסקאָפּ.

איך האָב נאָר אָנגעהויבען און אַלץ געהט שוין פֿון זיך אַלײַן. ווי דער קנויל וואָס ליעגט אויפ׳ן שפּיץ באַרג. אין פֿלוק — ליעגט ער זיך ... אַ שטיק האָלץ און ווײַטער גאָרניט. ריהרט איהם נאָר אָן מיט איין פֿינגערעל. הויבט ער עס אָן אַביסעל צו לויפֿען, וואָס ווײַטער אַלץ געשווינדער. פֿונ׳ם קײַלעכדיגען שטיק האָלץ ווערט פּלוצלונג אַ לעבעדיגע זאַך, וואָס שטרעבט און רײַסט זיך, און שפּרינגט, און גלוסט אַראָב, אַראָב.

אָט אויף וויפֿיעל די סטרונעס זענען בײַ מיר געווען אָנגעצויגען!

קאַלט, מיט אַ העפליכען נײַגעלע מיט׳ן קאָפּ, מיט אַ שטילען שמײַכעלע בעזוך איך די וואָהנונגען פֿון מײַנע בעלי־בתּים און זאָג מיך אָב פֿון מײַנע נײַע און אַלטע לעקציעס. ווי אַנ׳עכטער פּראַקטישער מענש מאָן איך פֿריהער אויף דאָס ביסעל געלד, וואָס עס קומט מיר אַרויס און דערנאָך: אַזוי און אַזוי. איך מוז עקסטרע אָבפּאָהרען און דעריבער ... אַ שאָד, אַ שאָד ... אָבער איך מוז זיך אָבזאָגען פֿון אַלע לעקציעס. פּאַרדאָן.

ס׳איז יום־טוב׳דיג, ס׳איז סוכּות׳דיג בײַ מײַנע בעלי־בתּים אין די הײַזער. אַלץ איז בײַ זיי פּערפּוצט. אַלץ גלאַנצט — מיט זילבער און מיט ווײַסע טישטיכער. די בעוועגונגען פֿון די בעלי־בתּים און זייערע מאַדאַמען, זייערע שמועסען זענען אויך יום־טוב׳דיג, ווייך און אַביסעלע אָבגעלאָזען. בײַ מיר איז הײַנט אויך אַ שטיקעל יום־טוב. צוליעב זײַן כּבוד וועגען האָב איך זיך אויסגעפּוצט אין מײַן נײַעם אַנצוג, מיט אַ נײַעם פּאַפּירענעם קראַגען. אַ יום־טוב

פֿון אָבזאָגען לעקציעס איז בײַ מיר דער הײַנטיגער טאָג. מײַן נשמה איז פֿול. און די אָדערען איז מיר אויסגעגאָסען אַ װײַבערשע װײַכליכקײַט.

צופֿריעדענערהײַד גײַ איך אַרויס פֿון די הײַזער, װאו איך האָב אָבגעזאָגט די לעקציעס מיט אײגענעם גוטען װילען. איך בין צופֿריעדען פֿון דעם. װאָס איך שפּיעל אַזױ גוט די ראָלע פֿון אַ מענשען, װאָס דאַרף אַװעקפֿאָהרען.

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבען פֿיהל איך מיך אַלס אַ אמת׳ער בעל־הבית איבער זיך אַלײן, איבער מײַן שיקזאַל, איבער מײַן מאָרגענדיגען טאָג. בעשלאָסען, גענומען אויף זיך די אחריות און געטהון, בעשלאָסען און געטהון, בעשלאָסען אָבלאָזען מײַנע לעקציעס און לאָז זײ אָב. אַזױ איז גוט.

נאָר, אַרײַנגעהענדיג הײַנט צו דעם הער־מיכלין, כּדי אָבצוזאָגען זיך פֿון דער לעצטער לעקציע, האָט מיר געטראָפֿען אַ זאַך, װאָס האָט מיר ניט איבעריגנס געשמעקט. אײדער איך האָב נאָך צײַט געהאַט אויסטהון די היטעל, אַװעקשטעלען דעם שטאָק און זאָגען „גוט מאָרגען", איז צו מיר צוגעגאַנגען די מאַדאַם מיכלין מיט איהר אײגענער פּערזאָנע, מיט איהר זאַטען פּנים מיט די קנײטשעלעך, װעלכע זענען פֿערלעגט מיט פּודרע, מיט איהרע אָבגעשטעקטע ליפּען, װעלכע שרײַען „דרך־ארץ!" מיט איהר דינעם ראָזען קאַפּאָט, װעלכער בעװײַזט װאָס אַ גרויסע ברוסט זי האָט, — און מיט אַ געזאַלצענע זיסקײַט האָט זי מיר מודיע געװען, אַז זי װײס, אײגענטליך ניט, װער פֿון אונז פֿוילט זיך, צי איך — דער לעהרער, אָדער איהר זוהן — דער תּלמיד; װי די מעשה איז זעהט זי ניט קײנע נוצען אין מײַן לערנעכץ און דעריבער... און דאָס, װאָס עס קומט מיר פֿאַר אַ האַלבען חודש, צאָהלט זי מיר דאָ אָב.

מײַן לוסטיגקײַט פֿאַר אַ גאַנצען טאָג איז אַפּענשטער אַװעק װי אַ רויך; די מאַדאַם האָט אַלץ אָבגענומען מיט איהר חשיבותדיגען פּנים. מײַן עגאָאיזם האָט שטאַרק געליטען פֿון דעם. ס׳האָט מיר װעה געטהון. װאָס מען האָט מיך מקדים געװען; איך בין שוין באַלד גרײַט געװען בײַז צו װערען. כ׳האָב געװאָלט אָבדאַנקען דער ברײַטער מאַדאַם דערפֿאַר, װאָס זי האָט מיר פֿערשפּאָרט אַ טרחה, ערקלערען איהר, אַז אײגענטליך בין איך טאַקי צוליעב

דעם גופא געקומען. נאר אין דעם זעלבען מאָמענט פון בעליידי־גונג און פערליערען דעם מוטה, האָט זיך ביי מיר אונגערען אראָב־געגליטשט די האַנד אין קעשענע אַריין און אָנגעטאַפּט דאָרטען דעם ר ע ו ו אָ ל ו ו ע ר... מיין כּעס איז אַפּענשטעל צופלאָסען געוואָרען און צוגאַנגען ווי אַ לייכטע פּאַרע אויף דער זון. אַ קאַלטער שמייכעל האָט זיך מיר צושוואומען איבער מיין פּנים: וואָס איז דאָ אין כּעס צו זיין? האַ—האַ, ס'איז דען ניט אַלץ איינס? ס'איז אינגאַנצען ווערט אַ שפּיי און מעהר גאָרניט! אָט באַלד, אין עטליכע טעג אַרום...

מיט דעם שמייכעל בין איך אַרויסגעגאַנגען, אויף אייביג פערלאָזען די בעקאַנטע טהיר מיט דער מעשענער, זיסער ברע־טעלע: „ליעאָ–מיכלין–קופּיעץ". די מאַדאַם האָט מיר נאָכגעקוקט פערוואונדערט. ווי עס ווייזט אויס, האָט זי זיך געקליבען זעהען, וואָס פאַר אַ פּנים בעקומט אַ יודישער לעהרער, ווען מען זאָגט איהם אָב פון אַ לעקציע, — און הנאה האָבען דערפון, און דאָס האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען.

*

18 טעג אין תשרי

נאָכ'ן גוטען אָנהויב מיט'ן אָבזאָגען זיך פון די לעקציעס, געהט אַריבער מיין אינדיפערענטער צושטאַנד מיט אַ משונה'דיגער גיכקייט. ס'קעהרען זיך צו מיר אום מיין אַפּעטיט, מיין חשק צום לעזען. ביינאַכט שלאָף איך טיעף און לאַנג. איך צווייפעל מעהר ניט. דאָס זענען שוין די גוטע רעזולטאַטען פון מיין בעשליעסונג. יאָ. די וואָגשאָל פון טוידט לאָזט זיך אַראָב טיעפער. אַזוי, אַזוי... ניעדריגער, ניעדריגער! באַלד דערגרייכט זי שוין ביז צו דער ערד... האַלט! איך דאַרף נאָך געהן אַהין, אַ ה י ן...

בעזונדערס האָב איך נעכטען גוט געשלאָפען. דער ספר, וואָס איך האָב געלעזען, האָט זיך אַראָבגעגליטשט אין מיטען לייענען אויף דער ערד. דער לאָמפּ איז געבליבען ברענען און איך בין פערזונקען געוואָרען אין אַזאַ געדיכטען, זיסען שלאָף, וואָס האָט שוין ביי מיר לאַנג, לאַנג ניט געטראָפען. איך בין געשלאָפען אַ שְׁנַת־יְשָׁרִים, אַנ'אמת'ען שלאָף, אָהן אַ בעהאַלטענעם דומפּען

אומעט, אָהן חלומות און אָהן פלוצליבֿע אויפֿחאַפּעניִשען. ווי אַ שטיק פֿערגעסעניש צווישען איין טאָג און דעם צווייטען האָט מיר אויסגעזעהן דער שלאָף פֿון דער פֿערגאַנגענער נאַכֿט.

גוט איז אַ פּנים דעם געזונדטען מענשען, וועלכֿער ווייס ניט פֿון קיין פֿערוואָגעלטע נעכֿט; נעכֿט אָהן שלאָף. פֿול מיט קאַש-מאַרען און ווינקענדע שאָטענס. אָה, אָט די פֿערשאָלטענע נעכֿט! וויפֿיעל בלוט האָבען זיי מיר קאַליע געמאַכט, וויפֿיעל מוח האָבען זיי מיר אויסגעטריקענט! אַזאַ נאַכֿט שרעקט נאָך בייטאָג. דו פֿיהלסט פֿאָראויס, אַז דו וועסט די היינטיגע נאַכֿט ניט שלאָפֿען און זוכֿסט אַלערליי מיטלען. געהסט אַרויס און שפּאַצירסט לאַנג, לאַנג אין די גאַסען און הינטער דער שטאָדט ביז די קניע הויבען דיר אָן צו ציטערען. כּדי נאָך מעהר צו פֿערזיכֿערען זיך מיט אַ שטאַרקען שלאָף, טרינקסטו אויס פּאַמעליך אַ גלאָז ביער. דער קאָפּ דרעהט זיך אַביסעל, און אַז דו הויבסט זיך אָן אויסצוטהון, דוכֿט זיך דיר, אַז ווי נאָר דו וועסט זיך אַריינלעגען אין בעט, וועסטו אַנשלאָפֿען ווערען ווי אַ שטיין. אָבער ווי נאָר דו לעגסט זיך, ווערט די קישען האַרט און פֿלאַך ווי אַ ברעט. די פֿיס ווערען צו לאַנג, און בשום-אופֿן קענסטו פֿאַר זיי קיין אָרט ניט געפֿינען. די דעקע ווערט צו וואַרם, די הויט ברענט ווי אין קדחות. וואַרפֿסטו פֿון זיך אַראָב די דעקע. נעהמט דיך אַרום אַ ניט-גוטע קעלט און הויבסט אָן צו ציטערן. די אויגען גליהען און טהוען וועה אונטער די ברעמען, וועלכֿע זענען פֿעסט פֿערמאַכֿט מיט אַ מאָדנע עקשנות פֿון דעם, וואָס וויל אַנשלאָפֿען ווערען און קען ניט. עפֿענסט דו אויף די אויגען — איז פֿינסטער. פֿינסטער אין צימער, פֿינסטער אין האַרצען. דיין גאַנצעס „זיין" איז עפּעס מעהר ניט ווי אַ קליין שטיקעל חושך אין דער אַלגעמיינער פֿינסטערניש, וועלכֿעס נאָגט, נאָגט שטילערהייד. –– אַ שעה, צוויי שעה, דריי... ווי פֿון פּעך אַרויס ציהען זיך די מינוטען. מיט אַ פֿערמאַטערנדע פֿוילקייט טריפֿען זיי. דיינע נערוועו הויבען אָן אונטערצושפּרינגען. דערגרייכֿט עס צו דיינע אויפֿגערעגטע אויערען אַ בילען פֿון אַ הונד, אַ סקריפּ מיט אַ ווייטער טהיר; אַ קלונג פֿון דעם סטרוזש'ס שליסעלעך, אַ דינער פּיפּען פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו, און דערנאָך דאָס קלענסטע בעוועגונג, דער לייכֿטסטער ריהר, און דיר דוכֿט זיך, אַז מען שרויפט דיר אָנגעגליהטע שרויפֿען אין שאַרבען אַריין. גיט

דיך אַ ביס אַ קליינע גנב'טעלע — אַ פֿלוי, גיבסטו זיך אַ וואָרף ווי אַ שלאַנג וואָלט דיך אַ ביס געטהון. חאַפּט זיך אַריין אַ שטראַהל פֿון ערגעץ־וואו אַ בעלויכטענע פֿענסטער און ציטערט אויף דעם פֿינסטערן באַלקען פֿון צימער, פֿיהלסטו בחוש, אַז מען שטעכט דיך מיט נאָדלען. אַלץ בעקומט אין דער פֿינסטער אַ געשטאַלט פֿון עטוואָס חוצפּה'דיגעס, אָבגעטהון עפּעס צו־להכעיס, פֿערדריסען די נאָז און טהו דאָס עפּעס... די מעבעל, די כּלים, אַלע זאַכען אין צימער קוקען אויף דיר, זייער גאַנצער כּוונה איז מעהר ניט ווי אויפֿצורייצען דיך און ניט לאָזען דיך שלאָפֿען. דיין רצון, דיין בעוואוסטזיין פֿערלירען זייער גלייכגעוויכט. דו קריצט מיט די ציין און ביסט בייז און ווייסט ניט אויף וועמען. די קאַכעל פֿון הרובע ווייסלען זיך אין דער פֿינסטער: „אין דער ערד מיט די ביינער!" — חאָטש אַ הרובע האָט בטבע קיין ביינער ניט. — די בעט גיט אונטער דיר אַ סקריפּ: „אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף אַלע בעטען!" — אַ האָר איז דיר, מעשה שטן, אַרויסגעפֿאַלען און אָנגעריהרט די נאָז: „אַ מפּלה אויף אַלע נעזער... זיצט אַ נאָז אין מיטען פּנים און לאָזט ניט שלאָפֿען". —

און אַז מען ווערט שוין אָבגעמאַטערט מיט לייב און לעבען און ס'איז שוין מעהר קיין כּח ניטאָ מלחמה צו האַלטען מיט דער גרויסער טעמפּער נאַכט, בייקומען זי, ווערסטו בעגינען אַנדרע־מעלט אַזאַ שיטערען, צוריסענעם דרעמעל, וועלכער מאַטערט ניט ווענינגער ווי די פֿערוואָגעלטע נאַכט אַליין. און אַז דו חאַפּסט זיך אויף, פֿיהלסטו זיך פּונקט ווי דו וואָלסט גאָרניט געשלאָפֿען. דו פֿיהלסט יענעם שווערען, ניט גוטען געפֿיהל פֿון אַ טוידט־הונ־געריגען, וועלכע האָט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער ווי אַ פּויק, כּדי איינצושטילען דעם הונגער...

און די פֿאָריגע נאַכט האָב איך געשלאָפֿען, געשלאָפֿען, געשלאָפֿען. קיין זאַך האָט מיך ניט אויפֿגערייצט. כ'האָב ניט גע־קריצט מיט די ציין, ניט געביסען די קישען. און אַז איך האָב זיך אויפֿגעחאַפּט, האָב איך זיך געפֿיהלט אַזוי לייכט, גרייט צו ערפֿילען די שווערסטע זאַך אין דער וועלט... חאָטש אַריינשיסען זיך אין שלייף אַריין.

בכן, בין איך פטור מיט די לעקציעס. וואס האב איך נאך צו טהון? מאכען א סוף מיט מיינע בעקאנטע, אוים בעקאנטע! פערקויפען אלץ וואס איך האב, זיין אין י ע נ ע ר ה ײ ז ע ל און... נעהמען זיך צו מיין „כלי”.

הערט נאר ווי איך וויצעל זיך!

אזוי איז גוט.

קאפּיטעל פינף

נעכטען, חול־המועד־סוכות, פֿאַרנאַכט, האָב איך זיך אומגעקעהרט אין מײַן צימער, געװאָלט אַ װאָרף טהון זיך אין בעט און אָברוהען. איך בין געװען זעהר מיד.

איך געה אַרײַן און געפֿין מירקינען װי ער ליגט זיך אויף מײַן אויפֿגעראָמטער בעט און שלאָפֿט... ער שלאָפֿט מיט פֿערגעניגען און אַ לײַכט שנאָרכען פֿלאַטערט בײַ איהם אין זײַנע דינע, ראָזיגע נאָזלעכער. װי עס װײַזט אויס, איז ער בײַ מיר געזעסען אין צימער און געװאַרט אויף מיר, ביז איהם האָט אָנגעכאַפּט אַ דרעמעל און ער האָט זיך אויסגעצויגען.

דער דאָזיגער מירקין איז אַ שענער יונגאַטש. אַ פֿרעהליכער, אַ געזונטער. בײַ מיר איז ער נאַר, פּשוט, אַ בעקאַנטער, אָבער ער איז איבערצײַגט, אַז איך בין זײַנער אַ חבר. ער האָט אָבשײַ פֿאַר מײַנע װערטער און אָפֿטמאָל האָט ער פֿאַר זײ מורא; דאַן בעמיהט ער זיך פֿערגלעטען דעם שװערען אײַנדרוק, לעגט מיר פֿאַר געהן אין טעאַטער אויף זײַנע קאָסטען, אָדער ער קויפֿט ביער מיט פֿערבײַסען. בכלל איז ער, װי זאָגט מען דאָס, „נאַרישעװאַטע", אָבער ער האָט אַ פֿיהלענדעס האַרץ און האָט צער, אַז דעם צװײטען איז שלעכט. בעצם האָב איך איהם ניט ליעב, איך האָב קײנעם ניט ליעב; נאָר, אַז מײַנע נערװען צוטאַנצען זיך, האָב איך ליעב אויסצוגיסען אויף איהם מײַן גאַנצע גאַל, מײַנע אַלע בײַסענדע געדאַנקען. איך בין זיכער, אַז ער װעט עס צונעהמען און װעט ניט פּראָטעסטירען, אפילו, װען דאָס בעלײדיגט איהם; װעט אָבשאַצען מײַן איטליכע פֿראַזע און װעט זעהן בערוהיגען מיך. און װײַל ער האָט צו מיר פּרעטענסיעס פֿון אַ גוטען פֿרײַנד, ערלויבט ער זיך אָפֿטמאָל צו רופֿען מיך בלשון „חזיר", „אידיאָט", שיקען צום טײַװעל. בכלל האָט ער ליעב צו זידלען זיך מיט'ן טײַװעל. נאָר זיכער בין איך, אַז װען מען זאָל גלײַך נעהמען פֿער־

קאַטשען די פּאַלעס און לאָזען זיך געהן צום טײַװעל, װאָלט ער זיך זעהר דערשראָקען.

אַצינד איז ער געשלאָפֿען בײַ מיר אין בעט מיט׳ן פּנים אַרויף. פֿון זײַן האַלב־אָפֿענעם מויל האָבען אַרויסגעבלישטשעט געזונדטע, װײַסע צײן, װאָס קענען, דאַכט זיך, בײנער צובײַסען. אויף זײַנע קאַרשען־רויטע ליפּען האָט געשװעבט אַ שמײכעלע פֿון אַ פֿרישען מענשען, װאָס האָט פֿון אַלץ הנאה. אפילו פֿון אַזאַ צופֿעליגען דרעמעל. און זײַנע פֿולע, רונדע פּיס, װעלכע זענען געװען פֿערװאָרפֿען װי אַ גרויסע שער, די ראָזיגע, געגאָלטע געמבע, די בלאָנדע, װײכע האָר, די יונגע, פֿוכיגע װענצעלעך — דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין אײן שענע האַרמאָניע, אַ האַרמאָניע פֿון זיכערקײַט און לעבענס־קראַפֿט, װעלכע פֿלײצט װי אַ פֿריהלינגס־טײַך און קײן זאַך שטערט איהר ניט.

אַ פּאָר מינוטען בין איך געשטאַנען און זיך צוגעקוקט מיט אַ מאָדנע נײַגעריגקײַט צו דעם בעקאַנטען פּנים. שלאָפֿענדיג, האָט דאָס געזיכט ניט געקענט ענדערן זיך, מאַסקירען זיך פֿון מײַנע דורכדרינגענדע בליקען. דער שלאָף האָט פֿער׳כשוף׳ט אַלע שטריכען פֿון געזיכט און האָט זײ מפקיר געװען מײַנע אויגען, איך זאָל זײ קענען בעטראַכטען װי עס גלוסט זיך מיר.

עפּעס אַ מין טריבע קנאה האָט זיך אין מיר אויפֿגעכאַפּט און פּאַמעליך אַ שטופּ געטהון מײַן האַנד... מיט אַנ׳אויטאָמאַטישע פֿאָרזיכטיגקײַט האָב איך אַרויסגענומען מײַן קלײן שפּיגעלע און אַ קוק געטהון: אַ מאָגער אויסגעניצט געזיכט; שיטערע אונפֿאַרביגע האָר — ניט אַש־קאָליר, ניט שאַטען, ניט בלאָנד... אַ גרויסע, בײנערדיגע נאָז מיט אַ רויטען בלאָטער אויפֿ׳ן רעכטען שפּיץ. דאָס בלאָטערעל האָט זיך דאָרטען אײַנגעבירגערט און װיל זיך גאָרניט ריהרען פֿון אָרט... קלײנע אײַנגעגראָבענע אויגען, מידע און אָהן אַ גלאַנץ. —

דאָס איז געװען מײַן געזיכט.

איך האָב צוגעגליכען די געשטאַלט, װאָס האָט צו מיר אַרויסגעקוקט פֿון שפּיגעלע, צו דאָס געזיכט פֿון דעם שלאָפֿעדיגען און האָב אַ ציטער געטהון... קײנמאָל איז נאָך מײַן געזיכט ניט געװען אַזױ מאוס, אַזױ מאָגער און רחמנות׳דיג װי אין דעם מאָ־

מענט. קיינמאָל האָט נאָך מײַן נאָז ניט אָבגעשטעקט פֿון פּנים אַזוי אומגעלומפּערט ווי יעצט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שמייכעלע פֿון דעם שלאָפֿעדיגען איז אַ נצחון־שמייכעלע. אפילו אין שלאָף פֿיהלט ער מײַן קנאָה, מײַן משונה'דיגע, ניט־נויטיגע קנאָה, און האָט הנאה. זײַן שנאָרכען פֿלאַטערט מיט אַזאַ פֿערבאָרגענעם שפּאָט...

איך האָב געשפּירט, אַז באַלד וועט זיך בײַ מיר, אָהן מײַן ווילען, אַ הויב טהון די האַנד און וועט אַ זעץ טהון מיט'ן גאַנצען כח איבער דאָס זאַטע געזיכט און בלוט וועט פֿערגיסען דאָס שטיל, שלאָפֿענדיג שמייכעלע... איך האָב אָבער פֿערמאַכט מײַן בייזע תּאוה און בכיון פֿערטשעפּעט מיט'ן פֿוס אַ שטול און אומגעוואָרפֿען. אָנגעמאַכט אַ רעש.

מירקין האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ טיפֿען אָטהעם און האָט אויפֿגעעפֿענט אַ פּאָר קיילעכדיגע, פֿערוואונדערטע אויגען אָהן אַ שום רעיון. עטליכע מינוטען איז עס אַריבער, ביז ער האָט צוריק בעקומען לשון און אַרויסגעלאָזען אַ קול פֿון זײַנע קאַרשענליפּען:

— אַהאַ, ביזט שוין דאָ?

איך האָב פֿון איהם בעהאַלטען מײַן בלייכען פּנים און אָבגעענטפֿערט:

— דאָ... איך האָב דיך אויפֿגעוועקט? יאָ? דאָס האָב איך זיך פֿערטשעפּעט, אָן אַ שטול האָב איך זיך פֿערטשעפּעט...

און אין האַרצען האָב איך מיר געקלערט:

— דער רוח ווייסט איהם. געקומען און האָט זיך צולעגט... איצטער האָט ער זיך אויסגעשלאָפֿען און בעה'ט; און... געה ענטפֿער איהם! איך בין זיכער, אַז נאָך מײַן טוידט וועט עס בלייבען דער זעלבער מירקין ווי איצטער... יאָ, דער זעלבער.

מיט אַפּעטיט האָט זיך מירקין אויסגעריבען די אויגען, אַראָבגעווישט די לעצטע סמנים פֿון דרעמלען מיט זײַנע געזונדטע, ווײַסע הענד און געזאָגט:

— אַזאַ טבע האָב איך שוין. איך קען ניט זיצען אָהן מלאָכה. אָדער עסען, אָדער טרינקען, אָדער לעזען, אָדער שפּאַצירען, אָדער פֿערשטעהסטו מיך... יע. און ווי נאָר איך בלייב אָהן אַרבייט, שלאָף איך אײַן. יאָ — יאָ —

דעם „יאָ“ האָט ער אַרויסגעלאָזט מיט אַ לאַנגען גענעץ און מיט אַ שמייכעל פאַר איין מאָל. איך האָב געשוויגען.

נאָכ'ן לאַנגען גענעץ, פון וועלכען ער האָט הנאה געהאַט ניט ווייניגער ווי פון דרעמעל, האָט ער געמאַכט אָרדנונג אין זיין געזיכט און אַ בעט געטהון:

— האָסטו אַ פּאַפּיראָס? ביי מיר איז אויסגעגאַנגען.

— ערשטענס — האָב איך קאַלט געענטפערט — ווייסטו, אַז איך רויכער ניט. און צווייטענס — האָב איך ניט.

— אַי, אידיאָט, פאַרוואָס רויכערסטו ניט? ס'איז אַ טייערע זאַך, דאָס רויכערן, זאָג איך דיר.

פויזע.

— דו רויכערסט ניט ווייל דו טרייסטעלסט זיך אַזוי איבער דיין היגיעניע? אָדער וואָס?

איך האָב זיך שטום צעשמייכעלט. איך האָב זיך בעמיהט איינצוהאַלטען דעם שמייכעל, נאָר מיינע ליפּען האָבען זיך צוצויגען פון זיך אַליין: „אַ פּאָר טעג פאַר'ן אַריינשיסען זיך אין שלייף און ... היגיעניע!“ —

— הער נאָר, וואָס שווייגסטו? האָסטו ניט וואָס צום לעזען? איך האָב ביי דיר געזוכט אַ וועלכען־ניט־איז בוך און ניט געפונען — בין אַנשלאָפען געוואָרען.

— מיינע אַלע ביכער האָב איך אָבגעטראָגען אין ביבליאָטעק. די איבעריגע האָב איך פערקויפט. יאָ.

מירקין האָט דערשפּירט, אַז איך האָב געוואָלט נאָך עטוואָס זאָגען און ניט דערזאָגט. שוין באַלד אַ חודש איז ער ביי מיר ניט געוועזען, ניט גערעדט מיט מיר. איך מיט איהם — דאָס זעלבע; אויסער „גוט־מאָרגען, גוט־יאָהר“ אין גאַס. איך בין צופיעל געווען פערנומען מיט מיין רעוואָלווער. אַציִנד, אַ פּנים, האָט ער אין מיר דערשפּירט אַ שנוי, אַז איך בין ניט ווי אַלעמאָל. אין דער האַלב־טונקעלקייט וואָס אין צימער האָב איך געפיהלט, אַז ער קוקט אויף מיר מיט אַ פערוואונדערטען, קלאָרען און לאַנגען בליק, אַזוי נאָר ווי עס איז פעהיג צו קוקען אַ מענש מיט אַ פּאָר בלאָהע, גרויסע אויגען, בשעת ער איז חושד. — פון זיינע ליפּען איז אַראָב די הנאה. איך האָב איהם אָבגעענטפערט מיט אַ קוק פון מיין זייט און געשוויגען. עס האָט זיך אַריינגע'גנב'עט אַ ניט־גוטע

שטילקייט. א שטילעניש פול מיט חשד. מיינע נערוועז האבען ניט אויסגעהאלטען. א צוקאכטער בין איך געווארען: וואס וויל ער דא פון מיר?

— דו ווייסט, מירקין — האב איך איהם פלוצלונג אנגעזאגט א בשורה — דו ביזט א גרויסער שוטה!

איך האב עס ארויסגעזאגט מיט א שמייכעלע, מיט א גיפטיגע לאנגזאמקייט איך בין געוועזן זיכער, אז ער וועט בייז ווערען און וועט מיך אוועקשיקען צו זיין טייוועל... נאר ער האט געשוויגען און געקוקט אויף מיר ווי פריהער.

דאן האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז אט, אט וועט זיך צורייסען א פארהאנג צווישען מיר און איהם און עטוואס בעהאלטענעס וועט זיך ענטפלעקען. האב איך זיך אויפגעהויבען און א פרעג געטהון. מיין קול האט שיער, שיער ניט געציטערט:

— אנצינדען דעם לאמפ?

ער האט א לאך געטהון:

— פון ווען אן האסטו דאס אנגעהויבען מורא צו האבען פאר די שאטענס?

דערביי האט ער זיך א הויב געטהון, צוגעגאנגען צו מיר און אנגעכאפט מיט זיין ווייסער האנד מיין מאגערע פלייצע:

— הער נאר, חזיר, וואס איז מיט דיר? ביזט עפעס אזוי פרעמד, בלייך! ביזט עלענד, א? און ווילסט נאך אלץ ניט צוגעהן מיט מיר א היין, נייין? א פיינער בחור ביזטו, ניטא וואס צו רעדען. א שענער תכלית וועט פון דיר זיין. הער נאר, ווילסט? קום וועלען מיר א גע־טהון אין טאנץ־קלאס. איך וועל מיט דיר לערנען די חכמת־הטאנצען. ווילסט?

איך האב מיך ווילד צולאכט און הויך אויפ'ן קול. נאר איך האב געזעהען דער געלעכטער זאל ארויסקומען אביסעל ווייכער. כ'האב מיר געטראכט: „גוט; גוטע טענץ. טענץ לכבוד דעם רעוואלווער, טענץ לכבוד דעם מלאך-המות!"

און מירקין איז געוועזן צופריעדען, וואס איהם האט זיך איינגעגעבען מיך פערנאנדער־צולאכען. און האט ווייטער גערעדט אין דער פינסטער:

— דו ווייסט? איך בין א גרויסער ליעב־האבער פון טאנצען. טענץ פער'שכור'ען מיך. מוזיק — נאך מעהרער. עס טרעפט,

אַז איך זיץ מיר אַזוי און לייען... פּלוצלונג דערהער איך ווי אַ קאַטערינקע שפּילט אין הויף „אַ קאַמאַרינסקע״, אָדער „אַ קעקאואַק, אָדער אַ „מאַצעש״, חאַפּ איך באַלד אַ שטול און נעם זיך מיט איהם גרום, זאָל דוכטען, אַז דאָס איז אַ מיידעל, און לאָז מיך אַוועק טאַנצען צום טאַקט. דו — זעהסט? אָט אַזוי. (ער האָט געחאַפּט אַ שטול און אַוועק טאַנצען). אָט אַזוי, אַה! אָט אַזוי...

ער האָט שוין פֿערגעסען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבען, צוהיצט זיך און אַוועקגעלאָזען זיך פּלאַפּלען איבער אַלע מינים טענץ, וואָס ער קען און קען ניט; איבער שענע, ליידענשאַפֿטליכע נגונים. דערביי האָט ער אונטערגעקנאַקט מיט'ן צונג פֿון אַפּעטיט.

— ער האָט דערצעהלט ווי אַזוי די מיידלעך האָבען ליעב מיט איהם צו טאַנצען. עס געהט זיי אוים דאָס חיות מיט איהם אַ טאַנץ־טהון... ער דרעהט זיך מיט זיי אַזוי גיך, אַז זיי פֿערדרעהט זיך באַלד דאָס קעפּעל און זיי זענען מפקיר זייער וואַרימען קערפּער ביי איהם אין די אָרעמס: נאַ, אָט האָסטו אַ טאַליע, אָט האָסטו אַ ברוסט, אַ קורצען אָטהעם — גלייך אין פּנים אַריין...

איינמאָל איז ער שיער ניט געשטאָרבען פֿון תּענוג: אַ גרויסער, קאַלטינקער צאָפּ, אַזאַ שוואַרצער, אַ גלאַטער, נעהמט און צולאָזט זיך אין מיטען טאַנצען און חאַפּט איהם אַרום די האַלז... אָה!!

מיר האָט זיך פֿערגלוסט אַ זאָג טהון איהם עפּעס אַ שאַרף וואָרט, אָבקיהלען זיין קינדערשע פֿרעהליכקייט. — אַ פֿרעהליכקייט פֿון אַ מענשען, וואָס האָט קיינמאָל ניט געליטען, קיינמאָל ניט געקנייטשט דעם שטערען. קיין שאַרף וואָרט האָב איך אָבער ביי זיך ניט געהאַט גרייט, האָב איך אַ זאָג געטהון דאָס, וואָס איז מיר אַרויף אויפ'ן צונג; אַזוי קאַלט און שטיל:

— הער נאָר, דו ווייסט? דו וועסט דאָך שטאַרבען...

— וואָס הייסט שטאַרבען? — האָט זיך מירקין גענומען אָבקיהלען...

— דיר איז גאָר קיינמאָל ניט אַרויף אויפ'ן זין? — האָב איך איהם מיט אַ פֿער'סוד'עטען קול געענטפֿערט — שטאַרבען! פֿערשטעהסט? ש ט אַ ר ב ע ן... אַ זעלנער געהט דורך, פֿאַלט איהם אַרוים דער ביקס און שיסט אוים — שטאַרבט מען... ס'איז

אַ רעגנדיקער טאָג, גליטשט מען זיך אויס און דער טראַמוויי פֿליהט אָן — שטאַרבט מען ...

— שטאַרבט מען — האָט נאָך מיר מירקין ווי אַ ווידערקול נאָכגעזאָגט און אַנטשוויגן געוואָרן. שטיל.

די שווערע שטימונג איז געווען פֿאַרטיק. די שטילקייט אין צימער האָט אונטערגעהאָלפֿן.

— דו ווייסט? — האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום ווידער צמאָל דערהערט מירקינס קול. דער קול איז געווען דומפּיק.

— וואָס?

— אַז דו זאָגסט „שטאַרבן" קומט דאָס אַרויס אַנדערש ווי בײַ אַן׳אַנדערן. אַז אַן׳אַנדערער וואָלט דאָס געזאָגט וואָלט מיך ניט געאַרט ...

פּויזע. און אין אַ מינוט אַרום:

— אָבער וואָס האָסטו זיך עפּעס פּלוצלונג דערמאָנט אָן טויט? יאָ. כ׳וועל שטאַרבן, ס׳פֿערשטעהט זיך. אָבער אַז איך לעב דאַרף איך לעבן. אויסלעבן ביז׳ן לעצטען פּונק. נעהמען אַלץ, אַלץ, אַלץ, צום טײַוועל!

— עהע ... — האָב איך מיר געקלערט — ס׳האָט דיך שוין דערנומען? וואַרט אַקאָרשט!

ער איז שוין געווען גרייט האַפּען ווידער אַמאָל אַ שטול און אַוועקלאָזען זיך טאַנצען. אפשר, כדי צו פֿערטרײַבן דעם פֿערבאָרגענעם שרעק, וואָס האָט שוין אַרומגעשוועבט אין צימער. נאָר מײַן געזיכט און מײַן קאַלטע שטימע האָבען איהם געצוואונגען בלײַבען זיצען אויף אַן׳אָרט:

— יאָ. לעבען. נעהמען אַלץ פֿון דעם לעבען. מען ווייסט. דאָס זענען אַלץ אָבגעדראָשענע, שענע פּראַזעס פֿון מענשען, וואָס האָבען מורא פֿאַר זיך אַליין. ווײַס! אַ סך נאַטירליכע שלעכץ איז דאָ אויף דער וועלט און אַביסעלע גוטס. דאָס ביסעלע גוטס איז אויך געמאַכט. מענשען האָבען עס בעשאַפֿען. און דאָס ביסעלע גוטס איז קאַרג, זעהר קאַרג איינגעטיילט. איטליכען מענשען קומט אָן אויפֿ׳ן שפּיץ מעסער. די חיטרע מענשלעך, מיט די קליינע נשמה׳לעך, מיט די קורצזיכטיגע אויגעלעך, בעמיהען אויסצוּנוּצען זייער חלק׳על גוטס ביסלעכווייז, ביסלעכווייז. אַלע טאָג לעקען זיי אַראָב איין טראָפּען, אַלע טאָג — אַ טראָפּען, כדי צו פֿערלענגע-

רעֶן דעם קליינעם לעֶבּעֶנס־תענוג, וואָס פֿאַר׳שכּור׳ט אַבּיסעֶל ; כּדי
הנאה צו האָבּעֶן אַלע טאָג אַבּיסעֶלע בּיז׳ן לעֶצטעֶן מאָמעֶנט...
זייער בּהמה׳שעֶר אינסטינקט זאָגט זיי אונטעֶר שטילעֶרהייד, אַז
אויבּ זיי וועֶלעֶן זייער גאַנצעֶן חלק׳עֶל גוטס אויסזופּעֶן פֿאַר איין מאָל,
וועֶט זיי פּלוצלונג איבּעֶרבּלייבּעֶן אַ לעֶדיגעֶר פֿינסטעֶרעֶר רוים אי־
בּעֶר זייער וועֶלטעֶל, און זיי וועֶלעֶן שוין קיינמאָל מעֶהר ניט האָ־
בּעֶן מיט וואָס עֶס צו דעֶרפֿילעֶן... פֿעֶרשטעֶהסט ? סײַרעֶן מיט
בּלויז גענעֶצעֶן. וואויל וועֶט דיר זײַן, מירקין, אויבּ דו וועֶסט
לעֶבּעֶן ווי די דאָזיגעֶ מעֶנשעֶן, אויבּ דו וועֶסט זיך טאָג־טעֶגליך
בּעֶנוגעֶנעֶן מיט איין פּיצעֶלעֶ גוטס, מיט איין פֿונקעֶלעֶ גליק. מיט
קליינינקעֶ שטרעֶבּונגלעֶך, זאָלסט זיך חס ושלום ניט איינרײַסעֶן.
שטעֶנדיג וועֶסטו דאַן זאַט זײַן, דו און דײַן נשמה. לעֶבּעֶן וועֶסטו
לאַנג. וועֶסט לעֶבּעֶן און ניט גענעֶצעֶן. בּײַטאָג וועֶסטו אַרבּייטעֶן,
בּײַנאַכֿט וועֶסטו שלאָפֿעֶן. בּײַטאָג וועֶסטו עֶסעֶן מיטאָג און פֿאַר־
נאַכֿט וועֶסטו טרינקעֶן טיי און לייעֶנעֶן אַ צײַטונג. אַז ס׳וועֶט קו־
מעֶן די צײַט טהון אַ שדוך — וועֶסטו חתונה האָבּעֶן. אָהן נדן
זאָלסטו ניט חתונה האָבּעֶן. דו וועֶסט הנאה האָבּעֶן און דײַנעֶ עֶל־
טעֶרעֶן וועֶלעֶן זיך פֿרעֶהעֶן. מעֶבּעֶל וועֶסטו אײַנקויפֿעֶן און אַ קיך
וועֶסטו האָבּעֶן און אַ שלאָף־צימעֶר. געֶסט וועֶלעֶן צו דיר קומעֶן
אַלעֶ שבּת און קינדעֶר וועֶסטו האָבּעֶן. קינדעֶר מיט גאַנצעֶ מײַט־
קעֶלעֶך און מיט פֿעֶרבּאַרשטעֶנעֶ קעֶפּעֶלעֶך. וועֶסט אַזוי לעֶבּעֶן,
וועֶסט לעֶבּעֶן, זאָג איך דיר... ס׳זעֶנעֶן אָבּעֶר דאָ מעֶנשעֶן — אָט
די קהלת־שרײַבּעֶר, די עֶפּיקורס, די קאַראַמאַזאָווס, זיי זעֶנעֶן נאַיוו
און אונוויסעֶנד ווי קינדעֶר. זיי פֿעֶרשטעֶהעֶן ניט ווי קעֶן מעֶן דאָס
טרינקעֶן דאָס בּיסעֶלעֶ גוטס טראָפּעֶנווײַז, פּינקטליך. זיי פֿעֶרשטעֶ־
העֶן ניט, ווי אַזוי האַלט מעֶן דאָס אַ גרויסעֶ לײַדעֶנשאַפֿט ווי אַ
הונד אויפֿ׳ן קייט און מעֶן וואַרפֿט איהר בּרעֶקלעֶך... אָט אַזעֶלכֿעֶ
קינדעֶר זעֶנעֶן דאָס! האַלטעֶן זיי זיך ניט איין און זופּעֶן אויס דאָס
גאַנצעֶ גוטס מיט דורשט. מיט איין מאָל. — און ווייסטו דעֶם
סוף פֿון אַזוינעֶ מעֶנשעֶן ? דו ווייסט ? — לאַנגווײַליגקייט, יאוש,
עֶקעֶל צו מעֶנשעֶן און צו אַלץ וואָס זיי זעֶהעֶן און העֶרעֶן. אײַנ־
געֶשלונגעֶן דאָס בּיסעֶלעֶ גוטס און אַלץ איז מיט אַמאָל פּוסט געֶ־
וואָרעֶן, האָט פֿעֶרלאָרעֶן זײַן פֿאַרבּ. דאַן חאַפּט מעֶן זיך פֿאַר׳ן קאָפּ
און מעֶן רײַבּט נעֶרוועֶז די אויגעֶן און מעֶן קוקט אויף אַלץ מיט

שנאָה: אָט דאָס איז דאָס לעבען? און מיר האָבען אויף גליק געהאָפּט? און מיר האָבען געוואַרט אויף משיח'ן?

פון מירקינס אויסזעהען, אויף וויפיעל עס איז געוועזען צו בעמערקען ביי דעם גראָהען אָבשיין פון פענסטער, האָב איך פערשטאַנען, אַז ער הויבט מיך ניט אָן צו פערשטעהן. ער בעמיהט זיך נאָר אָנצושטעלען אַ סעריאָז פּנים פון אַ מענשען. וואָס פערשטעהט איין זאַך פון דאָס צווייטע. די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב גערעדט, האָט ער געקנייטשט דעם שטערען ביז צום וועהטהון און האָט מיר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ ווי אַ פערד, ביי וועלכען ס'האָט זיך געשטעלט אַ ביסענדע פליג אויפ'ן רוקען. און דער עק איז איהם צו קורץ צוצוקומען אַהין און אַ שמיץ טהון.

דאַן בין איך צו איהם צוגעגאַנגען שטילערהייד, זיכער אין דער קראַפט פון מיין וואָרט. מיט דראָבנע, פער'סוד'עטע טריטעלעך בין איך צוגעגאַנגען; ווי אַ קאַץ דערשמעקענדיג אַ מויז אין דער פינסטער. מיר האָט זיך פערגלוסט אַרויסלאָזען נעגעל, אַריינרוקען זיי טיעף, טיעף, אַז עס זאָל וועה טהון. אין צימער האָט זיך שטיל אַראָבגעלאָזען די נאַכט. מירקין איז געזעסען אויף מיין בעט. און ער צוזאַמען מיט דער בעט האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין פאַנטאַסטישען שטיק פינסטערניש. איך האָב איהם אָנגעריהרט ביים אַקסעל. ער האָט אַ ציטער געטהון. כ'האָב געוואוסט, אַז ער וועט אַ ציטער טהון:

— אָבער לאָמיר שוין זאָגען, אַז מען ד אַ ר ף לעבען, אָדער מען ק ע ן לעבען צוליעב דעם פּראָצעס פון לעבען גופא; אָהן אַ קלאָרען זין. אָהן אַ זיכערען וועג, אָהן אַנ'אמת'ע בעוואוסטזיניגקייט. מען ד אַ ר ף לעבען! אָבער די עלטער? גיב אָקאָרשט אַ טראַכט: די עלטער! האָסטו דען געזונטער. פרעהליכער, בעוועגליכער ווען ניט איז געטראַכט וועגען דער קומענדיגער עלטער? האָסטו זיך ווען ניט איז פאָרגעשטעלט ווי מען פוילט לעבעדיגערהייד, קערפּערליך און גייסטיג. און מען בעמערקט עס גאָרניט? האָסטו ווען ניט איז געטראַכט פון דאָס מאוס'קייט, פון דער פערפוילטער עקשנות וואָס קומען צוזאַמען מיט דער עלטער? האָסטו געטראַכט פון אַ מויל מיט אַריינגעשטעלטע ציין, פון אַ מוח מיט אַריינגעשטעלטע מחשבות? האָסטו געטראַכט פון אויגען אָהן ברעמען, פון מאָגערע קרומע ביינער אָנשטאָט פיס, פון צוקנייטשטע

הענט, וועלכע האָבן אַנ'ערד־פֿאַרב און ציטערן? די שטאָלצע ברוסט פֿאַלט אײַן — ווער וויל זי צודריקן צו זיך? דאָס געזיכט — פֿערוועלקט, אונטער די אויגן בלאָהע זעקעלעך — ווער וויל דאָס קושען? דאָס האַרץ שמאַטעדיג. אויסגעניצט — קײנער וויל דאָרטן גאָרניט פֿערזײען. און אַז מען וועט פֿערזײען, וואָס וועט דאָרטן אויסוואַקסן? די תאווה איז קײן תאווה ניט, דאָס געפֿיהל — קײן געפֿיהל. און דאָ זעהסטו נאָך מיט די אויסגעלאָשענע אויגן אַ סך יונגעלײַטלעך, פֿרעהליכע, לײַכטזיניגע יונגעלײַטלעך, קומען אָן און ירש'נען דיך לעבעדיגערהײד און געוועלטיגן איבער דײַן וועלט; קומען אָן און צוטרעטן אָהן רחמנות אַלץ וואָס איז דיר געווען טײַער, און פֿערטרײַבן דיך מיט שפּאָט, מיט אַ פֿײַפֿערײַ און טראָמפּײטערײַ פֿון דער לעבענס־בינע. דײַן קרענקליך האַרץ פּלאַצט אַזש פֿאַר קנאה, פֿאַר אַלטעשקע קנאה, פֿאַר אָבגעלעבטע בײנקעניש; דו מוזט אָבער שווײַגען, שווײַגען און וואַרטן מיט בעהאַלטענע זיפֿצעלעך און וועהטאָגלעך ביז דו וועסט אינגאַנצן אויסגעהן ...

דו הערסט, מירקין? מיר דאַכט זיך, אַז איך אײראָפּײער, ציוויליזירטער מענש פֿון 20־טען יאָהרהונדערט, הויב אָן אָפּטמאָל צו פֿערשטעהן דעם „ווילדען" מנהג פֿון די עסקימאָסען און טונגוסען אויפֿ'ן ווײַטען, ווײַטען צפֿון, צווישען די אונענדליכע טונדרעס.. דו ווײסט וואָס זײ טהוען? מירקין, דו ווײסט? זײ טוידטען זײערע אַלטע לײַט! ווי נאָר אַ מענש ווערט אַלט אין זײער שבט — הרג'נען זײ איהם. פֿערשטעהסט? זײ פֿערוויקלען איהם אין אַ ווײַסע, בערישע פֿעל און דער עלטסטער פֿון שבט דערשטעכט איהם. זײ מאַכען נאָך דערפֿון אַ גאַנצען יום־טוב מיט טענץ... מען טרינקט גאַנצע בעקענס מיט טראָהן בײַ דעם פֿלאַטערדיגען אָבשײַן פֿון די צפֿון־שטראַהלען ... אָ־האָ, איך פֿערשטעה זײ, איך פֿערשטעה זײ! דו הערסט? איך פֿערשטעה זײ...

מירקין האָט זיך פּלוצלונג אַ הויב־געטהון און אַרויפֿגעלעגט מיר זײַן ווײַכע האַנד אויפֿ'ן אַקסעל. זײַן קול האָט אַביסעל געציטערט אין דער פֿינסטער:

— הער נאָר, ברודער, ניט אַלץ פֿערשטעה איך וואָס דו רעדסט. דו האָסט עפּעס אין זיך אַ זאַך, וואָס איז מיט דיר צוזאַמען געבאָרען געוואָרען. איך פֿערשטעה עס ניט. אָבער דו ביזט

עפּעס אַ מאָדנער. דער טײַוועל ווײסט דיך. דײַן טאָן שרעקט מיך. מען קען שמועסן איבער אַ געדאַנק, אָבער ניט מיט אַזאַ טאָן. אַז דו רעדסט אַזוי, דוכט זיך מיר, אַז דו קלײַבסט זיך עמיצען הרג'נען. מײַן עהרען וואָרט, געהט עס צום וויענער טײַוועל! צינד אָן דעם לאָמפּ — צו אַלדי שוואַרץ יאָהר. ווי האָסטו געזאָגט? — זײַ טוידטען זײערע אַלטע לײַט און טרינקען טראָהן בײַ דעם פּלאַטעָרדיגען אָבשײַן פון צפון־ליכט...

איך האָב געשוויגען.

— קויפען ביער? איך וועל געהן קויפען.

— קויף.

— אַ האַלבע טוץ?

— אַ האַלבע טוץ.

— פוי — מיר וועלען אַביסעל אויסטרינקען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבען זיך ווידער דערהערט אויף די טרעפּ מירקינס געזונטע טריט און אַ קלונג פון פלעשער. איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַרויס און וועט שוין צוריק ניט קומען. אַז איך וואָלט געווען ער, וואָלט איך אַזוי געטהון. כ'וואָלט אַרויסגעגאַנגען קויפען ביער, אָבער אויפ'ן גאַס וואָלט איך זיך מיישב געווען און וואָלט שוין צוריק ניט אַרײַן: און בלײַב דיר דאָ איינער אַליין מיט דײַן שרעקען די גענז, מיט דײַן פילאָזאָפיע. און — „ער" — ביער ברענגט ער מיר גאָר... ביער ברענגט ער מיר און קלײַבט זיך ווײַטער הערען דאָס, וואָס עס שמעקט איהם ניט... אַזאַ יאָלד!

אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. אויסגעשטעלט אַ באַטאַרייע מיט פלעשער ביער. און מיר האָבען זיך געזעצט טרינקען.

איך האָב אַ סך געטרונקען און געקוקט אויף מירקינען. און מירקין האָט ניט געקענט פערטראָגען מײַן אויפגערעגטען בליק און האָט, כלומר'שט, מיט גרויס אינטערעס בעטראַכט די שוים אין זײַן גלאָז. אין צימער איז געווען שטיל. נאָר דאָס זופען פון דער ברוינער משקה און מײַן אָטהעם, וואָס האָט אָנגעהויבען אָפּטער און זודיגער צו ווערען, האָבען פאַמעליך בעוועגט די שטילקײַט. דאָס ביער האָט געגלאַנצט אין לאָמפּ־שײַן ווי קלאָרער ברוסטין — אויבען מיט אַ ווײַכינקער, זילבערנער שוים. קוים, קוים

צו חאַפּען מיט'ן אויער, האָבען די זילבערנע בלעזלעך אונטערגע־קנאַקט אין גלאָז: פּיק—פּיק—פּיק.

אַ לעצטע פליג, אַנ'אַנדענקונג פון זומער, אַנ'אַנדענקונג פון דער וואַרימער זון, — וואָס האָט ביז אַהער געבלאָנדזשעט ערגעץ וואו אין דער פינסטער, האָט דערפיהלט, אַז מען האָט אָנגעצינדען אַ לאָמפּ און איז זיך געקומען וואַרימען אין זיין אָבשיין. די בעוועגונגען פון דער פליג זענען געווען אָבגעלאָזען, אירע דורכזיכטיגע פליגעלעך האָבען אין זיך קיין לעבען ניט געהאַט; אירע דינע אויסגעמאָגערטע פיסלעך האָבען זיך נאָכגעשלעפּט. זי האָט אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן לאָמפּ און געוואָלט צוקומען צו דער אָנגעגליהטער גלאָז און האָט זיך אָבגעברענט. האָט זי געחאַפּט אויסשפּרייטען אירע פליגעלעך — אוועקפליהען. און האָט ניט געקענט. פון אָנשטרענגונג איז זי נאָר אַנידער געפאַלען מיט'ן בייכעל אַרויף און געמאַכט מיט די פיסלעך:

— זוו... זוו...

— דו זעהסט? — האָב איך זיך געווענדעט צו מירקינען, וועלכער איז געווען בלייך, און איהם אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דער פליג — אָט האָסטו: הערבסט... פערצווייפלונג... עלענד... עלטער, עלטער, עלטער... חאַ—חאַ!...

מירקין האָט אַ ציטער געטהון, געחאַפּט און אַרונטערגעוואָרפען די פליג אונטער'ן פינסטערען טיש און אַ זעץ מיט האַס אָן דער קאַלטער פּאָדלאָגע; דערביי האָט ער אַ וואָרטשע געטהון זיין שטענדיגע גוטע קללה:

— חאַפּט עם דער טייוועל!

— וואָס האָסטו דאָס געמאַכט? — האָב איך לאַכענדיג אַ פרעג געטהון — פאַרוואָס האָסטו אַרונטערגעוואָרפען די אַלטישקע פליג אונטער'ן טיש? אַ דאגה האָסטו. אַ? זאָל זי זיך וואַרימען...

— אַי, לאָז מיך... עס איז פּאַסקודנע... אַ בעפליגעלטע בעשעפעניש ווערט מיט אַמאָל אַ וואָרעם... קריכט, קריכט... צו וועמען האָט עס טענות? זוו, זוו... טפו זאָל עס ווערען!

— יאָ — האָב איך געענטפערט און דערפיהלט, אַז איך בין שוין אַביסעל בגלופין'דיג — יאָ. און אַזוי ווי זי, וועסטו אויך זיין. פיהלסטו שוין ניט דען די עלטער? איך, למשל, פיהל

שטענדיג דעם ווינטער ווען עס איז נאך אנהויב זומער. ווען אלע האבען נאך בדעה מקבל־פנים זיין מיט שטרויענע היט און מיט דעקאלטע די ליבטיגע זומער־טעג, האב איך שוין מורא פאר דער הערבסט־בלאטע, פאר שניי־זאווערוכעס, ווען עס קלאגט אין קוי־מען: — „או—או—ו...” סוף־כל־סוף וועלען זיי דאך אנקומען! פערשטעהסט? נאך א חודש, נאך א וואך, אבער קומען מוזען זיי. איך בין נאך יונג און איך פיהל שוין די עלטער. זי בעהאלט זיך שוין ביי מיר אט דא אה! — אין קאפ, אין די פיס... זעה, און אט דא: אין ברוסט, אין ברוסט... איך ווייס. זי ווארט און לאכט פון מיר... ביי דיר איז אויך אזוי, נאר דו פיהלסט עס ניט... פארוואס, ווייסטו? אט וועל איך דיר זאגען: ווייל דו ביזט א טראמוויי־פערד. מען האט דיר אנגעטהון א פאר רימענדלעך אי־בער די אויגען: קוק אויף די רעלסען און לויף:.. דו האסט עס שוין גע'ירשנ'ט פון אבות אבותינו... אז זיי זענען אריינגעפאלען אין גרוב האבען זיי דיר דאס איבערגעלאזען: נא, טהו עס אן און זיי א גוטער פערד... זעה, זעה, מירקין, פערליער זיי ניט, אז ניט וועסטו פאר דער צייט אין גרוב ארייננפאלען. — פון וואס האבען מיר דא גערעדט? יא, מכח א פליג האבען מיר גערעדט. האסט זי ארונטערגעווארפען אונטער'ן טיש? — אזוי וועסטו אויך זיין... איך זעה דיך שוין ווי דורך א גלאז... אלע וועלען דיך אוועקווארפען... ווען טויגסטו, דו אבגעלעבטע פגירה איינע... האסט דאך אליין געזאגט: זוו... זוו... טפו — א? חא—חא—חא...

מירקין האט ניט געקענט איינזיצען. ער איז געוועזען בלייך. די אויגען זענען איהם פון שטערען געקראכען.

— הער נאר! — האט ער אויסגעשריען — דו ביזט שוין שכור, מיין עהרען ווארט דו ביזט שכור! וואס לאכסטו אזוי? וואס רעדסטו אזעלכע משונה'דיגע ווערטער?

איך האב גיפטיג א לאך געטהון:

— אט דאס זענען משונה'דיגע ווערטער? הער, וועל איך דיר דערצעהלען עפעס משונה'דיגעס. זיץ, זיץ. הערסט דאך, אז איך בין נאך געוועזען א יונגעל און דער רבי האט מיך איינמאל אבגעשמיסען פאר א קלייניגקייט, איז ביי מיר פלוצלונג ארויסגע־שוואומען א מורא'דיגער חשד אין הארצען: איך האב גענומען הויש־

זײַן, אַז אַלע מענשען, וואָס דרעהען זיך אַרום מיר אַרום, טאָג־
טעגליך, אפילו מײַן טאַטע, מײַן שטיפֿמוטער, מײַנע פֿעטער און
מומעס, מײַנע חברים פֿון חדר און דער רבי, אָהאָ, דער רבי —
אַלע זענען ניט קײן אמת'ע מענשען. נײן, ניט קײן מענשען
ווי זײ מאַכען זיך... נאָר שדים, אַ סך שלעכטע שדים, וועלכע
האָבען זיך פֿערמאַסקירט ווי מענשען... און איך אַלײן... נאָר איך
בין דאָס דער אײן־אײנציגער. אמת'ער מענש אויף דער וועלט...
אַלע שדים פּײַניגען מיך, פֿערשטעלען זיך ווי רבי'ס און פֿאָטער'ס
און פּײַניגען מיך... עקסטרע, צוליעב דעם האָט מיך גאָט צו זײ
אַראָפּגעשיקט... זעהט נאָר, פֿלעג איך מיר קלערען. ווי דער רבי
גלעט זיך די באָרד, ווי דער טאַטע עסט מיטאָג, ווי די שטיפֿ־
מוטער שנאָרכט... זײ מאַכען זיך גאָרניט וויסען... און וואָס מעהר
איך האָב פֿון זיך געטריבען דעם דאָזיגען חשד, אַלץ מעהר האָט
ער זיך אין מיר אײַנגעגעסען און ניט געלאָזען צורוה. איך בין
געוועזען זיכער, אַז אַלע מצוות און אַלע געזעצען, דער גאַנצער
דרך־ארץ מיט'ן מוסר, די לערנעבצען מיט די לעהרער, זענען
בעשאַפֿען געוואָרען נאָר צוליעב מיר קרײַנקליכען, שוואַכינקען,
וואָס קען דאָס אַלץ בשום־אופן ניט אויספֿילען. די בײזע גײַסטער
וואָס אַרום מיר האָבען דאָס אַלץ געמאַכט. נאָר כדי צו האָבען
דערנאָך אַנ'אויסרעד מוסר'ן מיך, שמײַסען מיך, לערנען מיך זײַן
„אַ מענש", דערגעהן מיר די יאָהרען... זײ זענען אַזוי חיטרע —
די שדים, אַז זײ האָבען זיך נאָך פֿערשטעלט ווי יונגלעך אויך.
חע — פּונקט אַזעלכע יונגלעך ווי איך... זײ לערנען, כלומר'שט,
מיט מיר אין אײן חדר, און מען שמײַסט זײ, כלומר'שט, אַזוי ווי
מען שמײַסט מיך, כדי איך זאָל גאָרנישט חושד זײַן... אָבער מיך
וועט מען ניט נאַרען... אָהאָ, מיך וועט מען ניט נאַרען...

דער מאָדנער חשד איז אין מיר געזעסען בעהאַלטען אַ צײַט,
אַ צײַט און האָט מיך געשראָקען בײַנאַכט. קײנעם האָב איך דער־
פֿון קײן וואָרט ניט גערעדט. אַ שאָטען פֿון דעם דאָזיגען חשד
פֿאַלט נאָך אויף מיר ווען ניט איז יעצט אויך. פֿון וואַנען למשל
ווײס איך, אַז דו ביזט טאַקי אַזאַ מענש ווי איך און ניט קײן שד?
מיר דאַכט, אַז דו האָסט זיך פֿערמאַסקירט אין אַזאַ שען, פֿרעה־
ליך געזיכט. אין אַזאַ געזונטען מענשעשען קערפּער, נאָר כדי צו
רײַצען מיך קרײַנקליכען, אומעטיגען. מאוס'ען... פֿאַרוואָס האָב

איך פֿריהער איבערגעקעהרט אַ שטול, אַ? ווייסט ניט? און וועסט ניט וויסען ... זאָג, באמת ווער ביזטו? עפּעס דאָס וואָרט „טײַוועל“ געהט דיר פֿון צונג ניט אַראָב, חאַ—חאַ ... אפשר טרינקסטו מיט מיר יעצט ביער און אין אמת'ען שטעקסטו מיר דאָרטען אַרוים אַ לאַנגע, רויטע צונג און איך זעה עס ניט? ... זאָג —

— הער אויף! איז מירקין ווידער אויפגעשפּרונגען — הער אויף, משוגע'נער ... איך קעהר באַלד איבער דעם טיש מיט אַלע פֿלעשלעך.. דו הערסט?

און באַלד איז זײַן קול שוואַך געוואָרען, און זײַנע אויגען האָבען בעקומען זייער גוטען גלאַנץ. ער האָט מיך אָנגעחאַפּט מיט זײַנע ווײַסע הענד פֿאַר'ן אָרעם:

כ'בעט דיך, הער אויף. ס'איז ניט שען. באמת ס'איז ניט שען. רעד ווי אַ מענש. זײַ ניט משוגע און בכלל ... ווײַס דיך דער טײַוועל!

דאָס האָט מיך איבערגעבראָכען. איך האָב דערפֿיהלט, אַז עטוואָס אַ קאַלטע זאַך צושמעלצט זיך בײַ מיר אין האַרצען, רוישט סענטימענטאַל און גערט צוזאַמען מיט דעם ביער-נעבעל אין קאָפּ. מירקינס ווײַבערליבקײַט איז אַריבער צו מיר. דער רצון איז צע-שוואוּמען געוואָרען. כ'האָב מיט אַמאָל דערפֿיהלט אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין. דער פֿערקיהלטער שמײַכעל איז אָבגעווישט גע-וואָרען פֿון מײַן פּנים. ביז צו טרעהרען האָט זיך פֿערוואָלט עפּעס אַרויסרעדען, קלאָגען זיך פֿאַר עמיצען. וואָס וויל מיך הערען. וואָס וויל מיך פֿערשטעהן. אפילו בײַ גרויסע מענשען טרעפט זיך אויך, אַז זיי פֿיהלען אַ בעדערפֿעניש אויסצוגיסען זייער האַרץ פֿאַר קלענערע מענשען, וועלכע זיי שעצען אַ האָר ניט. —

— גלויב מיר — האָב איך אָנגעהויבען — איך בין גאָר-ניט משוגע. אַלץ וואָס איך האָב ביז אַהער גערעדט — האָב איך דאָס גערעדט צו זיך אַליין. פֿערשטעהסט? צו זיך אַליין... אַ מאָדנער מענש בין איך. אַזוי זעה איך דיר אויס? ס'קען זײַן. און ווייסטו פֿאַרוואָס? ווײַל צווישען אונז בײדען איז דאָ אַ גרויסער אָבגרונד: דו פֿערמאָגסט אַ שענע שאָלעכץ, אַ שען געזיכט, אַ שלאַנקען גוף, אַ שטאָלצען גאַנג, אַ ליעבע שטימע... דאָס אַלץ פֿאָדערט דאָס לעבען. דאָס דאַרפֿען עס, פֿאַר אַזעלכע אַנטיקען וועט עס דיך מקרב זײַן. וואָס געהט עס אָן וואָס אינווענינג איז?

זיבער וועסטו זיך געהן מיט דיינע אויסוועניגסטע מעלות און וועסט אם ירצה השם מצליח זיין. געה מיט דעם וואס דו האסט און האב גליק. איך וועל דיך נאר בעגלייטען מיט מיין לאנגען בליק... אויף איין ארט וועל איך דא פערגליווערט בלייבען. אדער... ווייסט פארוואס? וויל מיר פעהלט דאס, וואס דו האסט. איך האב נאר א סך נערווען און עפעס א שטיקעל רויט-פלייש, וואס ווארפט זיך און קאכט און ווערט נתפעל, און טהוט וועה — מען רופט דאס הארץ. איך האב א צו שפיציגען מוח, רעיונות — וועלכע געהען מיר אדורך ווי בליצען. אבער איך האב ניט אויף זיי קיין אויסוועניגסטע שאלעכץ, וואס זאל עס בעהאלטען אונטער זיך, וואס זאל עס בעשיצען ווי א פאנצער. קיינער זאל גארנישט זעהן. קיינער דארף ניט וויסען וואס אונטער דעם פאנצער געפינט זיך!... און דו האסט שוין געזעהן אויף דיין לעבען א פרי זאל וואקסען, און צייטיג ווערען און זיס ווערען, ניט האבענדיג אויף זיך קיין שאלעכץ?

קוק זיך צו מיר צו און זאג, וואוהין קען איך זיך ווענדען מיט דעם מאגערען, מאוס'ען פנים. מיט אזוינע שוואכע הענד, מיט אזא קרענקליכען קערפער; מיט אזוי פיעל נערוועז און מיט אזא קליינעם גלויבען; מיט אזוי פיעל תאוות און טרוימען און מיט אזוי ווייניג האפנונג דערגרייכען דאס? צו וועלכער בראנזשע קען איך זיך צופאסען? וואס קען איך נעהמען פון דאס אלגעמיינע לעבען און וואס קען איך עס געבען? זעה...

אין האלז איז מיר ביטער געווארען. איין גלאז ביער און איך האב צוריק בעקומען לשון. מירקין האט אויף מיר געקוקט מיט א רחמנות'דיגע נייגעריגקייט. אט, אט צעוויינט ער זיך פאר רחמנות און צעלאכט זיך פאר גרויס פרייד. וואס ער איז ניט אזוי ווי איך...

אט האסטו א דעקאראציע, אויב דו פערשטעהסט ניט, — האב איך זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאלטען. געפיהלט, אז דאס איז צו פיעל און דאך גערעדט, — אז מיין טאטע איז געשטארבען האבען זיך צוזאמענגעקליבען מיינע פעטערס און מיינע מומעס, געהאלטען עצות וואס צו טהון מיט מיר, ווען פערקויפען אין קנעכטשאפט מיין דינינקען קערפערעל. — דער האט אנ'עצה געגעבען מאכען פון מיר א סקארניאק. נעהמט א צווייטער

פֿעטער און בעוויזט בעשײַנפּערליך, אַז נאָר גאָלדשמידערײַ איז פֿאַר מיר אַ גליק. קומט אַ דריטער און פּויקט מיט'ן פֿינגער אין טיש אַרײַן: ניט אַנדערש — אָוועקגעבן מיך פֿאַר אַ זײגערמאַכער, אַ פֿײַנע מלאָכה, אַן'איידעלע מלאָכה און... מען האָט פֿון איהר אַ „לאַבען ברויט“. מענשען! זײַן בנ'אָק איז אויך געווען אַ גאָרנישט־שבגאָרנישט, האָט ער איהם אַוועקגעגעבן פֿאַר אַ זײגערמאַכער, האָט ער שוין יעצט אַ „לאַבען ברויט“. —

האָט מען מיך אָבגעגעבן צו אַ זײגערמאַכער.

צו אַזאַ אַרבײַט דאַרף מען האָבען געדולד: צוזאַמענשטעלען די קלענסטע רעדעלעך, צופּאַסען פּאַמעליך די האָר, אַרויסנעהמען און פּוצען איטליכע שרײַפֿעלע בעזונדער, פֿאָרזיכטיג, רוהיג. דאָס אַלץ האָט מיר געפֿעהלט. האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן פֿעררינ־טען אַנ'אַלטען זײגער, אויף וועלכען איך האָב מיך די ערשטע צײַט געלערענט, פֿלעג איך איהם נעהמען ציהען די גדערעם מיט אַ פֿערבויגטען דראָט ער זאָל געהן גיכער. אַז מײַן בעל־הבית איז נאָר אַרויס פֿון אַרבײַט־צימער און די זײגערס האָבען מיר גענומען אַרויסשטעקען זײערע מעשענע אומרוהערס פֿון די וועגד, און טי־קען און טאַקען, פֿלעג איך ווערען אַ פֿערברענטער. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי רייצען זיך מיט מיר, מישען מיר איבער, וואָס איך טראַכט: „ס'איז שוין צײַט צו געהן אַ היים“ — טיק — טיק! „אויפֿ'ן מאַרק האָב איך שוין געזעהן אַגרעשען“ — טאַק — טאַק! „דער פֿעטער זאָגט, אַז איך וועל אי"ה האָבען אַ „לאַבען ברויט“ — טעק — טעק!... ס'פֿלעגט מיך אָננעהמען אַ חשק צוברעכען אַלע זײגערס ביז אײנעם און טאַנצען דערנאָך אויף די צעבראָכענע רעדלעך. אַראָב פֿון די וועגד, אַראָב פֿון די וועגד! כּדי צו קיהלען זיך אַביסעל פֿלעג איך אָנשטעלען די ווײַזערס פֿון אַלע זײגערס גלײַך, און שלעפּען זיי דערנאָך בײַ די קייטלעך, זיי זאָלען שלאָגען אַלע אויף איין מאָל. פֿלעגט דאָס אַביסעל ווערען אַ קלינגערײַ מיט אַ שלאָגערײַ אויף אַלערלײַ לשונות און קולות, דינע און מיטעלע און באַסאָווע. — האָט מיך אָבער איינמאָל דער בעל־הבית געפּאַקט בײַ אַזאַ מלאָכה און האָט מיר געגעבן האַלז און אַקען. — האָט מען מיך אַוועקגעגעבן צו אַ גאָלד־שמיד. די מײַסטערסקאַיע איז שטענדיג פֿול געווען מיט סאַזשע, פֿערגאָסען מיט נאַפֿט, פֿערשטויבט, פֿערשמאָלצען. אין אַ קורצע

צייט אַרום האָט מען מיך אַרויסגעטריבען. איז מקוים געוואָרען די עצה פּונים דריטען פעטער און מען האָט מיך אַוועקגעגעבען פאַר אַ סקאַרניאַק. דער שלעכטער גערוך פון די פעלכער און קאָל־נערם און אַבלאָמען איז מיר שטענדיג געשטאַנען אין קאָפּ. ס'האָט זיך שטענדיג געוואָלט ברעכען. פאַרנאַכט, אַז איך פלעג זיך אומ־קערען אַ דערשלאָגענער אַהיים, האָט זיך מיר געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט אַ ריח פון פעל. אפילו דאָס ברויט, וואָס איך עס, די טיי, וואָס איך טרינק, דאָס וואָס איך לעז און אויף וואָס איך שלאָף... כ'האָב זיך, דאַכט מיר, אַזוי פיעל געוויינט פאַר'ן עסען און פאַר'ן שלאָף, און גאָרנישט! ס'האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט איז אויף מיר אָנגעשטויסען און עפּוש'ט איינמאָל פאַר אַלעמאָל — מיך אין דער סיכאָטע אַריינברענגען. ניין, איך וועל זיך ניט לאָזען מען זאָל מיך אַזוי פייניגען! איינמאָל האָט מיר מיין בעל הבית געגעבען אַ קאַמטשאַטקען־קאָלנער, אָנשמירען איהם מיט קוואַשעס און אָנציהען מיט טשוועקלעך אויף אַ ברעט. ווי נאָר איך האָב גענומען די קוואַשעס אין האַנד, האָט מיר דער שלעכטער, פערזויערטער ריח אַ זעץ געטהון אין קאָפּ אַריין, אַז איך בין שיער ניט אַנידערגעפאַלען. ס'האָט זיך מיר גענומען דוכטען, אַז ס'איז ניטאָ איין מענש אויף דער וועלט, וואָס זאָל דאַרפען האָבען אַזאַ פער'עפּוש'טע פעל. מיין בעל־הבית דאַרף עס אויך אויף כפּרות. זיין גאַנצע כונה איז מעהר ניט — מיר אָנטהון יסורים. ער אַליין אַרבייט דערביי, כדי מיך צו פערפיהרען... נאָר כדי צו פייניגען מיך האָט מען דאָס אויסגעקלערט אַזאַ מלאָכה'לע און מען האָט דאָס איבערגעגעבען מיר. דוקא מיר... נאַ, ווערג זיך!... אַהאַ, הייסט דאָס ווייטער אַמאָליגע שדים! — אַ טריבע חוואַליע פון כעס האָט מיך אַ שטיק־געטהון, אַזש טרערען האָבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען. דאַן האָב איך געחאַפּט די קוואַשעס, אויסגעגאָסען דאָס אויף די ווייכע גלאַנציגע האָר, אויף דער אַנדער זייט פעלכעל, צוקלאַפּט און צעלעכערט די גאַנצע פעל; מיט אַזאַ פערגעניגען האָב איך עס צעלעכערט! און... אַנטלאָפען גע־וואָרען.

סוף־כל־סוף האָט עס דערעסען מיינע אַפּטרופּסים האָבען צוטהון מיט'ן שלימזל... מיט מיר הייסט דאָס. האָבען זיי מיר אַוועקגעגעבען דאָס ביסעל געלד, וואָס איז מיר נאָך איבערגעבלי־

בען פֿון טאַטענס ירושה, און צו זעכֿצעהן יאָהר האָב איך פֿערלאָזען די שטאָדט, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען, און אזוי ניט געלונגען אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרען.

פֿון שטאָדט צו שטאָדט און פֿון שטעדטעל צו שטעדטעל. אין אַ קורצע צײַט אַרום איז בײַ מיר צעשוואומען מײַן ביסעל געלד. און איך האָב אָנגעהויבען הונגערן און לערנען זיך פֿאַר אײן מאָל. לערנען האָב איך געלערענט נאָך אַ פּראָגראַמע און הונגערן האָב איך געהונגערט אָהן אַ שום פּראָגראַמע. אָהן אַנ'אָנהויב, אָהן אַ סוף. איך האָב אָנגעהויבען שפּירען, אז די לונגען זענען מיר ניט מיט אַלעמען. כֿ'האָב זיך איבערצײַגט, אַז מײַן „הוצאָה" איז גרעסער פֿאַר מײַן „הכנסה". מײַנע קרעפֿטען, וואָס איך גיב אוים, האָבען מעהר די וו רה ווי דאָס „גײַסטיגע שפּײַז", ווי דאָס לערנען, וואָס איך קלאַפּ אַרײַן אין מײַן מידען מוח. האָב איך פֿערוואָרפֿען לערנען. אוים לערנען! ווי זאָגסטו? — צום טײַוועל!

איך ווײס די האַלב־פֿערפֿוילטע בחורים'לעך, די עקסטערניקלעך. איך קען זײ גוט. פֿון דער ישיבה געהען זײ אַרוים און פֿון פֿינסטערע ווינקעלעך בײַ זײערע קלײנשטעדטעלדיגע עלטערען. אַ „ציעל" זוכֿען זײ, זײ „שטרעבען", פֿערשטעהסטו מיך, צו אַ „ציעל". פֿאָהרען זײ אַוועק אין די גרויסע שטעדט, הונגערן און וואַלגערען זיך אין קעלערם און שנאָרען און גיבען קאָפּקענעלעקציעס און אַלײן לערנען זײ זיך בײַ אָרימע, מידע סטודענטען— אומזיסט; דערשטיקען דאָרט זײער ביסעל יוגענד אין פֿערשטויבטע ביכֿער, וועלכֿע קײנער דאַרף ניט האָבען. און אַז זײ דערגרײכֿען שוין דעם „ציעל" זײערען, זענען זײ שוין קראַנק און חושך און צובראָכֿען אויף אײביג. סובֿאָטניקעס, קורצזיכֿטיגע, אויסגעדאַרטע מיט שפּיציגע נערגעלעך. לײַדען קען איך זײ ניט אָט די קראַנקע אונטאַלענטירטע געלערנטע מיט זײערע רײניקע דיפּלאָמען, מיט זײערע אײַנגעפֿאַלענע ברוסטען, אָהן לײַב, אָהן לעבען. לײַדען קען איך ניט אָט די קרבנות פֿון דער בילדונג. דאָס זענען ישיבה־בחורים אין אַ נײַער אויפֿלאַגע. סריסים מיט שוואַכֿינקע גוף'עלעך, מיט דאַרע נעזער, מיט בלאַסע שפּאַקולען, מיט אײַנגעגראָבענע אויגעלעך, וועלכֿע קוקען אין קבר אַרײַן... זײ האַלטען יעצט דאָס לעבען מיט זײערע קראַנקע הענד, זײ פֿערשמוצען די וועלט, זײ

פֿערפֿעסטעט די לופֿט מיט זייער אָטהעם... סקעלעטען — דאָקטוירימלעך, סקעלעטען — פֿילאָזאָפֿעלעך, סקעלעטען מיט מאַטעמאַטיק, סקעלעטען — אַדוואָקאַטלעך ... איך שטעל מיר זיי שטענדיג פֿאָר, אַז דאָס זענען גרויסע פֿעסער מיט שיטערע געהירען, וועלכע שלעפּען זיך אום איבער דער וועלט אויף הויכע, דינע פֿליגענע פֿיסלעך... געהען אום און שאָקלען זיך. אָט, אָט פֿאַלען זיי אַנידער און קעהרען זיך אויס... און מיינען מיינען זיי, אַז דאָס גאַנצע לעבען מיט איהר גאַנצע לופֿטיגע לוסטיגקייט, מיט איהרע דורכגעהענדע פֿאַרבען זענען בעשאַפֿען נאָר צוליעב זיי... גלויב מיר, מירקין, איך וואָלט געקענט דערגרייכען אַזאַ „ציעל" ווי איינער פֿון די דאָזיגע אומגליקליכע, אפשר נאָך העכער ... אָבער איך האָב זיי פֿיינד מיט זייער יעצטיגע שמאָלקייט, קליינקעפֿעלדיגקייט און שנאָרערייַ, מיט זייער עסען ברויט מיט זאַלץ און וואַלגערען זיך אין קעלערס און מיט זייערע צוקינפֿטיגע קאַריערען. זאָל בעסער אָנשטאָט מיר לערנען דער, וועמען עס האָט די מעגליכקייט בלייבען ביי זיין יוגענד, ביי זיין קראַפֿט, ביי זיין אייגענער נשמה אפילו דאַן, ווען ער וועט שוין זיינס דערגרייכען. מען לערענט צוליעב דאָס לעבען, אָבער מען לעבט ניט צוליעב דאָס לערנען. יאָ... נאָר — הערסט דאָך...

דאָס וואָרט איז מיר געבליבען שטעקען אין האַלז. איך האָב מיך פּלוצלונג דערמאָנט דאָס, וואָס איך האָב בעשלאָסען... אויב אַזוי, הייַנט וואָס רעד איך מיט איהם, מיט דעם פֿערד? וואָס געהט מיך אָן דאָס לערנען מיט עקסטערניקעס? וואָס וויל איך פֿון איהם? וואָס פֿילאָזאָפֿיר איך? דאָס איז דען דער עיקר? דאָס האָט מיך דען געצוואונגען קויפֿען די זאַך, וואָס גלאַנצט ביי מיר שטילערהייד אין קעשענע? — אַ סוף זאָל עס נעהמען...

מירקין איז געשטאַנען אַנטקעגען מיר, דער מויל איז איהם געווען אַביסעל אָפֿען. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס איך בין אין מיטען דעריבער אַנטשוויגען געוואָרען.

— הער נאָר — האָב איך זיך צו איהם פּלוצלונג געווענדעט מיט אַ שוואַכען קול, כמעט מיט געבעט — געה פֿון מיר אַוועק!

— וואָ—אָס? — האָט יענער ניט געגלויבט.

— מאַרש פֿון דאַנען! — האָב איך העכער אַ זאָג געטהון און בכיון אויפֿגערעגט זיך — איך קען דיך ניט אָנקוקען. ס'איז מיר נמאס צו קוקען אויף דיר.

— ביזט פֿון זינען אַרר... — האָט זיך מירקין צעטומעלט. נאָר איך האָב איהם ניט געלאָזען ענדיגען.

— אַרויס! — האָב איך גראָב אַ ברום געטהון און בלייך געוואָרען אויף אַנ'אמת — האָסט געהערט צי ניט?

— אָ—אָ—אָ—ז—י? אויב אַזוי... אַנ'אמת... חאַפּט דיך דער טייוועל... ביזט אַ פּענטאַק און... און חאַפּט דיך דער טייוועל! איך שפּיי...

— וואָן!

ער האָט זיך דערשראָקען, אַ קוק געטהון אויף מיר ווי אַ חיה און אַרויסגעלאָפען.

אַז די געשווינדע, צעשראָקענע טריט זענען איינגעשטילט געוואָרען אויף די טרעפּ, האָב איך זיך פֿערוואונדערט אַרומגע־קוקט. מיין שכרות איז אַוועק ווי אַ רויך. ס'איז געווען צוועלף אַ זייגער אין דער נאַכט.

... האָב איך טאַקע אָט ערשט אַרויסגעטריבען דעם יאָלד? ס'ווייזט אויס, אַז ס'איז אַזוי. פּשוט, אַז פֿריהער האָב איך מיט איהם גערעדט, דערצעהלט אַביסעל אמת, אַביסעל ליגען... דער־נאָך האָב איך איהם אַרויסגעטריבען.

— פֿאַרוואָס?

— פֿאַר אַ נאָז. אַ פֿראַגע! דאָ, אייער עקסעלענץ, איז פֿ'ראַן פּסיכאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, און מעהר גאָרנישט...

אַ פֿערלאָרענער, אַנ'אָבגעריסענער פֿון דער וועלט בין איך אַ ווייַלע געשטאַנען אין מיטען צימער. דער קאָפּ האָט זיך מיר אַראָבגעלאָזען. דערנאָך — אַ הויב די האַנד און אַ קלאַפּ זיך אַליין מיט אַ האַרטען פֿויסט אין שלייף אַריין.

— שלימזל, וואָס האָסטו געטהון?

דערבײַ האָט זיך בײַ מיר אַראָפּגעגליטשט די האַנט אין טאַש אַרײַן און האָט אָנגעטאַפּט מײַן רעוואָלווער... כ'קען שווערן, אַז איך האָב דאָס גאָרניט געוואָלט טהון. דער רעוואָלווער איז געווען אַזוי וואַרים! אַ קאַלט, דומפּיג געלעכטערל האָט זיך מיר אַרויסגעריסען פון האַלז און געשוועבט אין לעדיגען צימער, אין דער שטילקייט, אין מיטען דער האַלבער נאַכט.

מיט אַ מיסטישען שרעק האָב איך זיך אַ קעהר געטהון זעהן ווער לאַכט דאָס אַזוי. אַזוי משונה'דיג איז געווען מײַן געלעכטער. —

קאפיטעל זעקס

האָב איך זיך דאָס ביסעל אָנגעװױפּען מיט ביער און פערנאַנדערגערעדט זיך, און צעפּלױדערט זיך... פאַר װעמען האָב איך גערעדט? פאַר מירקינען. — צוליעב װאָס האָב איך גערעדט? — סתם אין דער װעלט אַרײַן. עס עקעלט. עס עקעלט.

איך טרײסט מיך, לכל הפחות, מיט דעם, װאָס עס האָט זיך בײַ מיר גאָרנישט ניט אַרױסגעכאַפּט, צוזאַמען מיט די נײַן מאָס רײד, טפּח עפּעס אַ רעװאָלװער אין אַ קעשענע, מכּה קױלען אין אַ שאַכטעלע... פּתח שין איז שאַ! קײנער טאָר ניט װיסען פון אַזױנע זאַכען; קײן אײן־אײנציגער מענש.

איך קען ניט דערמאָנען אָהן בושה דעם אײער־נעכטיגען אָװענד! מיר דאַכט, אַז איך האָב עפּעס דאַן געפיהלט אַ בעדערפעניש אין מענשישער רחמנות, אין מענשישע נעביכקײט. — װען איך האָב גע'דרשנ'ט פאַר מירקינען, שױן צום סוף, האָב איך בעמערקט, אַז ער קלױבט זיך רחמנות־האָבען אױף מיר. שיער, שיער האָט בײַ איהם געפּלאַצט אַזאַ רחמנות־בלעזעל און פערשפּריצט מיך מיט פערפױלטע װערטער... װען איך װאָלט נאָך אַביסעל גערעדט, װאָלט ער זיך אודאי און אודאי אַ הױב געטהון, װאָלט אַרױפגעלעגען זײַן װאַרימע האַנד בײַ מיר אױף מײַן אַקסעל און גענומען זיך צו מיר טרײסטען מיך, בערוהיגען. שװאַכינקע, איבערגעניצעװעטע מירקינישע טרײסטלעך װאָלטען צו מיר געקראָכען פון זײַנע קאַרשען־רױטע, זאַטע ליפּען. אַזױ װאַרפט מען אַנ'אָבגעריבענעם גראָשען אַנ'אָרימאַן, פון אַנ'אָנגעשטאָפּטען בײַטעל; אַזױ דערלאַנגט דער בעקער אַ שטיקעל פערשימעלט ברױט אַ הונגעריגען... אָבער איך האָב ניט דערלאָזען צו אַזאַ נעביכקײט. אַרױס פון מײַן צימער! אײנמאָל פאַר אַלעמאָל: אַרױס! — און מײַן מירקין איז ניטאָ.

אַצינד פיהל איך שױן ניט מעהר יענעם טריעבען פערדראָס

אויף זיך אליין, ווי אין יענעם אָוועגד, באלד נאָך דעם, ווי איך האָב מירקינען ארויסגעטריבען. איך האָב נאָר בעשיצט דאָס, וואָס איז מיר טייער; מיין טוידט־געדאנק האָב איך פערהיט. איך האָב מירקינען ארויסגעטריבען, ווייל ער איז געפעהרליך... ער איז מיר יעצט געפעהרליך מיט זיין ביער, מיט זיינע טענץ, מיט זיינע חאליאסטרעס לעב־יונגען און פרעהליכע מיידלעך, וועלכע ער שטעלט פאָר אויף יעדער שריט און טריט פאר זיינע בעקאנטע. העניע איז דאָך אויך פון זיינע... פון די אמאָליגע... ער איז געפעהרליך. איך האָב נאָר דערווייטערט פון זיך א סכנה. מיר אליין איז נאָר יעצט איבערגעבליבען א געפיהל פון א מענשען, וואָס האָט זיך אונטערגעגנב'עט צום צווייטען און אָבגעטהון איהם פונקט דאָס זעלבע שלעכטס, וואָס יענער האָט געוואָלט אָבטהון איהם. —

נאָר אָט וואָס! נאָך איין בעקאנטע איז ביי מיר דאָ; די געפעהרליכסטע פון אלע בעקאנטע... דאָס איז העניע. אָט די קליינע, אָה, — קיינער ווייס נאָך ניט ווי געפעהרליך זי איז! מען דארף פון איהר פטור ווערען ווי פון מירקינען. וואָלט זי צו מיר יעצט אריינקומען, וואָלט איך איהר געהייסען געהן. כ'וואָלט זי ווי ניט איז בעליידיגט און — געהייסען געהן! אָבער זי וועט דאָך ניט קומען. א שווארצע קאץ איז צווישען אונז אדורכגעגאנגען. שוין באלד א חודש צייט, אז איך האָב זי ניט געזעהן. צייט זי האָט חתונה געהאט בין איך ביי איהר ניט געווען. זי מיינט, אז איך מוז זיין גוט אין כעס פאר עפּעס א זאך... מען דארף צו איהר א גערה־טהון און מאכען עפּעס אזוינס, אז זי זאָל מיך מוזען ארויסטרייבען.

נאָך היינטיגען אָווענד מוז איך מאכען א סוף מיט העניע'ן. און פון דאן אָן בין איך פריי. פריי מיט מיין רצון, פריי מיט'ן רעוואָלווער. א פרייער וועל איך געהן אין שאנד־הויז. —

אָבער ווי אזוי וועל איך מיט איהר מאכען א סוף? וואָס וועל איך איהר זאָגען? די הענד ציטערן אביסעל.

— ס'איז א שווערע אָפּעראציע, אָבער איך וועל פאָרט געהן! —

*

— דין, דין, דין... דער שטאָדט־זייגער האָט געשלאָגען „זעקס" פֿאַרנאַכט. ס'איז שוין געווען גוט פֿינסטערלעך. מיט פֿערמאַכטע, מידע אויגען האָב איך לאַנגזאַם געצעהלט די קלעפּ. באַלד האָב איך מיך דערמאָנט: העניע...

איך בין געווען רוהיג; פּונקט ווי איך וואָלט זיך געקליבען געהן צו איהר פֿערברײנגען אין אַ שטילען שמועסען, בײַ אַ גלאָז טײַ מיט לימאָן. ס'איז אַזוי גוט צו זעהן איהר בלײַך פּנים'על, ווי עס שײַנט אין דער לײַכטער פּאַרע פֿון סאַמאָוואַר, ס'ווערט אַזוי טרויעריג־קיהל...

רוהיג בין איך געווען. און אַז איך האָב אָנגעטהון מײַן פּאַלטאָ, האָב איך צו איהם גערעדט, אַזוי ווי מען רעדט צו אַ גוטען ברודער; כ'האָב איהם צוגעפּאַטשט ווי אַ מבין — אַנ'אויסגעפּאַשעט פֿערדעל אויפֿ'ן האַלז:

— נו, מאָרגען־איבערמאָרגען וועלען מיר דיך פֿערקויפֿען, ר' פּאַלטאָ! אײַגענטליך ביזטו נאָך גאַנץ נײַ... וואָס? פֿונדעסטוועגען יועלען מיר דיך פֿערקויפֿען, אַ האַנדליאַרזש וועלען מיר דיך פֿערקויפֿען... און דערנאָך, ר' פּאַלטאָ...

די טראָטואַרען זענען געווען פֿול מיט שוואַרצע, אונרוהיגע מענשען; דער הימעל — פֿול מיט קלאָרע, אונבעוועגליכע שטערען. שטיל און קלוג האָבען נאַר געציטערט זייערע גאָלדענע ברעמען. איך בין זיך געגאַנגען צו העניען פּאַמעליך, טראָט בײַ טראָט; די הענד אין די פּאַלטאָ־קעשענעס; אַזוי רוהיג, רוהיג. אַ ראיה האָב איך — ווײַל עס האָבען זיך אין מיר בשעת־מעשה אויפֿגעוועקט און שטיל אַרומגעפֿלויגען אַזוינע מחשבות'לעך, וועלכע שווימען שטענדיג אַרוים, בשעת אַ טרויעריגליכע רוהיגקײַט. איך האָב מיר געקלערט: סוף־כל־סוף איז געקומען די צײַט אָבצוזעגענען זיך מיט זיי, מיט די מענשען און גאַסען און שטערען... אָט די פֿיערקאַנטיגע שטיקער צעמענט, אויף וועלכע איך טרעט אַצינד, וועלען בלײַבען שטיקער צעמענט נאָך מײַן טוידט אויך. און נאָך מיליאָנען מיט ווײַבערשע און מאַנסבילשע פֿיס וועלען איבער זיי

טרעטען, ביז זיי וועלען צעריבען ווערען, און מען וועט אָנשטאָט זיי דאַרפֿען אַריינשטעלען נייע שטיקער צעמענט.

ווידער האָב איך מיר געקלערט מיין אַלטישקע מחשבה, וואָס פֿלעגט מיר שטענדיג אַרויפֿקומען נאָר בשעת אַן אַבסאָלוטע, אינוועניגסטע רוהיגקייט און נאָגען מיך: אָט אין דער בלאָהער אונענדליכקייט זענען צעוואָרפֿען און הענגען אויף גאָרנישט — מיליאַרדען מיט וועלטען, זונען און פּלאַנעטען, וואָס דעם מענשענס מחשבה איז אפילו ניט אימשטאַנד בערעכענען זייער צאָהל, משיג זיין זייער גרויס. און צווישען די אַלע וועלטען דרעהט זיך עפּעס אַרום אַ קליין, חושך'דיג קייקעל — מען רופֿט דאָס: „ערד". מילא, זאָל זיין ערד. זאָל זיך עס אויך דרעהען. זאָל בילען דאָס הינטעל צווישען אַ סטאַדע העלפֿאַנטען... אָבער אויף דער דאָזיגער ערד איז עפּעס דאָ אַן'אינזעל, וואָס שטעקט אַרויס די נאָז פֿון ים אַרויס. אויף דעם אינזעל איז דאָ אַ מדינה, אין דער מדינה — אַ שטאָדט. חאַפּ נישט... און אין שטאָדט אַ קרומע גאַס מיט אַ פּאַסקעלע טראָטואַר... ניט געאַיילט... און אויף דעם טראָטואַר געהט עפּעס אַ בעשעפּעניש אויף צוויי פֿיס. אַז מען הויבט איין פֿוס און מען שטעלט אַראָב די צווייטע, הייסט דאָס: געגאַנגען... רופֿען רופֿט מען דאָס בעשעפּעניש שלמה, אָדער שלמה'קע. אַ גרויסע נפקא־מינה... און דאָס ליידט עפּעס און טראַכט... און דאָס שלעפּט זיך אַרום מיט אַ ביקסעל אין קעשענע און זויפֿט ביער און קלאָגט זיך פֿאַר אַ צווייטע בריאה מיט אַ פּאָר אויגען, וואָס הייסט מירקין; און בכלל איז עס אַ „מענש". ס'איז צו שטאַרבען פֿון געלעכטער...

— צו הענישען!

*

זייענדיג צווישען מענער, פֿלעגען מיינע מחשבות שטענדיג געפֿינען זייער ריכטיגעם, געפּרייגטעם געשטאַלט; מיינע געפֿיהלען — זייער אמת'ען אויסדרוק, און פֿלעגען זיך אָפּטמאָל אַרויסרייסען מיט זייער גאַנצע גיפֿט.

אָבער קיינמאָל האָב איך זיך אַזוי ניט געפֿיהלט צווישען פֿרויען. ביי איטליכעם אָנריהרען זיך אָן אָט די ווייבע, שעניקע בעשעפּענישען, פֿלעגט זיך אין מיר עפּעס פֿערצאַפּלען, עפּעס פֿלעגט זיך אָברייסען. די איינפֿאַכסטע מחשבות און ווערטער פֿלע־

גען צושוואומען ווערען, פֿערלירען זייער נאַטירליכקייט. מיינע בעוועגונגען, מיין רעדען, מיין אויסזעהן האָבען דערמאָנט אָן אַ שפּין, וועלכער איז אַריינגעפֿאַלען אין סמעטענע. און איך הויב ניט אָן צו וויסען פֿאַרוואָס איז דאָס מיט מיר אַזוי געווען. אֶפשר ווייל איך בין געוועזן צו ליידענשאַפֿטליך און צו שוואַך; אֶפשר ווייל איך בין נאָך זעהר יונג און בין נאָך קיינמאָל ניט געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען מיט פֿרויען, אֶפשר ווייל איך האָב ניט געקענט — ניט זיי, ניט זייערע געשמאַקען און האָב קיינמאָל ניט געקענט בעקומען „לייטזעליגקייט“ אין זייערע אויגען... ווי די מעשה איז, איך האָב מיך אָבער אַזוי שלעכט געפֿיהלט צווישען זיי, אַזוי געליטען, ביז ס'האָט זיך אין מיר אויפֿגעכאַפּט דער אַלטער חשד. ווי נאָר איך פֿלעג אַריינקומען אין אַ פֿרויען־געזעלשאַפֿט, פֿלעג איך קודם־כל נעהמען חושד זיין, אַז ווי נאָר איך וועל אַרויסגעהן, וועט מען פֿון מיר נעהמען אָבלאַכען. מכח מיין נאָז כ'מ'ן בלאַטערעל וועט מען אָנהויבען און — אַז מיר פֿעהלט „אַ קליאָפּקע“ אין מוח — מיט דעם וועט מען ענדיגען. איך האָב גענומען חושד זיין, אַז די גאַנצע צערטליכקייט און שענקייט פֿון די דאָזיגע בעשעפֿענישען איז געמאַכט געוואָרען נאָר כּדי צו פּייניגען און רייצען מיך מיאוס'ען, אומעטיגען. און אין אמת'ען איז קיין האָפֿנונג ניטאָ צו־צוקומען צו זיי ווען ניט איז. דאָס זענען דורכאויס שדים, שדים און שדים... נאָר איך אַליין בין בלוט און פֿלייש... זיי מאַכען זיך נאָר ווי זיי ליעבען, ווי זיי נעהמען זיך אַרום ביינאַכט אין פֿינסטערע אַלעען... זיי שרייבען אפילו גאַנצע ביכער, גאַנצע פּעק מיט ליעדער. ווי פֿרויען קושען, ווי פֿרויען נעהמען אַרום; זיי מאָלען נאַקעטע פֿרויען־בריסט, קיילעכדיגע און עלאַסטישע... אַלץ, כּדי איך זאָל גאָרנישט ניט פֿערשטעהן, כּדי איך זאָל זעהן בעשיינפּערליך, וואָס מען קען נעהמען אויף דער וועלט, ווען מען האָט שלאַנקע פֿיס און פֿייערדיגע האָר און אויגען און אַ פֿרעהליכע נאַרישע מינע אויף די רויטע ליפּען... אַלץ אַזוינע זאַכען, וואָס איך האָב ניט... אַלץ, כּדי מיך צו פּייניגען... אָבער איך ווייס!... אַהאַ, פֿאַרוואָס, למשל, לאַכען זיך אַזוי די ווייבערשע אונטערקליידער בשעת זיי געהען?... אפשר ניין? נאָר ביי שענע פֿרויען לאַכען די קליידלעך. ביי מאוס'ע — רוישען זיי נאָר... און איך

פֿערשטעה! ... אַלע הערען עס אויך און מאַכען זיך ניט וויסען ...
ס'איז שוין אַנ׳אָבגערעדטע זאַך ...

דאַן זענען געקומען טעג, ווען איך האָב אָנגעהויבען מורא צו האָבען פֿאַר אַלע ווייבער, אפילו פֿאַר מאוס'ע. איך האָב מורא געהאַט פֿאַר זייער קוקען, פֿאַר זייער לאַכען, פֿאַר זייער ווענד'ען זיך צו מיר. איך פֿלעג מיך בעמיהען אויסמיידען זיי אינגאַנצען: ניט געהן צו זיי, ניט פֿערבעטען זיי צו מיר, ניט האָבען מיט זיי קיין מגע ומשא. — ווער ווייס וויפֿיעל עס וואָלט ביי מיר גע־דויערט אַזאַ צושטאַנד, — און צו וועלכען פּינטעל דאָס וואָלט דערגאַנגען — אויב ניט ה ע נ י ע. פֿאַר איהר האָב איך קיין מורא ניט געהאַט. פֿון איהר האָב איך געלערנט, ווי צו בעציהען זיך צו אַלע איבעריגע פֿרויען.

אַ ליכטיג פּנים'על מיט זיסע גריבעלעך אין די לאַנגליכע באַקען און אין דער געמבעלע; גוטע שוואַרצע אויגען, מאַמע־אוי־גען; קליינע הענד, וואַרעמע, נערוועזע. ווי נאָר איך פֿלעג זיי אַ דריק טהון, פֿלעגט זיך מיר באַלד איבערגעבען, אַז אָט די בלייבליכע הענדטלעך, האָבען אין זיך עטוואָס אַזוינס, וואָס איך האָב דאָס אויך, און — פֿערבאָרגען דאָס אַזוי ווי איך... ניט־ענט־וויקעלטע ברוסטען, ניט נאָך איהרע יאָהרען נאָך, וואָס האָבען שוין באַלד געהאַלטען ביי צוואַנציג, מיט אַ בעהאַלטענעם, אונרו־היגען פֿייער — דאָס אַלץ איז געווען איינגעצויגען אין אַ שוואַרצע, שטרענגע קלייד און האָט געהייסען: מאַדמואַזעל העניע. אַז איך האָב זיך מיט איהר בעקאַנט, האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט: אַ קליין הערבסט־וואָלקענדעל ביינאַכט און אַ בלאַסע, רונדע לבנה שיינט פֿון איהם אַרויס.

הענעס שטימונג פֿלעגט זיך בייטען עטליכע מאָל אין טאָג. דאָס איז געווען אַ נשמה — אַ פֿריהלינג, וואָס האָט צו טהון מיט אַנ׳אָסיען: דאָ וואַקסט, דאָ וועלקט; דאָ בלישצעט די זון, דאָ רע־גענט. אין איין טאָג איז זי געווען פֿעהיג משוגע מאַכען זיך און וויינען; רעדען אַ סך און זיצען אומעטיג און שווייגען. זי האָט געקענט אַוועקזיצען צוויי שעה נאָכאַנאַנד אַ פֿערשטיינערטע: ניט אַ הויב אַ האַנד, ניט אַ שאָקעל אַ פֿוס. דאָס געזיכט בלייך, די אויגען פֿערשלאָסען; פּונקט ווי זי וואָלט געווען אָנגעשטרענגט מיט לייב און לעבען, צו בעשיידען עפּעס אַ שווערע, מיסטישע רעטע־

ניִש, וואָס נאָר זיִ אַליין ווייס פון איִהר. און פלוצלונג, פונקט וויִ זיִ האָט דערגאַנגגען וואָס זיִ דאַרף, שפּריִנגט זיִ אויף פון אָרט; דאָס פּנים׳על — ראָזיִג, דיִ אויגען בליִשצען און פיִלט אָן דיִ גאַנצע שטוב מיִט געפיִלדער און מיִט שענע קאַפּריִזען; וואַרפט זיִך אויפ׳ן האַלז און קושט אַלע חבר׳טעס, וועלכע קומען צו איִהר אַריין.

דיִ ערשטע צייט נאָכ׳ן בעקאָנען זיִך מיִט איִהר — האָט זיִ אפילו ניִט געקוקט איִן מיין זייט, ניִט געזעהען, אַז איִך עקזיסטיִר. נאָר פיִהלען האָב איִך שטיִלערהייד געפיִהלט, אַז זיִ איִנטערעסיִרט זיִך מיִט מיִר אַביִסעל. — דערנאָך האָט זיִ זיִך מיִט מיִר פלוצלונג גענומען בעגעהן אָפען און פראָסט וויִ מיִט אַנ׳אַלטען בעקאַנטען; פלעגט מיִך אפילו שלעפּען פאַר דיִ האָר ווען זיִ האָט זיִך משוגע געמאַכט. מיִר דאַכט, אַז איִך האָב זיִ אַביִסעל ליִעב געהאַט, אויף וויִפיִעל אַזאַ בן־אָדם וויִ איִך איִז פעהיִג צו ליִעבען. איִהר קול פלעגט מיִר קיִהלען דאָס האַרץ. ווען אַלץ האָט געקאָכט איִן מיִר. און איִך האָב זיִך געמאַכט ניִט וויִסען. קיינמאָל ניִט בעטאָנט אַ וואָרט, קיינמאָל ניִט געקוקט מיִט „אַ מיין”. נאָר איינמאַל, איִן אַ סוף־זומער־נאַכט, ווען איִך האָב מיִט איִהר אַרומגעשפּאַציִרט איִן שטאָדט־גאָרטען און דיִ לופט איִז געוואָרען שטאַרק און פייכט, האָב איִך בעמערקט, אַז איִהר לייכט זשאַקעטעל איִז אָפען ביי איִהר שמאָליִנקער ברוסט.

— איִהר וועט זיִך פערקיִהלען — האָב איִך געזאָגט — דאָס זשאַקעטעל איִז ביי אייך אָפען.

— נו, פערקנעפּעלט — האָט זיִ מיִר פראָסט אָבגעענטפערט — איִך פויל זיִך דיִ הענד אַרויסצונעהמען. מיינע הענד זענען אַזוינע וואַ—אַרעמיִנקע...

איִך האָב איִהר פערקנעפּעלט דאָס זשאַקעטעל און שטיִל אַ ציִטער געטהון. דאַכט זיִך אַזאַ קליינע ברוסט און אַזוי עלאַסטיִש. וואַריִם וויִ פוך און האַרט וויִ גומען. — העניִע האָט נאָר אַ זאָג געטהון „אַ דאַנק” און מעהר גאָרניִשט.

און נאָך איינמאָל, אַז איִך האָב זיִ געטראָפען איִן זעהר אַ גוטע שטיִמונג, האָט זיִ מיִך אַ שלעפּ געטהון פאַר דיִ האָר און דערלאַנגט איִהר אַלבאָם, געבעטען איִך זאָל איִהר עפּעס אַריינשרייבען. אַזאַ נאַאיִווער אַלבאָם איִז דאָס געווען, אַ בלאָהער מיִט

צוויי רויטע שוועלבעלעך אויפֿ'ן טאָוועל. ווער האָט דאָס געזעהן אויף זיין לעבען — רויטע שוואַלבען? איך האָב אַ קלער געטהון און פֿאַמעליך אויפֿגעשריבען:

קום איך צוגעהן: דערזעה איך גאָטס געזיבט, —
מײַן גאָט איז שטענדיג בלייך און שווײַגט.
געה איך אַרויס: בעגעגענט מיך דער טײַוועל, —
מײַן טײַוועל שמייכעלט אַזוי קאַלט...
איך וואָלט זיך מודה זײַן: „איך ליעב דיך"
נאָר דאָס איז אָבגעלעבט און אַלט.

זי האָט ביי מיר אַ חאַפּ געטהון דעם אַלבאָם, איבערגעלאָפֿען די עטליכע קורצע שורה'לעך מיט די אויגען. די אונטערשטע ליפּ האָט ביי איהר אַ ציטער געטהון. איך האָב בעמערקט. פֿונדעסטוועגען האָט זי מיר אַ פּאַטש געטהון איבער'ן פּלייצע און האָט זיך הויך אויפֿ'ן קול צעלאַכט. איהר געלעכטער איז מיר עפּעס ניט געפֿעלען געוואָרען. עפּעס האָט אין איהם געטאַנצט, עפּעס האָט אין איהם געוויינט.

און אין עטליכע טעג אַרום האָב איך דערהערט, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט עמיצען, אָהן דעם וויסען פֿון איהרע עלטערען „די בורזשויען"; אַז דער מאַן איהרער איז עפּעס אַ בחור'עץ מיט לאַנגע האָר, אַ בוכהאַלטער און קאַסיר פֿאַר איין מאָל. אַגב איז ער אַ גאַנצער מאַכער אין אַ פּאַרטיי. אַרבייט שטאַרק פֿאַר טובת-הכלל. אַז איהר ווילט, שטעלט ער זיך אַנידער און האַלט אַ רעדע אויך. דאַן האָב איך פֿערשטאַנען העניעס געלעכטער; און פֿון דאַן אָן בין איך ביי איהר מעהר אין שטוב ניט געווען, חאָטש איהר נייעס אַדרעס האָב איך געוואוסט. שוין באַלד אַ חודש צייט, אַז איך האָב זי ניט געזעהן.

איצטער, אַז איך האָב אַוועקגעוואָרפֿען אַלע לעקציעס און אַרויסגעטריבען מירקינען, שטעהט מיר גאָר אַ „העניע" אויפֿ'ן וועג. האָט דאַכט זיך חתונה געהאַט און שטעהט אויפֿ'ן וועג. זי וועט אָבער ניט אויספֿיהרען. איך וועל זי אויך אַוועקשטופּען און אַהין וועל איך פֿאָרט געהן.

אָבער פֿאַרוואָס האָב איך זי דעם גאַנצען חודש געזעהן ווי דורכ'ן נעבעל און אַצינד בענק: זיך אַזוי נאָך איהר? עפּעס איז

אויף עמיצען א רחמנות ... אויף וועמען? אפשר אויף מיר? וועמען דארף איך יעצט האבען און ווער דארף מיך האבען?

אז איך בין צוגעגאנגען צו איהר וואהנונג, האבען מיך בעגעגענט אבגעריסענע טענער פון א פיאנע. שוואכינקע, דומפיגע טענער. איך האב פערשטאנען, אז זי זיצט יעצט איינע אליין און שפיעלט, ווייל איהר איז לאנגוויילינ. דאס האט מיר הנאה געטהון.

*

דאס יונג פאר'ל וואהנט אויף דעם צווייטען שטאק.

אז איך האב גענומען ארויפגעהן אויף די האלב־בעלויכטענע שטיגען, איז מיין זיבערקייט אלץ שוואכער און שוואכער געווארען. ס'איז מיר געווארען קאלעמוטנע: וואס וועל איך איהר זאגען? ווי וועל איך פון איהר לויז ווערען?... אויף שטענדיג? — און אז איך האב אנגעקלאפט אין טהיר, האט מיר דאס הארץ אזוי געקלאפט, פונקט ווי איך וואלט ארויף ניט אויף א צווייטען שטאק, נאר אויף א צעהנטען.

— ווער איז דאס? — העניעס קול. העניעס.

— איך.

— אה ... סאלאמאן. אהא!

אז איך בין אריין, איז העניע געזעסען ביי דער פיאנע און געשפיעלט. זי האט א שמייכעל געטהון ניט א קוק־געבענדיג אויף מיר. אז איך בין צו איהר צוגעגאנגען, האט זי מיר דערלאנגט איהר לינקע האנד פון הינטער'ן רוקען, אויף איהר טאליע; דערביי ניט גערעדט קיין ווארט, ניט א קוק געטהון און מיט דער רעכטער האנד ניט אויפגעהערט צו טענצלען איבער די שווארצע און ווייסע קלאוויסען; — ציף, ציף, ציף ... פונקט ווי זי וואלט געטריבען צושראקענע פויגעלעך פון נעסט. איהר גאנצע אויפפיהרונג האט אויף מיר געמאכט אזא איינדרוק, ווי זי וואלט שוין פון פריהער געוואוסט, אז איך וועל היינט קומען צוגעהן, זי האט אויף מיר געווארט, געוואלט בעגעגענען מיך מיט א עפעקט, מיט'ן שפיעלען ... זי ווייס, אז איך האב דאס ליעב ... אדער ... אפשר שעמט זי זיך גאר? ... שעמט זיך, וואס זי האט מיך ניט גערופען אויף

איהר חתונה ... חאַ—חאַ, דאָס איז ניט שלעכט! פונקט אין דער צייט, מיין עהרען ווארט ...

און ווידער אַמאָל איהר קול, אַזוי שטיל און קאַרג:

— זיצט, סאָלאָמאָן, און שטערט מיר ניט.

אַז איך האָב מיך נעבען איהר אַנידערגעזעצט, האָט זי מיר פלינק אראָבגעכאַפּט דעם קאַפּעליוש פון קאָפּ:

— ביי אונז זיצט מען ניט אין הוט.

און האָט ווייטער געשפּיעלט.

דאָס צימער, וואו איך בין געזעסען, איז געווען אַ עס-צימער און גאַסט-צימער צוזאַמען. מיט אַ בעזונדער ריח, מיט אַ ריח פון אַ יונגינקע פּאַר-פאָלק, מיט אַ ריח פון'ם „האָניג חודש" אַליין, האָט עס געוועהט פון דער שווארצער, סעראַטענער סאָפקע, פון טיש, פון דער טישטוך מיט די בלאָהע פרענזעלעך, פון לאָמפּ מיט'ן ראָזיגען אַבאַזשור, פון די ברוינליכע פאָרהאַנגען מיט די אויסגע-נעהטע קווייטלעך. — אה, אָט די צוויי האַלבע אראָבגעלאָזענע, פער'סוד עטע פאָרהאַנגען! זיי פיהרען אין שלאָף-צימער אריין, זיי שמייכלען מיט זייערע קנייטשלעך ווי לעבעדיגע ברעמען, זיי האָ-בען זיך כלומר'שט פערשעמט אראָבגעלאָזען ... אָבער דאָס זענען בעסטיעס! זיי נאַגען ביים הארצען, זיי זויגען בלוט, דערפאַר זענען זיי רויטליך ...

און די פּיאַנע אַקאָמפּאַנירט העניעס בעליעבט ליעדעל און איהר שוואַכינקער, אָבער טיעפער ברוסט-קול'כעל העלפט אונטער און ציהט שטילערהייד:

... חלומות אונשולדיגע, טרוימען פערגעהענדע,

טרוימט מען איין-מאָל.

דאָס ליעדעל איז מיר בעקאַנט. העניע פלעגט דאָס ליעב האָבען זינגען, ווען עס ווערט בין-השמשות'דיג גראָה, ווען עס קומט צופליהען אַ בעהאַלטענער, זיסער שרעק פון יענעם זייט לע-בען. העניע פלעגט פיהלען דעם שרעק אַזוי ווי איך, אראָבלאָזען דאָס קעפּעל און ציהען פערטראַכט:

עס ציהען זיך וואָלקענס פער'חושך טע, שווערע,

טונקעל און פייכט איז ארום.

עס װײַנען די בײמער און שאָקלען זיך נאַקעטע;
האָב זיך ניט אויף מײַן געליבטער,
מאַך דײַנע אויגען ניט אויף!...
יעצט זינגט זי דאָס זעלביגע און שפּילט צו:
... חלומות אומשולדיגע, טרוימען פֿערגעהענדע,
טרוימט מען אײן-מאָל!

דער נגון גלעט און נאָגט, קיצעלט און שטעכט. כּדי צו דערשטיקען אַזאַ אויסגעמישט, נערװעז געפֿיהל, זוך איך מיר עפּעס אַ געדאַנקעל אין װאָס אײַנצועסען זיך אַזױ, אַז די אויערען זאָלען גאָרנישט ניט הערען. אויף דער װאַנד דערזעה איך אַ געדרוקט פּאָסטקאַרטעל: סאַחאַלינער האַלב-אינזעל מיט גרויזאַמע, חמורע פֿעלזען אַרום... אַהאַ, „סאַחאַלין!“ איך האַב מיך אָן אָן װאָרט, װי אַ מענש װאָס טרינקט זיך. עפּעס אַ קלײניגקײט סאַחאַלין! האָט אײנער דער'הרג'עט אַ מענשען, מאָג זײַן פֿון שרעקליכער שנאה, מאָג דער דער'הרג'עטער זײַן דער ערגסטער פּאַדליעץ... אַהאַ, הרג'ענען אַזאַ מענשען! די װעלט אָבער מוז איהם עפּעס האָבען... זי קען אָהן איהם ניט אויסקומען... יענער װעט שוין האָבען אַ װיסטען סוף... אין סאַחאַלין װעט מען איהם פֿערשיקען, אין סאַ—חאַ—לין... אין שמוץ און אין טורמעס װעט זיך יענער װאַלגערען, שכּור'ע סטאַיקאָװעס װעלען איהם זידלען; אַלע װעלען זיך פֿון איהם דערװײַטערען. אַ קאַטאָרזשניק װעט מען פֿון איהם מאַכען... אין די זומפּען װעט ער מוזען אַרבײַטען... אין די װילדע סאַחאַלינער „טײַגעס“... װי אַ פֿערד... ערגער װי אַ פֿערד... די קײטען װעלען קלינגען... אַזױ גאַנצע יאָהרען. און די געזעלשאַפֿט קוקט אויף דעם מיט אַ צנוע'דיג פּנים, גלעט דאָס בײַכעל פֿון הנאה, פֿיהלט, אַז זי האָט עפּעס אָבגעטהון אַ פֿײַנע זאַך, אַ מצוה. אַלײן מאַכט זי מלחמות און הרג'עט טויזענדער מענשען אין אײן טאָג און פּאַטשט בראַװאָ... און דאָ משפּט זי פֿאַר הרג'ענען אַ פּאַדליעץ, און טהוט מצוות... װי אַזױ? איך בין דער פּראָטעסט געגען דעם, מיט מײַן טוידט װעל איך זײַן דער פּראָטעסט. פֿרײַ בין איך! אויף מ ײַ ן לעבען בין א י ך דער בעל-הבית. איך גראָב אונטער און ברעך דורך די גרענצען און טהוט מיר עפּעס! װער װעט מיך ניט דערלאָזען? װער קען מיך ניט דערלאָזען?

וואו איז דאָס דער בית־דין, דער „עהרליכער“ בית־דין, די פֿרומע געזעלשאַפֿט, וואָס זאָלען זיך אָבּרעכענען פֿאַר דעם טוידט, וואָס איך וועל מאַכען מיט זיך אַליין? וועמען וועלען זיי משפּט'ן? אַ?... מען קען שטאַרבען פֿון געלעכטער. מיין עהרען וואָרט... וועמען וועלען זיי אַוועקשיקען קאַטאָרגע? אין סאַחאַלין — — — —

גליקליך איז דער, וועלכער שלאָפֿט, וועלכער טרוימט
דאָס גלעטען פֿון פֿריהלינג אום־הערבסט...

די ציטערדיגע טענער פֿון דער פּיאַנע און העניעס קול'כעל זענען שטאַרקער, נעהמען מיך אַרום איבער גוואַלט, צוטומלען מיך, גיסען אין מיר אַריין יענעם פּאַטאָקע־געפֿיהל, וואָס נאָר סענטימענטאַלע דרייסיג־יעהריגע מיידען און האַלב־שכור'ע ווייסען פֿון איהם... רבונו של עולם, ווי אַזוי וועט עס זיך אָנהויבּען? מען מוז דאָך אָנהויבּען...

— איהר... שפּיעלט שען — גיט זיך מיר אומגעלומפּערט אַ ריס אַרויס פֿון מויל און פֿערהאַקט זיך.

העניע הערט ניט, אָדער זי מאַכט זיך ניט הערענדיג. איהר געזיכט איז קאָנצענטרירט, דאָס געמבעלע פֿערשפּיצט, די גריבּעלעך אין די באַקען פֿערשוואונדען. זי שפּיעלט. לויט די ווייטקייט פֿון די קלאַוויסען בעוועגען זיך איהרע קלאָרינקע, נערוועזע הענד. צוזאַמען מיט די הענד בעוועגט זיך איהר גאַנצעס קערפּערעל אונטער דאָס שוואַרץ יאַקעל. די פֿיס ריהרען זיך שטיל אונטער'ן אַלפּאַגאַ שטוב־קליידעל. איהרע אַלע אֵברים שפּיעלען מיט. אפילו איהר שאָטען אויפ'ן וואַנד העלפֿט איהר צו... און איך זיץ, הער זיך צו און קלער, אַז דאַן, ווען איך וועל שוין ליגען אַ קאַלטער, אַ שוויי‌געגדיגער מיט אַ בּלאָהינקעם לעבּעלע אין שלייף, וועט העניע אויך קומען צולויפֿען, וועט זיך איינבּויגען איבּער מיין טוידטען פּנים, וועט ווישען די אויגען מיט אַ קלאָר באַטיסטען טיכעל... דאָס טיכעל וועט אַוודאי שמעקען מיט נעגעלעך־אָדעקאַלאָן, ווי עס שמעקט אַצינד פֿון העניען אַליין. ווער ווייס? אפשר וועט זי זיך נאָך צעיאָמערען. זי איז דאָך אַ גוטע... און דער מאַן איהרער, דער בּוכהאַלטער מיט די לאַנגע האָר, דער „טהוער“ וועט זי שטילערהייד שלעפּען פֿאַר'ן אַרבּעל און וועט זי בערוהיגען מיט אַ צעצויגענעם קול, אַ קול פֿון אַנ'אויטאָריטעט:

— נו, הלופּאַ. פּערעסטאַן, וויעד ניע וויערניאָש...
און ווי אין נעבעל:

וועה איז צו די, וועלכע חאַפּען זיך אויף
אין דער טריבער, אונענדליכער נאַכט;
זיי וועלען קיין אויג מעהר פערמאַכען..

און די פּיאַנע ברומט מיט איהרע אָקטאַווען, בעטאָנט און בעשטעטיגט:

חלומות אונשולדיגע, טרוימען פערגעהענדע —
טרוימט מען איין־מאָל!...

— סאַלאָמאָן!

זעה נאָר, העניעס געזיכט בלייכט זיך פונקט אַנטקעגען מיין געזיכט, שמייכעלט ניט. די פּיאַנע שווייגט.

— פאַרוואָס האָט מען אייך ניט געזעהען אַזאַ לאַנגע צייט?

— אַזוי.

— פאַרוואָס... יאָ, פאַרוואָס זענט איהר ניט געקומען גראַטולירען מיך נאָך מיין חתונה? אַלע זענען געווען...

איך האָב זיך פערוויטעלט. דאָס האָט שוין ביי מיר לאַנג ניט געטראָפען. אוי, קלעהר איך, ווי דאָס בלאָטערעל מוז יעצט גלאַנצען אויף מיין נאָז!

נאָר כ'האָב געשוויגען.

— איהר קענט מיין יאַשען?

— ניין.

אַנ'אונאַנגענעהמע פּויזע. יאָ, יאָ — האָב איך מיר געטראַכט — „מיין יאַשע, מיין יאַשע", וואָס געהט עס מיך אָן? און אַז אפילו דיינער? — העניע איז געבליבען זיצען אָנגעשפּאַרט אָן שטול און די אויגען זענען איהר געוואָרען אַביסעל קאַסאָקע פון קוקען אין איין פּינטעל אַריין. מיט צוויי פינגער האָט זי געפּויקט אויף דער פּיאַנע־דעק, וואָס זי האָט אַראָבגעלאָזען.

— איהר געדענקט נאָך די עטליכע פערזען, וואָס איהר האָט מיר אַריינגעשריבען אין אַלבאָם?

איך האָב געשמייכעלט.

העניע האָט צו מיר פּלוצלונג צוגערוקט איהר ביינקעל און זהויב געטהון די האַנד. „באַלד, האָב איך מיר געטראַכט, וועט

זי מיך שוין אָנחאַפּן בײַ די האָר, ווי איהר שטייגער איז, בשעת זי ווערט צו גוט..."

נאָר דאָס מאָל האָט זי אַזוינס ניט געטהון. עפּעס ניט ווי־לענדיג האָט איהר האַנד געבלאָנדזשעט איין סעקונדע אין דער לופטען, און פּלוצלונג, כמעט — אונגערן, אַ גלעט געטהון אי־בער מײַנע האָר פון שטערן אַרויף.

— פאַרוואָס זענט איהר אַזוי אומעטיג?

„אהא, האָב איך מיר געטראַכט און פערקריצט מיט די ציין אונטער די צוזאַמענגעפּרעסטע ליפען, אַט הויבט זיך שוין אָן די ווײַבערשע פוטער־סדרה..."

פונדעסטוועגען האָב איך ווי ניט איז אַרויסגעפּלאַפּעלט:

— אַזוי, גאָרניט... דער קאָפּ טהוט וועה...

און די האַנד גלעט און גלעט. די האַנד גלויבט ניט. דער קול שעפּצעט:

— ניין, דו ביזט מאָדנע, דו בעהאַלסט דיך... דו ביזט עלענד...

„אַט האָסטו דיר, זי איז שוין גאָר אַריבער אויף דו."

אַ עלעקטרישער ציטער פליסט מיר איבער דעם גאַנצען גוף, אַלע נערווען ריהרען זיך. איך האָב פערגעניגען, גע'גנב'עטען, נעבעכדיגען פערגעניגען פון אזא ווייכע בעריהרונג אָן די האָר. אין הארצען בין איך פערביטערט:

— וואָס וויל זי פון מיר? וואָס וויל זי? אַרײַנשלעפּען מיך אין לעבען אַריין? מען דאַרף אַנטלויפען, אַנטלויפען און... און אַ סוף זאָל עס נעהמען.

— הערט אויף, העניע, איך בעט אײַך. —

מײַן קול איז געווען אַזוי שוואַך...

— אַי, מײַן דעמאַן, מײַן ליעבער דעמאָן, דו ליידסט אַ סך, אַ סך, נו... זעהר אַ סך... און שווייגסט... איך ווייס! — האָט זי צוגעגעבען און אָנגעשטעלט אויף מיר ליעבליך־חיטרע אויגען, — איך ווייס... און דו דערצעהלסט ניט... שלעכטער, שלעכטער, שלעכטער...

— זי מיינט אַ פּנים אַלץ איהר חתונה־האָבען — האָב איך מיר געטראַכט און געשווינגען — אַ נס, וואָס זי מיינט ניט מײַן רעוואָלווער.

און די ווײַבע האַנד גלעט אַלץ זיבערער און זיבערער. איך וויל זי אָבשטעלען און קען ניט. איך בין ניעדעריג ווי אַ קנעכט. אַלץ בלעזעלט זיך ביי מיר אין מוח. בלעזלעך שווימען אַרויף און פּלאַצען: אָבגעזאָגטע לעקציעס... אַרויסגעטריבען מירקינען... שאַנד־הײַזעל... רעוואָלווער... מען מוז דאָך אָנהויבען... מען מוז... מען מוז...

— וואָס איז מיט דיר, סאַלאָמאָן? וואָס ביזטו אַזוי בלייך געוואָרען? ליבער...

איך האָב פּלוצלונג דערפיהלט, אַז ס'איז מיר זעהר, זעהר שווער אָבצורייסען זיך אויף איביג פון אַזאַ וואַרעמער נשמה און אַוועקגעהן אין אַ קאַלטע אונענדליכקייט. — איך האָב דערפיהלט, אַז נאָך אַ סך קייטען שמידען מיך צו צום לעבען און איך האָב פריהער ניט געוואוסט ווי שווער עס וועט זיין זיי איבערצורייסען. איך האָב דערפיהלט, אַז איך וועל ניט קענען אַוועקגעהן אין יענעם שמוציגען אָרט קאַלטבלוטיג, אַריינשיסען זיך אין שלייף מיט אַ זיכערער האַנד, בשעת דאָ, אין צימער, נעבען דעם ראָזיגען אַבאַזשור געפינט זיך נאָך אַזאַ ליבע בעשעפעניש ווי הענע, וואָס קען מוחל זיין אויף אַלץ און רעדען צו מיר אַזוי גוט, גלעטען מיך מיט אַזאַ ווייכליכקייט איבער די אונפאַרביגע האָר. איך האָב מיך אַליין דערשראָקען פאַר דער פּלוצליכער מחשבה, וואָס איז מיך מיט אַמאָל בעפאַלען און איינגאַנצען אויפגעטרייסעלט: באַלד חאַפּ איך אַרויס דעם רעוואָלווער פון טאַש, גיב עס אַ שלייַדער איהר צו די פּיס. — אָט דאָ צווישען די צוויי שפּיצען לאַקירקעס, וואָס שמייכלען אַרויס פון אונטערן קליידעל... דערנאָך וועל איך שטיל אַראָבלאָזען דעם קאָפּ אין אָט דעם קליינעם, יונגען שויס... זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין... איך וועל דערצעהלען... איך וועל קריצען מיט די ציין אויף זיך אַליין און כ'וועל דערצעהלען... מיר דאַכט, אַז מיין האַנד האָט שוין גענומען זוכען די קעשענע... דאָ האָט אָבער עמיצער אַ גראַבעל געטהון, די טהיר האָט זיך אויפגעעפענט און ס'איז אַריינגעגאַנגען...

— ער!!!

איך האָב איהם גלייך דערקענט אָן די לאַנגע האָר. דאָס איז געווען דער בוכהאַלטער, דער „טהוער". זיין געזיכט איז געווען איינס פון די ווייכע, „עהרליכע" און אַ ביסעל מיעדע געזיכ־

טער, וואָס געפֿעלען אַלעמאָל פֿרויען, און די מענער קענען זיי ניט ליידען. אַז מען קוקט זיך צו, דערקענט מען באַלד אין אַזאַ פּנים אַ מין אונאַנגענעהמע טרוקענקייט, אַ קליינינקען, ביליגען און קאַלטינקען עגאָאיזם, וועלכע זענען בעהאַלטען אין די ליפּען־ און אויגען־ווינקלען.

ווי נאָר יענער איז אַריין אין צימער, האָט ער אויף אונז אָנגעשטעלט אַ פּאָר גראָהע, איינפֿערזיכטיגע אויגען; פֿונדעסטוועגען איז איהם אַ געמאַכטע זיסקייט געווען צוגאָסען איבער די דינע ליפּען. מען האָט גלייך געזעהן, אַז איהם האָט פֿערבערענט: עפּעס אַ פֿרעמדער בחור... אַ ראָזיגער אָבשיין פֿון לאָמפּ! — אַ קוק אויף דער ווייב, אַ קוק אויף מיר... און ווי נאָר זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעשטויסען אָן מיין גרויסע, געראונצעלטע נאָז, איז איהם אַ פּנים גרינגער געוואָרען אויפֿ'ן האַרצען, ווייל דאָס זיס שמייכעלע האָט זיך ביי איהם באַלד צושמאָלצען איבער דאָס גאַנצע געזיכט.

העניע האָט זיך צו איהם אַ ציה געגעבען מיט איהר נערוועז זאַפּטיג קערפּערעל. זיי האָבען זיך אַרומגענומען און צוקושט. ער האָט זיך געמוזט איינבויגען, און זי — שטעלען זיך אויף די שפּיצען לאַקירקעס. ס'האָט מיר אַזש גענומען קלינגען אין די אויערען.

„די בעסטע מיידלעך. האָט מיך עפּעס אַ בריה געטהון, קומען אָן די ערגסטע גאַרנישטען. און איך, אַ קלענערער „גאַרנישט“, דאַרף עס נעהן קויפֿען פֿאַר גראָשענס אין בלאָטע... אַ טאָג פֿאַר'ן טוידט...

— יאַשע, פֿאַרוואָס קומסטו אַזוי שפּעט?

יענער איז מיט אַמאָל געוואָרען סעריאָז, זעהר סעריאָז; אַ ביסעלע זיך אָנגעבלאָזען. די נאַרישקייט האָט ביי איהם גענומען קריכען, קריכען ביז זי איז איהם געבליבען הייגנען אויפֿ'ן שפּיץ נאָז. מיט אַ קאַלטקייט האָט ער פּאַוואָלינקע אָבגעשטויסען פֿון זיך העניען און אַ זיפֿץ געטהון:

— אַ סך אַרבייט, אַ מאַסע אַרבייט...

ער האָט מיט דעם אַ סך געמיינט!

דאָס וואָרים געפֿיהל, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט אַ פּאָר מינוטען צוריק, איז צעשוואומען און פֿערשוואונדען געוואָרען. ווי אַזוי, האָב איך מיר געקלערט, קען מען זיך דאָס אַזוי גיך בייטען? אָט ערשט האָב איך און דאָס ווייבעל געפֿיהלט עטוואָס

נאָהענטעס, עטוואָס מײַניגעס, וואָס געהערט נאָר צו מיר, נאָר מיר... און אין אַ מינוט אַרום האָט זי דאָס אַזוי לײַכט אָפּגעגעבען אַ צווײַטען... קושען זיך פֿאַר מיר אין די אויגען און מיך לאָזען שטעהן אָן אַ זײַט? וואָס בין איך אַ פֿליג און זי איז אַ שפּין? אָה, איך בין גאָר אַליין אַ שפּין... נאָך אַ גרעסערער שפּין... אַ שכין — וואָס מען דאַרף צעטרעטען...

אַ קאַלטע שנאה, אַ טריבע אַכזריות צו זיך אַליין, האָבען זיך אין מיר אויפֿגעבּרויזט. אויב איך וואָלט געקענט, וואָלט איך אײַנגעביסען די אָדערען פֿון האַנד און געזויגען מײַן אייגען בלוט.

— צוליעב וואָס בין איך אַהער געקומען? אפשר כדי צו האַפּען אַ נדבה רחמנות, אַ גע׳גנב׳עטען גלעט? וואָס איז דאָס? אַ צוקעריל פֿאַר אַ ביטערער רפואה, וואָס? וואָס געהט מיך אָן דאָס יונג פּאָר׳ל? וואָס וויל איך פֿון אָט דעם טיש, פֿון דער סעראַטענער סאָפּקע, פֿונ׳ם ראָזיגען לאָמפּ? און דער רעוואָלווער?... אַהאַ, דער טײַוועל טאַנצט שוין ווידער אַרום מיר! איהם גלוסט זיך שוין ווידער אַרײַנשלעפּען מיך אין ס׳לעבען אַרײַן? ער פֿערשטעלט זיך מיר אין אַ גלעטעלע, אין אַ יונג ווײַבעל, וואָס רעדט זיס. לעקעכלעך שטעקט ער מיר איך זאָל ניט ווײַנען. דאָס וועט זיך איהם ניט אײַנגעבען, ניין, ניין, ניין...

מײַן האַרטקײַט און קאַלטבלוטיגקײַט זענען אין מיר געוואַקסען פֿון סעקונדע צו סעקונדע.

— אַה, יאָ... כ׳האָב פֿערגעסען — האָט זיך העניע אַרויסגעגליטשט פֿון איהר מאַנ׳ס אָרעמס — פּאַרדאָן, כ׳האָב דיר פֿערגעסען פֿאָרצושטעלען אָט דעם... ס אַ ל אָ מ אָ ן, אַנ׳אַלטער בעקאַנטער. און דאָס איז מײַן מאַן — יאַשע.

— באַלד וועל איך עפּעס אָבּטהון אַ שרעקליכע זאַך, אַ שרעקליכע זאַך — האָב איך געטראַכט מיט אַכזריות. —

עס האָט זיך צו מיר גענעבען אַ שטרעק אויס אַ ווײַסע האַנד, לאַנגע בלײַכע פֿינגער מיט אַ חתונה־רינג אויף איינעם פֿון זיי... מײַן האַנד האָט שוין געווען געמאַכט אַ בעוועגונג אָנצונעהמען די אויסגעשטרעקטע האַנד און אַ דריק טהון... און פּלוצלונג האָב איך זי אַ שטויס געגעבען פֿון זיך... דאָס שרעקליכע זאַך האָט מיר אַ בליץ געטהון אין קאָפּ און זיך גראָב אַרויסגעריסען:

— איך דאַרף ניט... וואָס מיר בעקאַנטשאַפֿט... וואָס טויג

אײַער העניען נאַרען אײַך ?... ס'איז נידעריג... אָט ערשט האָט זי מיך געדריקט צו זיך און געקושט... דער רוח ווײסט עם... צוליעב וואָס לײַגען, נאַרען...

כ'האָב געטראָפען אין פינטעל אַרײַן. דער עפעקט איז געווען שטאַרק. בײדע זענען געבליבען שטעהן ווי אַ דונער וואָלט זײ געטראָפען. צווײ פּאָר אויגען האָבען זיך צו מיר אַ קעהר געטהון און פערקיהלט געוואָרען. גרויסע, משונה'דיגע... אַז די פערשטײנערונג איז אַריבער, האָט העניע גענומען שטאַמלען. די אונטערשטע ליפּ איז בײַ איהר געווען אָבגעהאַנגען:

— סאַלאָמאָן! ווי אַזוי?.. דו? יאַשע, ער זאָגט?... וואָס איז? ניין, ניין...

יאַשע איז געווען בלײַך ווי קרײַד. ער האָט פערנאַנדערגענומען די הענד ווי אַן'אונטערגעשאָסענע גאַנז, האָט אַרײַנגעשרויפט זײַנע וואַסערדיגע אויגען אין זײַן ווײַבם געזיכט און געפּלאָפּעלט:

— ע... העניע... העניעקע?

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך געפיהלט ווי אַ זאַטער פוקס, וואָס חאַפּט זיך אַרײַן אין אַ שטײַג מיט היהנער. דער פוקס טהוט זײ גאָרנישט, און די היהנער פלאַטערען און קוואָקטשען און פיהלען שוין דעם טעם פון צעריסענע אברים. כ'האָב געוואַרט. ס'האָט זיך מיר געגלוסט מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַז יאַשע זאָל זיך אַ הויב טהון, בעליידיגען מיך און אַרויסוואַרפען פון שטוב. מיט דער זעלבער ווײַסער האַנד, אויף וועלכער עס בלישצעט דער גאָלדענער רינג... ער וואָלט געגעבען אַ פּאַטש — וואָלט איך אויך צוגענומען. כ'וואָלט געשטאַנען גלײַך און געשוויגען... אַזוי רחמנותדיג האָט אויסגעזעהן העניע. אָבער ער האָט גאָרנישט געטהון. ער איז נאָך צו זיך ניט געקומען. דאַן האָב איך אַליין גענומען אַרויסגעהן מיט'ן קאַפּעליוש אין דער האַנד. דאָס האַרץ האָט בײַ מיר אויפגעהערט צו קלאַפּען. איך בין צוריק קאַלטבלוטיג געוואָרען.

— פּאָדליעץ!...

דאָס האָט זיך מיט מזל אַרויסגעריסען חאָטש איינאיינציגע בעליידיגונג פון העניעם מויל. וואָס איז בין אהער געווען אַזוי צו-

טומעלט. ס'האָבן זיך געפֿילט אין דעם שוואַכן אויסגעשריי איהר גאַנצער כּעס, בעליידיגונג, איהר גאַנצער עקעל צו מיר פֿון היינט אָן. דער אויסגעשריי האָט נאָך מיר נאָכגעיאָגט, צוריסן זיך ווי אַ באָמבע אויף מיין רוקן.

איך בין שוין געווען הינטער דער טיר. דאָרטן האָב איך נאָך דערהערט אַ שוואַכן גערויש פֿון פֿרויען-קליידער. און אַ פֿאַל פֿון עטוואָס ווייכעס, שווערעס. ווי עס ווייזט אויס, איז העניע געפֿאַלן אין חלשות. און אַ קול... יאַשעקס קול בעט זיך, ציטערט:

— העניע... הענעקע...

— אָט האָסטו דיר יעצט „יאַשע און העניניקע". ווי קליין זיי זענען יעצט, ווי אומגליקליך. און ווי שוואַך איז דער גליק, גאָט מיין גאָט. אַ שלעפּ געטהון איין נאַרישע, בעהאַלטענע פּע־דימעל — איז אויס!...

אין טויער פֿון הויז בין איך שטעהן געבליבן. מיין פֿאָר־שטעלונג האָט מיר אויסגעמאָלט אין איין מינוט דאָס מאוס'ע זאַך, די שמוציגע זשאַבע, דעם גראָבן ליגען און גיפֿטיגען ציניזם, וואָס איך האָב איבערגעלאָזען נאָך זיך אויף דעם צווייטען שטאָק, אין אַזאַ נייעם וואָהנונג, צווישען מאַן און ווייב. אין רעכטען מיטען האָניג־חודש. כ'האָב מיר פֿאָרגעשטעלט העניעס טייכען טרעהרען און יאַשעס גליהענדיגען חשד, ביז ס'וועט זיך זיי ביידען איינגעבען אַלץ קלאָר צו מאַכען. מיין געוויסען האָט זיך גענומען אויפֿהאַפּען, קריכען ווי אַ שלאַנג פֿון נאָרע... אפֿשר אומקעהרען זיך, בעטען מחילה? ניין, מוחל זיין אויף אַזאַ זאַך קענען זיי ניט... זיי וועלען עס קיינמאָל ניט פֿערשטעהן. לכל־הפּחות דערצעהלען אַלץ ווי ס'איז געווען... אָבלייקענען דעם שקר, די גראָבקייט... ווי האָט זי אַ געשריי געטהון? פֿאָדליעץ?... יע, יע.

נאָר דאָ האָט זיך מיר אַראָבגעלאָזען די האַנד אין קעשענע. דאָס בין איך אַנטלאָפֿען בעהאַלטען זיך פֿון זיך אַליין צו מיין בע־שיצער; צום קאַלטען, מעטאַלענעם, גוטען בעשיצער מיינעם. די האַנד האָט אָנגעטאַפּט און ווי אַן'אָדלערשע לאַפּע פֿעסט אַרומגעחאַפּט איהם... דעם רעוואָלווער... וואָלט איך געקענט אין

איִהם נעָגעָל אַרײַנשטעָכעָן, וואָלט איִן עס געָטהון. אַ קאַלט געָ־
לעָכטעָרעָל האָט זיִך איינזאַם אַרויסגעָקויקעָלט פון האַלז און צו־
גאַנגעָן איִן דעָר קאַלטעָר לופט. מיִט איִמפעָט האָב איִך אָבגעָ־
טראָטעָן פון שטוב און אַוועָק. איִן קעָשעָנעָ האָב איִך אַלץ געָדריִקט
דעָם רעָוואָלווער, רעָדעָנדיִג צו איִהם ווי איִן קדחות:

— ניין, טײַערער, ניין, ליִעבעָר... מיִר וועָלעָן זיִך שוין
ניִט אומקעָהרעָן — רעָוואָלווערעָלעָ מײַנס... מעָהר קיינמאָל ניִט...
ווי אונזעָר מיִרקין זאָגט... ווי? צום טײַוועָל, צום טײַוועָל!...

קאפיטעל זיעבען

אַנ׳אונרוהיגע נאַכט. אַ פֿערוואָגעלטע נאַכט.

נאָך דער נעכטיגער מעשה, געהענדיג צוריק פֿון הענ׳עןמיט האַסטיגע, ניט גלײַכע טריט, האָט זיך מיר פּלוצלונג געגומען דוכטען, אַז עמיצער יאָגט זיך נאָך מיר. איך קוק זיך אום — קײנער איז ניטאָ. גײַ איך ווײַטער — הער איך פֿאָרט, אַז מען לויפֿט מיר נאָך מיט ווײכע, קעציגע טריט; עמיצער רײַבט זיך אַרום די ווענד, וואו דער שאָטען איז געדיכטער און וועבט דאָרט עטוואָס לוסטיגעס, עטוואָס שלעכטעס — ווי אַ גרויסער שפּין אין דער פֿינסטער.

איך האָב געגומען חושד זײַן, אַז דאָס איז יאַשע. עס ברענט אין איהם די אײפֿערזוכט. ער איז ערשט געקומען צום זינען, און לויפֿט נאָך אָברעכענען זיך פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן ווײַבעל. אַנ׳אָבגעפּושערטער מאַן... ער גנב׳עט זיך פֿון הינטען; די אויגען סטאַרטשען בײַ איהם אַרויס פֿון שטערען ווי בײַ אַ זשאַבע... די לאַנגע האָר זענען איהם צושויבערט; אַ גאַנצער קאָלטון; די האַלז — אויסגעצויגען ווי בײַ אַ שלאַנג. אַ פֿינישעס מעסער איז בײַ איהם בעהאַלטען אין אַרבעל. אַ מין העלד פֿון „קרײַצער׳ס סאָנאַטע". איך דאַרף נאָר אַ ווײַלע ניט געהן אַזוי האַסטיג, וועט זיך מיר עפּעס אַ לאַנגע, קאַלטע זאַך, אַ שאַרפֿע און אַ געפֿעדערליכע אַרײַנשטעכען אין רוקען; וועט זיך אינוועניג אַ גליטש טהון און דורכגעהן צווישען די ריפּען, דורך די לונגען, וואָס בעוועגען זיך אַזוי עלאַסטיש...

האָב איך זיך געלאָזען געהן נאָך גיכער, נאָך האַסטיגער.

נאָר אין אַ מינוט אַרום האָב איך מיר צוריק אַ קלעהר געטהון: נו, אַדרבא, אַדרבא, זאָל מיך טאַקע יאַשע שטעכען. ס׳איז אַלץ אײנס: איך אַלײן אָדער אַ פֿרעמדער.

און מײַנע טריט זענען געוואָרען דריבנע, אָבגעמאָסטען, כ'האָב אפילו אײן האַנד פערלעגט אויף הינטען. ס'האָט זיך געוואָלט בײדע הענד פערלעגען, „נאַ, טוידט!‟ נאָר מיט אײן האַנד האָב איך געמוזט דריקען דעם רעוואָלווער אין קעשענע; כ'האָב געמוזט. אזוי בין איך געגאַנגען און געוואַרט אויף עפּעס שרעקליכעס, אויף אַ פלוצלעדיגען, ווילדען אָנפאַל פון הינטען; עס זאָל אַזש אַ בריל טהון אין דער לופט. —

ס'האָט זיך גאָרנישט ניט געטראָפען. טונקעלע מענשען זענען פערבײַ מיר דורכגעגאַנגען, געשוואַרצעלט זיך, געשלײַנגעלט זיך אין דעם אויסגעמישטען שײַן פון די גאַז-לאַמטערנעס און פון דער לבנה. אײנער פון הונדערט פלעגט אויף מיר אַ קוק טהון אָהן אַ שום כונה און אַוועקגעהן. די איבעריגע האָבען, ווי די מוראַשקעס, געקוקט נאָר אויף דעם טראָטואַר, וואו זײ געהען. פון זײערע נאָזלעכער זענען געפלויגען קלײנע קרײַזעלעך פאַרע. דאָס איז אויך באַלד צעגאַנגען אין שאָטען. —

פונדעסטוועגען, ווי נאָר איך האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט אין מײַן צימער, האָב איך פערשלאָסען נאָך זיך די טהיר. איך געדענק גוט: צווײ מאָל האָט זיך דער שליסעל איבערגעדרעהט אין שלאָסלאָך. כ'האָב צוגעלעגט אַנ'אויער און געהאָרכט: שטיל. — דערנאָך האָב איך אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. דערנאָך האָב איך זיך אַרײַנגעזעצט אין בעט אין פאַלטאָ, אין די קאַלאָשען, אַזוי ווי איך בין געקומען פון גאַס. האַרץ און מוח — אַזוי וויסט און לעדיג און פונדעסטוועגען אַזוי שווער. מײַן קאָפּ האָט זיך אַראָבגעלאָזען ווי אַנ'אונטערגעשניטענער, באַהאַלטען זיך אין הויכען קאָלנער פונ'ם ווינטער-פאַלטאָ. מײַן זודיגער אָטהעם האָט קײן דורכגאַנג ניט געהאַט און געבריהט מיר די באַקען, די ליפּען, דעם גאַנצען פנים.

ווען איך האָב זיך שוין שטאַרק דערהיצט, האָב איך ערשט דאַמאָלסט דערפיהלט, אַז איך זיץ אין פאַלטאָ, — פערשטאַנען, אַז ער איז אין דעם שולדיג... האָב איך געכאַפּט אַראָברײַסען איהם פון זיך און אַ שלײַדער געטהון אָן דער פאָדלאָגע: ס'איז מיר אַלץ אײנס, מאָרגען-פריה פערקויף איך איהם!

דאָס האָט מיך נאָך ניט בערוהיגט. האָב איך אַ פלינקען שפּרונג געטהון, אַראָבגעכאַפּט פון הענגעל מײַן נײַעם סמאָקינג-

אַנצוג, וואָס איך האָב זיך געניִיט מיט אַ צוויי חדשים צוריק און וועלכער איז ווי אַ מת געהאַנגען אויפ׳ן וואַנד אונטער אַ ווייסען ליילעך. כ׳האָב איהם צוזאַמענגעדרעהט מיט דער ליילעך איינאיינעם און אַ וואָרף געטהון מיט האַס אויפ׳ן פּאַלטאָ: וואָס מיר סמאָקינגס! מאָרגען וועל איך דאָס אויך פערקויפען...

כ׳האָב מיך אָבער נאָך אַלץ ניט געקיהלט: איין פוס פערנאַנדערגעוויעגט אין דער לופטען. דערנאָך די צווייטע פוס, אויף אַזאַ אופן אויסגעטהון מיינע בלאָטיגע קאַלאָשען און אַרויפגעוואָרפען זיי אויף דער קופּע קליידער, וואָס וואַלגערט זיך אין שטוב:

— אַלץ וועל איך פערקויפען... אַלץ!

דאָס האָט מיך אַזוי משונה׳דיג אָבגעמאַטערט, אַז איך האָב מיך געמוזט אויסציהען אויפ׳ן בעט — אָברוהען אַביסעל. כדי צו דערקוויקען זיך, האָב איך אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, אַוועקגעלעגט איהם אויפ׳ן קישען, צוגעדריקט צו איהם מיין גליהענדיגע באַק און עפּעס אַ טריבעם ליבע־געפיהל האָט זיך מיר געבאָמבעלט אין לעדיגען מוח:

— שוין לאַנג מיט דיר ניט געשלאָפען, סמזר׳ל... שוין לאַנג, רעוואָלווערלע מיינס...

און אין אַ מינוט אַרום...

— חע, דו וואַרטסט שוין דאָך אַזוי ל׳אַנג... כ׳האָב דיך אַביסעל אָבגענאַרט, זונעניו... דו ביזט שוין גוט הונגעריג. אַ יאָ? זיי זיך מודה...

מיין „זונעניו" האָט געבלאַנקט און געשוויגען.

אַזוי בין איך געבליבען ליגען אַ פּאָר שעה אָהן אַ שום געדאַנק, אָהן שלאָף, אָהן ווילען. דער לאָמפּ האָט געברענט אויפ׳ן כ״ש, ערגעץ ווייט האָבען לאָקאָמאָטיווען געפּרובט זייערע קול׳כער, געבריהמט זיך, ווער עס קוויטשעט בעסער...

פּלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז די אָבצאַסען פון מיינע שיך האָבען זיך אַ קלאַפּ געגעבען אָן דער פּאָדלאָגע. ווי אין היהנערפלעט האָב איך זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און פערשטאַנען, אַז דאָס איז גאָרניִשט. אַז דאָס האָב איך זיך נאָר אַנידערגעזעצט; האָב איך צו זיך אַזוי געזאָגט:

— ס׳איז דאָך אַ פּשוט׳ע מעשה: איך קען זיך אויסטהון...

טאַקע מיט אַן אֶמת אויסטהון זיך... אויסציהען זיך אונטער דער קאָלדרע... דער רעוואָלווער בּיים זייט... „זעהר אַנגענעהם!"

מיינע הענד האָבּען גלייך גענומען, אויפגעהויבּען די דעקע. דעם מאַטראַץ האָב איך ניט אויפגעטרייסעלט, דעם צוקאָפּען ניט אַרויפגערוקט. מעכאַניש האָב איך זיך בּעוועגט; ווי מיט האָלצערנע פינגער אַראָבּגעריסען פון זיך די קליידער און אַזוי ניט פאָרזיכטיג, אַז אַ פּאָר קנעפּלעך האָבּען זיך אָבּגעריסען, אַ שפּריץ געטהון אויף דער פּאָדלאָגע, געחאַפּט דאָרטען אַ טענצעל, אַוועקגעקויקעלט זיך מיט אַ „אַהאַ"... אויסגעזוכט זיך מיט מזל אַן'אָרט, געבּליבּען ליגען, אַנ'שוויגען געוואָרען...

כ'האָב פערלאָשען דעם לאָמפּ. אַרונטערגערוקט זיך מיט'ן רעוואָלווער אונטער דער דעקע. שטי—יל. — ווי אין קדחות האָב איך אַ י ה ם געגלעט, געדריקט צו מיין לייבּ און געקלערט, ווי שרעקליך עס וועט הילכען אַ שאָס אין אַזאַ שווייגעדיגען, פינסטערן חדר. אַ פריהער אַ בּליץ... אַ פייערדיגער בּייזער קוק פון אַ ריזיגען דעמאָן און בּאַלד: טררר—אַך! דער בּעל־הבּית און די בּעל־הבּית'טע פון דירה חאַפּען זיך אויף מבוהל'דיגע און גלייך צו מיר אין צימער אַריין. — „גאָרדאָוואָי!" שרייט דער בּעל־הבּית; ער איז אַזאַ שרעקעדיגער... די בּעל־הבּית'טע איז אַזוי מבולבל, אַז זי שפּרינגט צו מיר אַריין אין צימער מיט נאַקעטע, קיילעכדיגע פּלייצעס... מאָרגען בּייטאָג וועט דאָס טאַקע אַזוי זיין. אַ שאָד, וואָס איך וועל שוין ניט קענען זעהן...

און שעה'ן ציהען זיך, און דער אָטהעם בּריהט און לאָקאָמאָטיווען פּייפען ערגעץ ווייט, און קעץ וויינען אויף די טרעפּ. אַ פריהער קלאָגען זיי איטליכע בּעזונדער, דערנאָך אַלע צוזאַמען, דערנאָך סיפּען זיי ווי שלאַנגען און רייסען מיט די נעגעל... און דער שלאָף הענגט אין דער לופטען אַזאַ שווערער, אַזאַ געשמאַקער. איך פיהל כמעט זיין טעם, זיין ריח, ער וויל זיך אָבּער ניעדעריגער ניט אַראָבּלאָזען, ער רייצט זיך מיט מיר, ער רייצט זיך.

... זעה, אָט איז העניע. זי וויינט. איהרע טרעהרען זענען גרויסע און פינקלען. דאָס פאַלען פון איהרע אויגען שטיקעלעך נשמה. זי האָט אַ בּריליאַנטענע נשמה. די טרעהרען קויקלען זיך איבּער בּיידע בּלייכליכע בּאַקען צו איהר געמבּעלע. דוקא אין

גריבעלע ווילט זיך זײַ אַרײַנפֿאַלען. דאָרטען גיסען זײַ זיך צונויף און פֿאַלען אַראָב... בײַ יאַשען זענען די אויגען פֿערלאָפֿען מיט בלוט. זײַנע גלײַכֿע האָר זענען לאַנג און האַרט ווי אַ פֿערדישער עק און צושויבערט. ער האַלט עפּעס דאָרטען אַ גלאַנצענדיגע, שאַרפֿע זאַך. דאָס איז בײַ איהם פֿערוויקעלט אין אַ פּראָקלאַמאַציע מיט רויטע אותיות. ער שרײַבט „העניע, העניעקע, לאָז מיך, לאָז מיך צו איהם...”

איז דאָס אַ חלום אָדער — אַ קאַשמאַר? אַ פּנים — אַ קאַשמאַר. איך פֿיהל, אַז איך בין ניט געשלאָפֿען. אַ ראיה האָב איך, די גאַנצע צײַט האָב איך געפֿיהלט אַ טעמפּען וועהטאָג אין באַק. דאָס האָט מיר וועה געטהון פֿון רעוואָלווער. צו שטאַרק האָב איך זיך צו איהם צוגעדריקט.

און ווי טאַקע... אויב העניע וואָלט געווען מײַנע. נאָר מײַנע. ניט דעם בוכֿהאַלטער'ס מיט די משונה'דיגע האָר, און וואָלט מיך געגלעט און געקושט, אויף אַנ'אמת געקושט, ניט ווי איך האָב פֿריהער געלײַגט... אויף אַנ'אמת... וואָלט איך אפשר ניט געדאַרפֿט האָבען אָט דעם מגל; אַז מען דריקט זיך צו איהם צו — שטעכֿט ער זיך גאָר... העניע איז ווײַבער, אָה, אַ סך ווײַבער! איהרע האָר שמעקען מיט נעגעלעך־אָדעקאָלאָן, די אויגען גלאַנצען בײַ איהר מיט אַ גרינליכֿען פֿײַערל אין דער פֿינסטער...

אָבער איך בעמיה מיך דערשטיקען אַזאַ צוריסענע, נאָגענדע לײַדענשאַפֿט און שרײַ אויס דורך די ציין אונטער דער דעקע:

— דוקא, דוקא... אַלע קלײדער וועל איך פֿערקויפֿען. אַלץ וועל איך פֿערקויפֿען.

די פֿינסטערניש אין צימער ווערט בלאָה, דערנאָך בלײַך. די טויער סקריפּעט. אין הויף הילכֿט אַ קוסט און שווערע שטיוועל סמאָרען דאָרטען איבער די שטײנער, וועלכֿע זענען בעצויגען מיט אַ דינעם באַגינען־אײַז. די קופּה קלײדער אין מיטען צימער מיט די בלאָטיגע קאַלאָשען, וואָס זיצען אין דער הויך רײַטענדיג, הויבען זיך אָן אָבצוטײלען פֿון דער נאַכֿט, שווימען אַרוים ווי אַ קלײנע פּיראַמידע אינ'ם בלאָהליכֿען חושך.

*

— האנדעל, האנדעל, האנ—דעל!!! מאַרינאַרקעס, קאָמאַשען, קאַלאָשען, קאַפּעליושען...

— אהא, געלויבט איז גאָט.

איך שפּרינג צום פענסטער, קלאַפּ אין שויב און ווינק: „ר' יוד, קומט אַריין, קומט אַריין.”

בשעת יענער קריכט דאָרטען אויף די שטיגען, כאַפּ איך אויפהויבען מיינע קליידער פון פּאָדלאָגע, טרייסעל פון זיי אָב דעם שטויב און וואַרף זיי אַרויף גלייכגעוויכטיג אויפ'ן וועגטעל פון שטול.

שוין אַ פּאָר שעה, אַז איך וואַרט אויף אַ האנדליאַרזש און קלעם מיך. די הענדלער האָבען דוקא היינט, ווי צו־להכעיס, פערשפּעטיגט. אַלעמאָל וועקען זיי מיך אויף זייגער אַכט. איך האָב שוין געוואָלט לויפען. זוכען זיי אין גאַס.

שאַ! איך הער שוין זיינע טריט אויף די לעצטע שטיגען. טריט פון אַ מענשען מיט גרויסע שטיוועל, מיט אויסגעקרימטע אָבצאַסען. באַלד וועט אַ סקריפּ טהון די טהיר. מיינע קליידער— אַזוי ווי ניט געווען. און אויפ'ן גאַס איז אַ שניי מיט אַ רעגען; קאַלט, נאַס.

— פערקויפען, פערקויפען... און דער רעוואָלווער? דו פערגעסט!

— גוט מאָרגען! — דערהער איך באַלד הינטער זיך אַ חניפה־קול. איך קוק זיך אום: ע ר איז שוין דאָ. אַ בעבערדעלט געזיכט. האָר געלע, קאַלטענעוואַטע, קריכען אין מויל אַריין. פייכטע אויגלעך, פינטלען; קוקען מיך אָן מיט אַ קוקעלע פון אַ האנדליאַרזש אַ פּקח, וואָס וויל גלייך דערקענען, מיט וואָס פאַר אַ „העכט” ער האָט דאָ צו טהון.

— גוט מאָרגען. וואָס האָבען זיי צו פערקויפען?

— דאָרטען, אויפ'ן שטול... — ווייז איך איהם מיט'ן פינגער.

דאָס יודעל האָט גלייך אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם זאַק, אַ ציה געגעבען זיך צו מיינע קליידער; גענומען טאַפּען, שמעקען,

בודק זיין ביים פענסטער. דא, מאכט ער צו מיר, איז איהם ליבטיגער. — פלינק האט ער ארויסגעקאטשעט די ארבעל פון דער מארינארקע און האט זיך בעקאנט געמאכט מיט דער פאטשעווקע. מ'יא, מאכט ער, די פאטשעווקע מוז מען אויך זעהן. און וואס מעהר ער האט אונטערזוכט די „סחורה", אלץ קרומער און ציטריגער איז געווארען זיין קוקען אויף מיר.

— איז... פערקויפט איהר דאס?

— יא.

דערביי האב איך אבגעקעהרט דעם קאפ. מיר האט זיך געדוכט, אז יענער גראבעלט זיך ניט אין די קליידער-ארבעל נאר ביי מיר אין הארצען; האט מיר איבערגעקעהרט די נשמה אויף דער לינקער זייט און טאפט... טאפט מיט קרומע בלאטיגע פינ-גער... איך האב געפיהלט, אז איך פערקויף דא דעם לעצטען חלק לעבען, אז איך פערדארב דאס, וואס האט מיך געדארפט ווארימען און בעשיצען פון בייזען פראסט, פונדעסטוועגען האב איך געשמייכעלט. צוליעב וואס? איך וויים אליין ניט. דאס איז עפעס געווען א שמייכלען ווי ביי דעם „מענש, ווועלכער לאכט", אין הוגאס ראמאנען.

— איז... אלץ פערקויפען זיי, פאניע?

— אלץ!

— דעם פאלטא אויך?

— דעם פאלטא אויך.

איך האב געזעהן, אז דער האנדליארזש וואלט געוועזן א בלען וויסען, פארוואס פערקויפט דאס עפעס אנ'אנשטענדיגער בחור אין מיטען העלען טאג אזעלכע נייע בגדים. ער האט נאך פריהער ארומגעזוכט מיט די אויגען אלע ווינקעלעך, ערקונדיגט זיך, אז קיין אנדער פאלטא האב איך ניט. ער האט אבער מורא געהאט קאליע מאכען דעם מסחר און געשוויגען. —ס'פנים האט ביי איהם מיט אמאל בעקומען א הענדלערשען בטול. קאלט און פארזיכטיג האט ער א פרעג געטהון:

— נו, איז הייכט דאס, וויפיעל?... כ'מיין וויפיעל זאל מען דערפאר געבען?

— עלף רובל — האט זיך מיר ארויסגעכאפט פון מויל.

פּאַרוואָס עלף? מיט אַ ווײַלע צוריק האָט עס געשלאָגען צעהן אַ זייגער, איז מיט איינם מעהרער...

— וויפיעל, פּאַני, וויפיעל? — האָט יענער ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערען.

— איך האָב געזאָגט — עלף רובל.

— בײַ דעם האַנדליאַרזש איז די נאָז בלײַך געוואָרען. ער האָט נאָך אַלץ ניט געגלויבט, נאָר ער האָט געהאַט פּחד איבערצופרעגען. האָט ער זיך גענומען אומדרעהען, טאַפּען אין די קעשענעס מיט ציטערדיגע הענד, קלינגען מיט קופּער-געלד:

— נו, מסתמא ווילען זיי דאָך. בע—בע, צעהן... ס'הייסט צעהן קערבלעך... אַ גלײַכער חשבון...

— עלף!

— דוקא? פּאַני, איך קען ניט. מיין עהרען וואָרט... צעהן איז אויך אַ פּרײַז. וואָס... וואָס... געבען? יאָ?

— ניין.

— אַ ווײַב מיט קינדער... פּאַני, שלעכטע צײַטען...

אַ גאַנצע כוואַליע פון עקעל האָט מיך אַ שטיק געטהון אין האַלז. ס'האָט זיך מיר אַזוי געגלוסט אָנחאַפּען דעם הענדלער פאַר'ן קאָלנער און אַרויסוואַרפען דורך אַלע טהירען. מיין לעצט שטיקעל לעבען קויפט ער דאָ און דינגט זיך נאָך. אַזאַ יונגאַטש! מיט זיין ווײַב און קינדערלעך שרעקט ער מיך. — נאָר מיין רעוואָלווער, וועלכען איך האָב די גאַנצע צײַט געדריקט אין קעשענע, האָט מיך אָבגעהאַלטען...

— ר' יוד... — האָב איך מיעד געענטפערט — לאָזט מיך. איך בעט אייך, לאָזט מיך.

תּכּף האָב איך דערפיהלט, אַז עטוואָס קײַלעכדיגעס, שווערעס רוקט זיך מיר אַריין אין דער אָבגעשוואַכטער האַנד. געענדיגט. אין רוקען איז מיר עפּעס דורכגעלאָפען. יענער איז געשטאַנען און געערדט גיך, גיך. עפּעס האָט ער זיך געשוואוירען... עפּעס האָט ער אַ ווײַב מיט קינדער. אָט דאָ לאָזט ער מיר איבער אַ פינפערעל אַניאויפגאַב. זאָל ער אַזוי געזונד זיין און זיין ווײַב און זיינע קינדער, אַז אין אַ ווײַלע אַרום ברענגט ער מיר דאָס איבעריגע. ער האָט מיט זיך וועניג געלד גענומען. חלילה, איך זאָל אַנ'אַנדערן ניט פערקויפען. ער זעהט אָן מיר, אַז

איך בין אַ פֿײַנער מאַן. חלילה, אָט באַלד קומט ער צוריק, אָט באַלד...

איך האָב איהם מיעד אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

אַז יענער איז אַרויס, האָב איך זיך גלײַך אַ קעהר געטהון און מיט אַ בעהאַלטענער בײנקשאַפֿט אָנגעקוקט מײַנע קלײדער:

— פֿערקויפֿט.

און באַלד האָב איך זיך אויסגעגלײַכט, פּונקט ווי איך וואָלט מיך דערמאַנט, אַז איך האָב נאָך אויפֿצוטהון עפּעס זעהר אַ וויכטיגע זאַך. מיט זעהר אַ סעריאָזע מינע האָב איך אויסגעזוכט אַ שטיקעל קרײַד, צוגעגאַנגען פּאַמעליך צו מײַנע קלײדער, אויסגעשפּרײט זיי אויפֿ'ן בעט, און שטעלענדיג זיך נעבען בעט אויף די קניע גענומען אויסמאָלען אויף די קלײדער טוידטע קעפּ, ווײַסע שאַרבענס... אונטען מיט צונויפֿגעקרײצטע בײנער. מיר איז אַלעמאָל געפֿעלען געווען דער דאָזיגער סימבאָל פֿון אינקוויזיציע, פֿון טוידט-געריכט, פֿון דער גאַנצער מענשעשער צוקונפֿט. זענענדיג פֿערטראַכט, פֿלעג איך מיר אָפּטמאָל מאָלען אַזוינע לאַנגליכע רעדעלעך, אין מיטען: דרײַ דיקע פּינטלעך ווי אַ סֶגֹל. אַ ביסעלע ניעדריגער — עטליכע דריבנע זיגזאַגען. אונטען — אַ פֿלאַכען קרײץ. פֿאַרטיג! — אָבער פֿאַרוואָס האָב איך זיך אַצינד, פֿון דער העלער הויט, צוגעחאַפּט צו דעם? — אַ גרויסען, טוידטען קאָפּ האָב איך אויסגעמאָלט אויפֿ'ן פּאַלטאָ; קלענערע — אויף דער וועסט, אויף דער מאַרינאַרקע, אויף די הויזען... מײַנע קניע האָבען אָנגעהויבען וועה-צו-טהון. דאַן האָב איך זיך אויפֿגעהויבען און געזעצט זיך אויף אַ שטול נאָהענט צום בעט. איך בין געזעסען מיט'ן קרײַד אין דער האַנד און שטום, מיט שטאַרע אויגען בעטראַכט די ווײַסע שאַרבענס אויפֿ'ן טונקעלען געוואַנד. זיי האָבען מיר אויסגעוויזען ווי בלײַכע טוידט-חתימות. אַ פֿרעמדע, מיסטישע האַנד האָט דאָס אָבגעשטעמפּעלט מײַנע קלײדער בײַ דעם גרענעץ פֿון טוידט און לעבען... די קלײדער זענען שוין אויף יענעם זײַט לעבען... דאָס זענען דאָרטיגע טאַמאָזשנע-שטעמפּלען... ניט איך האָב זיי געמאַכט, ניט איך...

מײַנע אויגען האָבען זיך אײַנגעגעסען אין'ם גרויסען „שאַרבען“ אויפֿ'ן פּאַלטאָ. און שטיקלעך געדאַנקען האָבען זיך מיר גיך, גיך געדרעהט אין קאָפּ: דער רוח ווײַסט זיי, אָט די בגדים'לעך,

וואוהין מען וועט זיי פֿערשלעפּען נאָך מיין טוידט. דער יאָלד, וואָס וועט זיי אָבקויפֿען ביים האַנדליאַרזש, וועט נאָך פֿון זיי הנאה האָבען, וועט זיך אין זיי יום־טוב'ן, וועט זיך וואַרימען אין זייער געוואַנד... מען וועט זיי טראָגען, מען וועט אין זיי אַרומשפּאַצירען, אין יענע סעדער און גאַסען, וואו איך האָב אין זיי שפּאַצירט, אין די זעלבע רעסטאָראַנען און קאַוויאַרנעס, וואו איך בין געזעסען; אפשר אויף די זעלבע שטולען... און ס'קען זיין, אַז מען וועט זיי פֿערפֿיהרען אין ווייטע מקומות, אין שטעדט, וואָס איך האָב אין מיין לעבען ניט אָנגעזעהן; אין אַמעריקע... דער יונגערמאַן, וואָס וועט זיי טראָגען, וועט קיינמאָל גאָרנישט ניט וויסען... און אַז יאָ, איז וואָס געהט עס איהם אָן? ניין, ער דאַרף טאַקע גאָרנישט ניט וויסען, וועט ער זיין רוהיגער. ער וועט ניט וויסען, אַז דער, וואָס האָט זיי פֿריהער געטראָגען, האָט זיי עקסטרע פֿערקויפֿט, כדי צו פּטור ווערען פֿון אַלץ וואָס ער האָט, פֿון זיך אַליין און... שטאַרבען. אַ פֿערליעבט מיידעל קען נאָך זיצען אויף יענעמס קניע אין מיין אַנצוג... און גלעטען אַ העניע... דאָס איז דאָך מאָדנע, דאָס איז מאָדנע!

— טריט.

פֿייל פֿון בויגען האַב איך אָבמעקען די טוידטע קעפּ מיט'ן אַרבעל.

דאָס געוואַנד איז ווידער טונקעל.

דאָס געהט אַריין מיין האַנדליאַרזש, אַזוי שטיל נעבעכדיג; נאָר סאַפּען סאַפּעט ער ווי אַ מיעדער פֿערד. טראָפּענס שוויים רינען איהם פֿון שטערען אין דער געלער באָרד אַריין. די אויגען — מוטנע. אַ פּנים, ער איז גוט געלאָפֿען, געשראָקען זיך, טאָמער האָב איך חרטה:

— אָט... ביי מיר איז דאָס איינס־צוויי... אָט האָט איהר; צעהלט!

דערביי האָט ער מיר אַריינגעשטופּט נאָך צוויי פּאַפּירענע דריי־רובעל'דיגעס און מיט איין אָטהעם אַרומגענומען אַלע מיינע קליידער אין ביידע אָרעמס. — פֿי, דאָס פּאַסט שוין גאָרניט פֿאַר אַ הענדלער. אַן'אמת'ער הענדלער דאַרף זיך האַלטען אַביסעל רוהיגער.

איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אויף די האָריגע

העֶנד, וועלכע ציטערען אַזוי הונגעריג און בינדען מײַנע קלײדער. ע ר בינדט און זײ לאָזען זיך אַזױנע שטילינקע, װײכע, װי די שעֶ־פעלעך. דער פּאלטאָ — דאכט זיך אַזא גרױסער, אַזא נאַרישער און לאָזט זיך אױך. איהם פערדריסט אפילו ניט...

און וואו בין איך? איך מוז שווײַגען. ס'האָט זיך מיר פאַר־געשטעלט אַ פערסם'טער וואלף אין וואלד. דער וואָלף ווארפט זיך אין די לעצטע יסורים און די שווארצע ראָבען און די שרעקעדיגע שצורעס ווערען מיט איין מאָל גבורים, לויפען אָן און פיקען און נאָגען, וואו נאר אַ ווייכער אָרט, וואו נאָר עס ווארפט זיך ניט אין קאָנוואולסען אַ שפיציגער נאָגעל... ניטאָ שוין וואָס מורא צו האָבען. דער וואָלף גוסס'ט. דעם הענדלערס נאָז איז אַזוי ענהליך צו אַ שנאָבעל, וואָס איז איינגעטונקט אין בלוט...

די קלײדער — פערפאַקט און אַרײַנגעשטופּט אין זאַק אַרײַן. דער אַלטער, צוקנײטשטער זאַק האָט מיט אַמאָל בעקומען אַזאַ קײלעכדיגען, נגיד'ישען בויך. דער הענדלער האָט אויף איהם ליעבליך אַ קוק געטהון און האָט זיך בערוהיגט. די אויגען זענען איהם צוריק געוואָרען עזות'דיג און שפיציג ווי ביי אַ געניטען הענדלער. ער האָט גענומען ווישען דעם שווייס פון שטערען, אַרומקוקען זיך אויף אַלע זאַכען אין מײַן צימער. — ער פער־שטעהט, ער פערשטעהט, מאַכט ער צו מיר, מסתמא איז אויף מיר שמאָל געוואָרען, אָדער אָפשר פאָהר איך אין אויסלאַנד? אין אויסלאַנד זאָגט מען איז וואַרים... ווי?

— יאָ. איך פאָהר אין אויסלאַנד.

... זעה נאָר, ער האָט אָבער גלײַך פערשטאַנען. —

דאָ האָט ער גראָדע דערזעהן מײַנע קאַלאָשען.

— די קאַלאָשען פערקויפט איהר מסתמא אויך? ווי, פאַני?

— נעהמט די קאַלאָשען אַ צוגאָב און... געהט!

אַפענשטעל זענען די קאַלאָשען פערשוואונדען געוואָרען.

אָפשר האָט איהר אַ הוט צו פערקויפען, פאַני? אַלטע קאַ־פעליושען...

— ר' יוד, ר' יוד אַוועק פון דאַנען?

דורכ'ן פענסטער האָב איך געזעהען ווי מײַן האַנדליאַרזש

געהט אַרויס פֿון די הינטער־שטיגען מיט׳ן פֿולען זאַק אויף די פּלייצעס:

— ער געהט יעצט און דאַנקט גאָט פֿאַר דער מציאה, פֿאַר פּרנסה, פֿאַר אַזאַ גוטען משוגענעם „דײַטש" ווי איך. אוי, ר׳ יוד, ר׳ יוד!

*

נאָך האַלבען טאָג

רעגען און שנײ, שנײ און רעגען. אוי, אוי ווי איך בין צעטרײסעלט. ווי אַלץ האָט זיך אין מיר צעזונגען. אַ שלעכטער סימן: „אַף בְּרִי אֱמֶת", אין דרויסען איז נאַס. בײנאַכט מוז מען לויפען. אַ מײדעלע מוז מען קױפען, און קײן פּאַלטאָ איז שוין לאַ—נג ניטאַ! אַ סימן איז, אָט קלינגט דער גאָלדענער פינפערעל, אָט שאַרכען די פּאַפּירענע דרײַ־רובעל׳דיגעם. מילא, וועל איך אָנטהון דעם אַלטען זומער־מאַנטעל. איך האָב זעהר אַ ניעדעריגען צוקאָפּענס, ליגט ער בײַ מיר אונטערן מאַטראַץ. די אַרבעל קורץ און אויסגעריבען, נאָר ס׳מאַכט ניט אויס. קײן קאַלאָשען — אויך ניטאָ. וועט אַביסעל זײַן פײַכטלעך, די לעכלעך אין די אָבצאַסען וועלען אונטערפּײַפּען, נאָר ס׳מאַכט ניט אויס... אַ נעכטיגער טאָג!

אָהאָ, אַ נעכטיגער טאָג! — באַלד דערמאַן איך מיך אָן אַנ׳אַלט לידעל. דאָס לידעל עסט זיך אין מיר אײַן ווי אַ קליפּה, זשומעט מיר אין די אויערען, וואו איך שטעה און געה, איך קען ניט זיצען, איך קען ניט ליגען, דאָס לידעל קיצעלט מיך בײַם שפּיץ צונג:

הערט אַ פלוידער, אַ נעכטיגען טאָג.
אַ רוח אין אײַער באַבען!
אויף דער לאַנקע קאָסען הײַ
מיט די האַמערס־קראַבען...
אַ בוידעם, אַ בוידעם, אַ נעכטיגער טאָג
חאַ—חאַ—חאַ, אַ בוידעם!

אַ האַרמאָניקע הויבט אָן צו שפּיעלען אונטען אין הויף. אַ קאַליקע שפּיעלט דאָרטען און בעטעלט. מײַן בעל־הבית׳טע שרײַט הינטערן וואַנד אויף דער דיענסט:

-- מאַרינאַ, וואו ביזטו? מאַך קאָטלע—טען!

אַהאַ, קאָטלעטען... און איך האָב נאָך פון אין דערפריה אָן גאָרנישט ניט געגעסען. אפילו טרינקען טײ האָב איך פערגעסען.

איך עסען אויף דאָס שאַכטעלע סאַרדינען וואָס איך האָב נעכטען געקויפט אויף וועטשערע, שנײַד אָן ברויט און זעץ זיך אנידער קײַען איבער׳ן ג׳וואַלט. עס עסט זיך נישט. די האַלז איז ענגער געוואָרען און שלינגט ניט. דאָס עסען איז זויער און ניט געשמאַק. חאַפ איך צוריק און פערוויקעל די סאַרדינען מיט דאָס ברוידט אין פּאַפּיער, עסען אויף היציג, ווי אין קדחות, די פאָרט־קע און וואַרף עס ארוים אין הויף. אפשר האָט דאָס עמיצען דער־לאַנגט איבער׳ן קאָפּ? מילא, וועט יענער קאָפּ דערלאַנגען אויף מיר אין געריכט. יעווא פּרע־וואָס־חאָ־די־טעלסט־וואו, וועט יענער שרײַבען אַ פּאַפּיער. דער E וועט זײַן אַ גרויסהאַנדיגער, אַ גע־צאַצקעטער — ס׳איז אינטערעסאַנט, מײַן עהרען וואָרט; מען וועט ברענגען אַהער די פּאָוויעסטקע: וואו איז דאָס יענער און יענער, ער זאָל מוחל זײַן קומען אין געריכט אין אַזא און אַזא טאָג אין דער פריה... „וואו יענער, וואָס יענער... מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער זיך דערשאָסען”. חאָ־חאָ ס׳איז אַ פּאַקט!

און די נאַכט איז נאָך ווײַט, ווײַט. אַ ציינד איז ערשט האַלב איינס. אַהין וועל איך ערשט קענען געהן זײַגער־איינס בײַנאַכט, לכל הפחות—צוועלף אַ זײַגער. שטעהען נאָך פאַר מיר עלף און אַ האַלבע שעה. עלף און אַ האַלבע שעה! זעכציג מינוטען אין אַ שעה, זעכציג סעקונדען אין אַ מינוט. אַ חשבון, אַ חשבון פון איינע און פיערציג טויזענד און פיער הונדערט סעקונדען. איינס נאָך איינס, איינס נאָך איינס... דאָס איז מורא׳דיג. די גאַנצע צײַט זיצען אין צימער און קוקען אין הויף? קוקען אויף דער סטעליע! אומגעהן פון ווינקעל צו ווינקעל? דאָס איז אַזוי שווער ווי אַרויף צו קלעטערען אין דער הויך אויף אַ דינעם, אָנגעזײַפטען שטריק, וועלכער האַלט, לאָמיך זאָגען, איינע און פיערציג טויזענד איל די לענג...

איך בין יעצט ווי אַ פליעג מיט אָבגעריסענע פליגעלעך

אויף אַ פּילקע. איך מוז קריכן און קריכן, די פּילקע איז אַזוי קליין און פונדעסטוועגן אַזוי אונענדליך. — אַרויסגעהן שפּאַצירן אָהן אַ בגד קען איך ניט. אַלע זאָלען אויף מיר קוקען? ניין, ניין: אַט ביינאַכט—יאָ.

איז מיר אָבער איינגעפאַלען אַ משונה'דיגע אידעע: אומגעהן פּאַמעלעך פון ווינקעל צו ווינקעל. אַ טראַט אַ סעקונדע, אַ טראַט אַ סעקונדע, און אַזוי ביז איינע און פיערציג טויזענד. ס'איז אַ פּראָסטער חשבון. און די גאַנצע צייט—ווי אין וואַסער! —

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך האָב אַצינד ניט און האָב קיינמאָל ניט געהאַט אַזוי פיעל געדולד און כח, פונדעסטוועגן הויב איך דאָס אָן זעהר ערנסט. מיט סעריאָזע טריט מעסט איך דעם צימער פון וואַנד צו וואַנד, קלאַפּ ענערגיש מיט די אָבצאַסען, כדי צו פערטומלען מיינע אויפגערייצטע נערווען און צעהל מיט פערקריצטע ציין: איינס, צוויי, דריי... צעהען... דרייסיג... פופציג... הונדערט...

איך בין נאָך ניט דערגאַנגען ביז פינף הונדערט און דער קאָפּ דרעהט זיך שוין. דער טיש הוידעט זיך. די ווענט שווינדלען, די ציפערן פערדרעהען זיך און בלייבען הענגען ווי שטיקער בליי, דריקען אין מוח. די נערווען זענען מנצח די אידעע. איך פערשטעה גאָרניש, איך וויל גאָרניש... איך דערגעה ביז'ן בעט, וועלכע איז נאָך ניט אויפגעראַמט, וואַרף זיך אַריין אין דער דעקע, פערמאַך די אויגען און ברום מיט אַ געמאַכטען שכור'ן קול:

ס'האָבען אויפען שוועל געטאַנצט
זיעבען פאַרליך פליעגען;
האָבען זיי דערזעהן אַ שפּין
און געבליעבען ליעגען...
אַ בוידעם, אַ בוידעם, אַ נעכטיגער טאָג,
חאַ-חאַ-חאַ אַ בוידעם!

— מאַ—אַרינע, וואו ביי-יסטו! די קאָטלע-טען ווערען פערברענט!

— אַהאַ, ווייטער קאָטלעטען. דאָ ליעגט אַ בחור אָהן קאַלאָשען, אָהן אַ פּאַלטאָ מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע מיט... מיט

קאָפּ וועהטאָג, און זיי ווילט זיך גאָר קאָטלע־עטען! קאָטלע־עטען, נאָך אַמאָל: קאָטלע־ע־עטען... אַרוח אין זייער טאַטענס־טאַטען אַריין!

*

אין אַ פּאָר שעה אַרום

געוואַלגערט זיך אין בעט. געפיהלט אַלץ ווי דורך אַ רויך אַצונד ווייטער אויפגעשטאַנען, ווייטער פערקעמט די האָר. די מאַרינאַרקע אין פעדערען אַ מחיה. איך האָב אָנגעקלאַפּט, געבע־טען טיי, האָט מען מיר דערלאַנגט האָב איך געזופּט. אַז מאַרינע האָט מיר דערלאַנגט די גלאָז, האָט זי אָנגעקוקט מיך, דערנאָך די לעדיגע וואַנד. זי האָט זיך אַ פּנים געוואונדערט וואָס די קליי־דער זענען ניטאָ. עס האָט איהר געפעהלט די ווייסע ליילעך אויפ'ן וואַנד.

— דער פּאַן ציהט זיך אַרוים? האָט זי געפרעגט.

— ניין, מאַך איך, און די צונג פּלאָנטערט זיך מיר, ס'הייסט... אפשר—יאָ. איך קען ניט וויסען, ווילע... ניין, איך ציה מיך ניט אַרוים... אַז מען זאָגט ניין... איז ניין! און אין אַלגע־מיין — איהר וואָלט בעסער אויפגערוימט דאָס צימער...

— מאַרינאַ, קווישעט אין קיך די בעל־הבית'טע, מאַרי־נאַ!

דער קאָפּ טהוט אַזוי וועה, נאָך שטאַרקער ווי פריהער. האָב איך גענומען קוקען פון פענסטער אין הויף אַריין: דעם סטרוזש'ס ברוין הינטעל דרעהט זיך אין מיטען הויף: דער איז זיך שטאַרק משתדל האַפּען זיין אייגענעם וויידעל מיט די ציין און קען ניט... בילט ער. אַ בלענות פון אַ הונד! — אַ גראָהער רויך קריי־זעלט זיך פון אַ הויכען פאַבריק־קוימען, הויבט זיך לאַנגזאַם צום חמורען הימעל און מישט זיך אויס מיט די וואָלקענס; ניט צו דערקענען וואו איז רויך און וואו איז וואָלקען. און ווידער אַמאָל נעהמט מיך אָן אַ גרויל, דערמאַנענדיג זיך ס'אַ שטיק צייט איך האָב נאָך ביז צוועלף ביינאַכט...

אָבער מען מוז דאָך עפּעס טהון. מען מוז. אָט שטעהט, למשל, מיין טשעמאָדאַן. שוין לאַנג, לאַנג האָב איך אין איהם ניט אַריינגעקוקט.

געפּענט דעם טשעמאָדאַן: העמדער, זאָקען, טיכלעך. דעם גרעסטען טייל האָב איך אָנגעקויפט ניט לאַנג, ווען ס'איז געווען אַביסעל געלד. דאָס איבעריגע געדענקט נאָך מיין מומע זעלדע. זי האָט דאָס נאָך מיר געשיקט אַ מתנה דורך פּאָסט, צו־זאַמען מיט אייַנגעמאַכץ און האָניג־טייגלעך. אַ וויַבערשער קאָפּ! די אייַנגעמאַכץ האָט זיך דערוואַרעמט און אויסגערונען אין פּאַ־סילקע. עד היום איז נאָך צו דערקענען פלעקען אויף די העמדער.

איך גראַבל זיך טיעפער אין טשעמאָדאַן: אָט איז די לע־דיגע קאַקאָ־פּידעלע. אין דער פּידעלע היטען זיך ביי מיר עטליכע קלייניקייטען צום אָנדענקונג פון די קינדער־יאָהרען, אַזוינע טייַ־ערע יאָהרען זענען דאָס געווען, אַז מען דאַרף נאָך זיי בעהאַל־טען אָנדענקונגען, מען זאָל אָן זיי חס־ושלום ניט פערגעסען. איך האָב אָבער אַלעמאָל ליעב געהאַט זכרונות און — קלייניגקייטען, וועלכע רופען אַרויס זכרונות. — אָט איז נאָך מיין מילך־צייַנדעל, מיין לעצט מילך־צייַנדעל, וואָס איך האָב ניט אַוועקגעוואָרפען דער „מייַזעלע" פאַר אַנ'„אייַזערנעם" און געלאָזען ביי זיך. דאָס צייַנדעל האָט נאָך געקייַט די קיכעלעך און די קוגעלעך מיט ראָ־זינקעס, וואָס מיין דיקע שטיפמוטער פלעגט מאַכען. דער טאַטע האָט דאָך מיך מיט די קוגעלעך געטרייסט... נאָך נחמה'ן — וואו איז זי יעצט די דיקע קוגעל־מאַכערין? מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט מיר דער פעטער געשריבען, אַז זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ דריטען מאַן און איז געוואָרען נאָך דיקער ווי געוועזן. „ממש, זי קאָן שוין אין טיהר ניט אַריין."

אָט זענען די פאַרביגע גלעזלעך. אַ גאַנצע קאָלעקציע. איך האָב דאָס אַלץ אין די קינדער־יאָהרען געזאַמעלט. פאַר די בעסטע קנעפּלעך געקויפט, געצאָהלט הויכע „פּרייַזען". מיט „יאַנישע", „פּאַלטאַצען" און „גלעטשיקעס"... מיט די דאָזיגע גלעזלעך, פלעג איך מיר בעשאַפען מיינע וועלטעלעך. בלאָהע וועלטעלעך. גרינע, רויטע און שוואַרצע: וועלכע איך האָב נאָר געוואָלט. אין אַ ליב־טיגען טאָג איז דאָס געווען אַזוי גרינג און אַזוי גוט. אַלע קינדער האָבען זיך געשפּיעלט אויף דער זון; איך אָבער בין צו זיי קיינ־מאָל ניט צוגעשטאַנען. איך פלעג נאָר צורוקען מיין בענקעלע צום אָפענעם פענסטער און קוקען דורך די גלעזלעך אין דער ליכטיגער וועלט אַריין. און די וועלט פלעגט בעקומען יענעם קאָליר, וועל־

בער ס'האט זיך מיר פערגלוסט. אזוי פלעג איך מיר בעשאפען „וועלטעלעך“, וועלבע האבען געהערט נאר צו מיר, נאר מיר. אין מיינע וועלטעלעך זענען געווען רויטע בלומען אין ראזיגע הימלען, א שווארצליבע זון און בלאהע הייזער און געלע מענשען. אז מיר האט זיך פערוואלט, פלעגט אפילו די קאץ אין שטוב ווערען גרין אדער רויט. דער טאטע געהט פארביי: א גרינער טאטע: א בלאהער טאטע. ווי לעבערליך עס האט אויסגעזעהן מיין שטיפמוטער אז איך האב געוואלט. חא־חא א געלע שטיפמוטער, א געלע!

און אט איז נאך עפעס — דאס איז א וויים שטיקעל ארץ־ישראל ערד. אין מיינע קינדער־יאהרען האב איך זיך איינמאל דערוואוסט, אז אזא מין ערד לעגט מען צוקאפענס ביי איטליבען מת. האב איך זיך ניט בערוהיגט, ביז איך האב דערטאפט אזא שטיקעל ערד ביי יענקלי־גנב. אזא „יענקלי“ איז דאס געווען דעם שמש'ס פון חברה־קדישא — אנ'איינעקעל. אלע מיינע קעשענעס האט ער דאן אויסגעלעדיגט — דאס גנב'ל. איך אליין האב ניט געוואוסט אויף וואס טויג מיר דאס וויים שטיקעל־ערד, וואס איז עהנליך צו קרייד, נאר הארטער. אבער עפעס א משונה'דיגע ליידענשאפט האב איך צו דעם געפיהלט. דאס שטיקעל ערד איז געווען פערסודעט. דאס האט עפעס גערעדט. אפטמאל פ'לעגען פון דעם ארויסקוקען יונה־לייטער'ס טוידטע אויגען... זיינע אויגען האב איך גוט געזעהן, בשעת מען האט איהם מטהר געווען. — איך האב זיך מיט דאס שטיקעל ערד ארומגעטראגען א היבש ביסעל צייט. שטענדיג און אומעדום פלעג איך זיך מיט דעם מתיחד זיין און שוויינען. אפילו בשעת'ן לערנען פלעג איך זיך אפטמאל ניט איינהאלטען, חאפען אויף דעם בגנבה א קוק אונטער'ן טיש און פערגעסען וואו מען האלט... א ציינד פערשטעה איך, אז דאס בלויז שטיקעל ערד, איז ביי מיר אין די קינדער־יאהרען געווען א מין יעצטיגער רעוואלווער, א רעוואלווער וואס האט זיך נאך דאן ניט פערקערפערט. דאס שטיקעל ערד פלעגט אין מיר דאן אויפוועקען אזוינע שטימונגען, וועלבע זענען גאנץ עהנליך צו די שטימונגען, וואס דער רעוואלווער רופט ביי מיר ארויס אציינד. יענע זענען נאר געווען חאאטישער. אהן א געדאנק, אהן א שום ציעל...

איינמאל בשעת מיטאג־עסען האט מיין שטיפמוטער א פרעג

געטהון אין דער וועלט אריין, ניט ביי'ם טאטען, ניט ביי דער סטעליע:

— מיט וואס ס'ארא ווייסע שערבעל שפּילט ער זיך דאר־טען? ער לאזט דאס גאר פון האנד ניט. —

דער טאטע צעטראגען און פערדרעהט ווי תמיד, האט זיך געברענט מיט א הייסע קארטאפעל און נאכגעפרעגט זיין חלק:

— און טאקע, ווער שפּילט זיך דאס ביים טיש מיט שער־בלעך! וואס איז דאס עפּעס פאר א ווייסע שערבלעך!

דאס איז... דאס איז ארץ־ישראל ערד, — האב איך קוים, קוים ארויסגעשטאמעלט, געפּיהלט זיך דערביי פונקט ווי מען וואלט מיך גוט אויסגעפּאטשט אָרער געהאפּט ביי א גרויסע עברה. — דאס איז ניט... ניט איך, יענק'ל גנב... האט געזאגט...

— ארץ ישראל ערד! האט זיך מיין שטיפמוטער אויפגע־חאפּט פון איהר פוילקייט — זעה... פאר וועמען גרייטסטו דאס אן?

איך געדענק אז איך האב דאן אינגאנצען א שוידער גע־טהון. —

אצינד איז דאס ביי מיר ווידער אמאל אין די הענד. איך האב ארויסגענומען דעם רעוואלווער און צוגעגליבען! ווי קומט עם! דער רעוואלווער בליהט, דער רעוואלווער לעבט; דאס שטי־קעל ערד איז טוידט... פונדעסטוועגען זענען דאס נאהענטע ברידער...

איך האב דאס פאר'ל אנגעקוקט און געשמייכעלט. —

— פאר ס'מייזעל:

און איין ווינקעל ביי מיר אין צימער געפּינט זיך א מייזענ־נארע, א קליין שווארץ לעכעל. אבער בייננאכט קעהרט דארטען די וועלט... דארטען האב איך זיך געשטעלט אויף די קניע, אריינ־געווארפען דאס מילך־צייינדעל אין לאך אריין: „אט האסטו דיר דיינם צוריק”. דערנאך האב איך אהינצו אריינגעווארפען די פאר־ביגע גלעזלעך, איינם נאך איינם, איינם נאך איינם. דערנאך דאס בלייך שטיקעל ארץ־ישראל ערד. דערביי האב איך זיך געחאפּט פאר'ן קאפּ מיט ביידע הענד און אויפגעשטעלט זיך מיט'ן גאנצען וואוקס:

— אבער איך בין ניט נארמאל, בנאמנות, בנאמנות!

— און אז יא?

א מאך מיט'ן האנד און ווידער אוועקגעזעצט זיך נעבען

טשעמאָדאַנטשיק, די פינגער האָבען געציטערט פון אנשטרענגונג.

אָט איז דעם פעטער־חיים׳ס בריעף. אַן׳אַלטער בריעף מיט שפיציגע, פעטע אותיות. ר׳ חיים איז אַזאַ קפדן:

„... איך האָב פון דיר געהערט שענע מעשות, נאָר וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען. דיין ביסעל געלט האָסטו צופטר׳ט און איצטער הונגערסט, ווי אַ הונד, נאָר ס׳איז מיט דיר ניטאָ וואָס צו רעדען ...“

און נאָך זיינער אַ בריעף:

„נו וואו איז דאָס דיין פאַפיר? דו שווייגסט אונטער. דו האָסט דאָך געזאָלט ווערען אַ גאַנצער אַפּטייקער! אַ סקאַרניאַק האָסטו ניט געוואָלט זיין, ניין. דאָס איז ניט נאָך דיין כבוד נאָך. ס׳פערשטעהט זיך. נאָר וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען. אָט געה זעה, אַלטער דעם „הייזעריגענס“ זון איז געקומען פון ניזני. אַמאָל פלעגט ער גנב׳ענען אוגערקעס אין אַלע גערטנער. יעצט איז ער טאַקי גוט אויסגעריסען געוואָרען און טאַקי גוט אויסגעלערענט זיך סקאַרניאַצקערײַ און — פערדינט אַ קאַרב. געקומען צופאָהרען אויסגעקליידעט ווי אַ מאָנאַרך, מיט געלע קאַמאַשען. פיין, נאָר מיט דיר איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען ...“

און נאָך אַ בריעף פון אַנ׳אַנדער פעטער:

„... דער עיקר איז זיין אַ „מענץ“. לערען דיר און פיהר זיך ווי אַ „מענץ“, נאָר ווי אַ „מענץ“. און אַז דו וועסט זיין אַ „מענץ“ איז שוין עפּעס אַנדערש. קען מען קומען צווישען „מענצען“, אַלע „מענצען. זענען מקרב. מען קען, זאָג איך דיר, זיין אַ פּראָוויזער און זיין אַ „מענץ“. און אַז דו וועסט ניט זיין קיין „מענץ“ איז גאָר־נישט ...“

און נאָך אַ בריעף, פון אַ מומען, „איך שיק דיר, שרייבט זי מיר, אַנ׳אַרבע־כנפות שיק איך דיר. טראָג עס געזונטערהייד און שרייב אַטקריטקעס ...“

— פערברענען!

די עטליכע בריעף האָב איך צוזאַמענגעקנייטשט אין האַנד און אָנגעצונדען מיט אַ שוועבעלע אויף דער פּאָדלאָגע. קלײנע העלישע צינגלעך, אַ בלאָהליך דין רויכעל, אַ לייכטעס קנאַקען. די צעקנייטשטע בלעטלעך פלאַטערען אינ׳ם פייער, דרעהען זיך ווי אין קאָנוואולסען. זיי מוז אַ פּנים גוט וועה טהון. — דער אָב־

שײַן פֿון קלײַן פֿלאַקערעל ציטערט שוואַך אויף דער נאָהענטער וואַנד. און ס'ליגט שוין אַש. שוואַרצע אַש.

אַלטע פֿערשימעלטע ברעקלעך... וואָס ליגט עס דאָרטען אין פֿינסטערען ווינקעל פֿון טשעמאָדאַן? אַנ'אָבגעקראָכען זעקעלע. דאָס איז מײַן תּפֿילין־זעקעלע. איך עפֿען אויף און נעהם פֿון דאָרטען אַרויס די תּפֿילין. זיי זענען בעדעקט מיט גרינעם שימעל. עס שלאָגט פֿון זיי מיט אַ ווילגאָטש. כּמעט — מיט אַ קבֿרים־ריח. — אַ מאָגערער, קרײַנקליכער „פּרײַס" שלעפּט דינע פּיסלעך, קריכט אַרוים אויפֿ'ן „של ראש", טאַפּט שוואַך דעם פֿיער־קעפּעלדיגען שין מיט זײַנע בלײַכע פֿיהל־הערנער, שלאָגט זיך אָב אָן מײַן וואַרימען פֿינגער, דערשרעקט זיך, אַנטלויפֿט און פֿאַלט פֿון בהילות אַראָב אויף דער ערד. — די תּפֿילין האָט מיר דער פֿעטער חיים געקויפֿט אַז איך בין געוואָרען בר־מצוה. פֿאַר צוויי יאָהרען. אַז איך בין צו איהם געפֿאָהרען אויף פּסח האָב איך זיי געלופֿטערט, געשמירט די רצועות מיט עהל — זיי זאָלען גלאַנצען...

דער רויך פֿון די פֿערברענטע בריעף איז זיך שוין צעגאַנגען איבער'ן גאַנצען צימער. איך האָב איהם אַרײַנגעאָטהעמט צוזאַמען מיט די ווילגאָטש און שימעל פֿון די תּפֿילין. ס'איז מיר ניט גוט געוואָרען. דער קאָפּ האָט גענומען דרעהען. אָט, אָט פֿאַל איך אין חלשות. האָב איך געכאַפּט, אַרײַנגעוואָרפֿען די תּפֿילין צוריק אין טשעמאָדאַן אַרײַן און אויסגעצויגען זיך אין בעט. — אין די אַש פֿון די בריעף האָבען נאָך אַלץ אַרומגעטאַנצט רויטע פֿונקעלעך. זיי האָבען עפּעס אונטערגעוואונקען. און די רצועות פֿון די תּפֿילין זענען געבליבען הענגען פֿון טשעמאָדאַן אַרוים אויף דער ערד, ווי טוידטע עקען פֿון שוואַרצע שלאַנגען; אַזוינע דינע און לאַנגע און גיפֿטיגע...

און גראַדע דאָ קומט אַרײַן די דינסט. אפֿילו ניט אָנגעקלאַפּט אין טיהר. עס לאָזט זיך פֿון איהר הערען מיט צו געברענטע פֿלייש.

— וואָס איז?

— אויפֿראַמען דאָס צימער,

*

— קוים מיט צרות פּטור געוואָרען פֿון דער דינסט; פֿון איהר און פֿון דעם בעזים. — דווקא בשעת דער בעזים האָט אַזוי

הוצפה'דיג געקראַצט די פּאָדלאָגע און געשטויסט מיר אין פּנים אַריין, האָט מיר עפּעס אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן; פּונקט ווי די זון האָט אַרייַנגעשייַנט אין מיין פאַרנעבעלט'ן מוח. נאָר אַ ביסעל צו היים איז דאָס שייַנען. דער קאָפּ האָט זיך אַזש צוברענט. —

פונדעסטוועגען אַז מאַרינאַ האָט אויפגעראָמט און געהאַלטען ביים אַרויסגעהן, האָב איך איהר געמאַכט אַ דאַנקבאַר געזיכט און אַ פראַגע געטהון:

— דאָס האָט איהר אויפגעראָמט — פ א ר מ י ר!

— יאָ, פּאַני.

— ניין נ י ט פאַר מיר.

— ווי, פּאַני?

— ... נאָר איך דאַנק אייך זעהר וואָס איהר האָט אַזוי ריין געמאַכט.

איך האָב געמיינט מיין טוידטען קערפּער הייַנט בייַנאַכט... און זי האָט געמיינט, אַז איך לאַך פון איהר אויפראָמען; איז זי אַרויס אַביסעל פערוואונדערט, אַביסעל ברוגז'דיג. איך האָב געוואַרט ביז זי וועט אַריין אין קיך. דאַן האָב איך גלייַך פערשלאָסען די טיהר און אַרומגעבונדען זיך דעם קאָפּ מיט אַ נאַסען האַנטוך. איך בייַט דעם האַנטוך אַלע מינוט און בעגיס דעם נאַקען מיט קאַלט וואַסער. עס ווערט קיהלער. דער מוח איז פעהיגער צו בעטראַכטען דאָס, וואָס האָט ביי מיר פריהער געזאָלט קלאָר ווערען און דער בעזים האָט געשטערט. — שטעה! איך מוז צוריק געפינען אַלע פעדים... איך געה שוין אום ביי אַ האַלבע שעה איבער'ן צימער און קלער, און לאַך פאַר זיך, שטי—ילינקערהייד, אַז קיינער זאָל ניט הערען:

... נו, אויב אַרום מיר זענען טאַקי ניט קיין פערמאַסקירטע שדים, ווי איך האָב אַמאָל געמיינט זענען דאָס מוראַשקעס. ביהנען אין אַ גרעסערען פאָרמאַט, מיט מענשישע פּנים'ער... אַלע מוזען גאַנצענע טעג טראָגען אויף זיך עפּעס אַ יאָך, טומלען זיך, קינדלען, לייגען אויף וואָס די וועלט שטעהט. דער עיקר איז: נאָר ניט בלייַבען מיט זיך אַליין! — אַז מען בלייַבט מיט זיך אַליין — מוז מען קומען צום רייַנעם אמת. דער אמת פון אַלע אמת'ן איז — ש ט א ר ב ע ן. ביזטו געבליעבען אַליין און שטאַרבסט ניט מיט'ן גוטען ווילען—צעטרעטען דיך די איבעריגע מוראַשקעס. זיי ווע-

לעֶן דיִך שוין צעֶטרעֶטעֶן ... זייַ האָבעֶן פֿייַנט אייַנזאַמעֶ, אָבגעֶ-
זונדערטעֶ: ביִסטו אַ קראַפּט זעֶנעֶן מיִר דייַנעֶ משרתים; ביִסטו אַ
קעֶניִג — זעֶנעֶן מיִר דייַנעֶ קנעֶכט און קעֶניִג אויף אונז! אָבעֶר
וואָס הייַסט עֶפּעֶס זייַן פֿאַר זיִך אַלייַן, קיִניִגעֶן אויף זיִך אַלייַן! —
די וועֶלט האָט אַלעֶמאָל איִהרעֶ אייִנזאַמעֶ געֶברעֶנט, געֶהאַנ-
געֶן, געֶפּייַניִגט איִן תּפיסה, פֿעֶרטריִבעֶן. פֿעֶרהאַסט, געֶטייַטעֶלט
אויף זייַ מיִט די פֿיִנגעֶר. פֿראָסט געֶרעֶדט, האָט דאָס אַלעֶמאָל
געֶהייַסעֶן און הייַסט יעֶצט אויך: שטאַרב שוין גיִכעֶר, שטאַרב שוין
גיִכעֶר. פּלאָנטעֶר זיִך ניִט צוויִשעֶן די פֿיִס! מיִר מוראַשקעֶס לעֶבעֶן,
מיִר מוראַשקעֶס געֶהעֶן. מיִר געֶהעֶן...

נו, אָט ביִן איִך אַציִנד אויך געֶקומעֶן צום אמת, צום רייַנעֶם
אמת. וואָלט איִך נאָך אויף זיִך געֶהאַט, ווי איִך האָב מיִרקיִנעֶן
געֶזאָגט, אַ שעֶנעֶ שאָלעֶכץ, וואָלט איִך געֶווען שעֶן, קרעֶפּטיִג,
ליִעבליִך, וואָלט מייַן בלוט געֶוועֶן אַ ביִסעֶלעֶ רויטעֶר און אַביִ-
סעֶלעֶ זיִסעֶר — וואָלט איִך נאָך אָבטהון דעֶם לעֶצטעֶן שקר און
וועֶרעֶן אַ „דאָן-וואַן", ביִז... נו, ביִז איִך וואָלט די שאָלעֶכץ אויס-
נוצעֶן, פֿעֶרשוועֶנדעֶן, אַז אַ שריִד ופליִט זאָל ניִט בלייַבעֶן — האָב
איִך דאָס ניִט — בלייַב איִך בייַ מייַן אמת... איִך וואָלט אָבעֶר
צו איִהם סייַ ווי סייַ געֶקומעֶן.

דעֶרווייַלעֶ וואָס ווען, האָב איִך זיִך „געֶפּלאָנטעֶרט" צוויִשעֶן
די פֿיִס. טהו איִך אָבעֶר יעֶצט די מעֶנשעֶן די גרעֶסטעֶ העֶפֿליִכקייַט
און... דעֶרשיִס זיִך. איִ העֶפֿליִך, איִ פֿעֶרשפּאָרט אַ טרחה... —
איִך אַלייַן ביִן דעֶר בעֶשולדיִגטעֶר, אַלייַן דעֶר ריִכטעֶר; אַלייַן די
תּפיסה און אַלייַן דעֶר תּלין...

זעֶהר שעֶן! וועֶלעֶן אָבעֶר אי"ה קומעֶן אַנדעֶרעֶ אַזוי ווי איִך,
וועֶלעֶן זיִך פּלאָנטעֶרעֶן צוויִשעֶן די געֶהעֶנדעֶ, אַזוי לאַנג אַזוי בּרייַט,
ביִז זייַ וועֶלעֶן זיִך אויך אָבטראָגעֶן... אָבעֶר צעֶהן אַזעֶלכעֶ זעֶלבסט-
מעֶרדעֶר, הונדעֶרט, טויזעֶנד אַזעֶלכעֶ, אַפֿילו צעֶהן-טויזעֶנד —
פּלאָנטעֶרעֶן זיִך, פּלאָנטעֶרעֶן און פֿעֶרפּלאָנטעֶרעֶן גאָרניִשט... אַז
מעֶן דעֶרזעֶהט אַזאַ קעֶרפּעֶר פֿון דעֶרווייַטעֶנס נעֶהמט מעֶן זיִך
אַביִסעֶלעֶ אָנ'אַ זייַט און מעֶן בעֶנעֶצט זיִך די וואָנצעֶס מיִט שמעֶק
וואַסעֶר. — אַנדעֶרעֶ געֶהעֶן אַריִבעֶר איִבעֶר אַזאַ קעֶרפּעֶר און וויִצ-
לעֶן זיִך. זייַ האָבעֶן פֿאַר קייַן זאַך קייַן מורא ניִט. זייַ זעֶנעֶן שוין
געֶניִט. איידעֶר זייַ נעֶהעֶן אַרויס פֿון דעֶרהייַם בעֶשפּריִצעֶן זייַ אַלעֶ-

מאָל מיט קאַרבאָל די אָבצאַסען און די הויזען. — אַנדרעי׳ע בעמערקען אונז גאָרניט. — קוקען אַלעמאָל אין די שטערען, זעהען גאָלדענע קאַטשקעס אין דער צוקונפֿט...

מיר, פֿערשטעהסטו מיך, מיר—חאַ—חאַ, מיר דאַרפֿען ווערען הונדערטער טויזענדער, מיליאָנען, צעהנדליגער מיליאָנען, וועט עס ביי מענשען ווערען ביטערער וועלען זיי זיך דערשרעקען, וועלען זיי חאָטש אָנהויבען קלערען, אַז מען דאַרף לעבען אַנדערש אָדער שטאַרבען אַנדערש... אַי, האָבען מענשען מורא אַז עס איז שיטער, אַי האָבען מענשען ליעב אַז עס זאָל זיין געדיכט... פֿאַר וואָס האָבען מענשען אַזוי מורא פֿאַר ניט געלונגענע פריה־ורביה? פֿאַר וואָס שעמען זיך אַזוי עקרות? פֿאַר וואָס שעפּצעט מען זיך אַזוי אין דער אַנשטענדיגער אייראָפּאַ וועגען אַ לאַנד, וואו די בעפֿעלקערונג האָט זיך אויף עטליכע פּראָצענט פֿערקלענערט ווי אַ מאָל, ווי אין פֿראַנקרייך, למשל! פֿאַר וואָס שטעלט מען דאָס אויף איהר אָן אַזעלכע כשר׳ע פּיסקעלעך, אַזעלכע דיפּלאָמאַטישע אויגעלעך, אַזעלכע צנוע׳דיגע מינעלעך, אַ? ! איין כלל: וואָס מעהרער, וואָס מעהרער... איין חשבון: אַז מעהר פּראָדוקטען איז מעהר מענשען, אַז מעהר מענשען איז מעהר טומעל. און וואָס מעהר טומעל—איז מעהר געקינדעלט. און וואָס מעהר געקינדעלט—איז מעהר מענשען; ווי אין פרק שטעהט... און ס׳איז קיין סוף ניטאָ און ס׳איז קיין תכלית ניטאָ און ס׳איז קיין געדאַנק ניטאָ... שאַ, גוט! די מענשהייט האָט זיך שוין פֿערגרעסערט אויף ביליאָנען, אויף גאַנצע טריליאָנען, פֿערפֿלייצט... נו, איז וואָס? איז וואָס דער תכלית? וואָס איז פֿון דעם פֿערבעסערט געוואָרען! וואָס האָט דאָס דערוויזען? פֿערשטעהסט צי ניין? וואָס איז דער תכלית דערפֿון? אַ! דער קאָפּ טהוט וועה; ס׳שאַדט ניט. אויף דעם איז דאָ ביי אונז אַ שיסעל מיט קאַלט וואַסער. נעהמט מען און מען טוקט זיך אָב ביז דער פּאַטיליצע, אָט אַזוי... קיהל? כ׳האָב דאָך געזאָגט אַז ס׳וועט ווערען קיהלער... הער—סטו, אָט דאָס טענה איך דאָך! גוט. אַ סך מענשען. זעהר אַ סך... פֿיין! וואָלטען דאָס אָבער געווען מ ע נ ש ע ן, גאַנצע נשמות, גאַנצע פּערזענליכקייטען, לעבעדיגע קונסט־ווערק פֿון דער נאַטור און פֿון מענשען־גייסט, ריזיגע שמעטערלינגען—פֿערשכורטע פֿון זונען־שיין און פֿון געדאַנקען. פֿון דער וועלט־שענקייט און פֿון איי־

גענער פּראַכט... איז נאָך צו פּערשטעהן; איז, מילא, לעבט חברה. צוויי פּיסיגע! פּרעסט, זויפּט, נואָפ׳ט, זינגט, קאָקעטירט, רייסט זיך ביי די נעז... ס׳איז אָבער שדים ווייסען וואָס! אַ? אָט זעה איך זי. אָט פֿאָהרט זי די געטין פֿון לעבען איבער דער ערד... איך זעה זי: אַ טעמפּעס געזיכט, ווי פֿון ליים געקנאָטען: אונבעוועגליכע אויגען, מוטנע. פּערלאָפּענע מיט רויטע תּאווה־אָדערלעך און מיט רציחה... עס שלאָגט פֿון איהר מיט בערוישענדע, גיפּטיגע בשמים... זי פֿאָהרט אויף אייזערנע, שווערע רעדער. ווי אַנ׳אָבגעטין אין אַ בראַהמאַנישען בית־המקדש... פֿון בויך אַרויס ברומט זי: „פּרו ורבו!“ און מיט די ציינער קריצט זי: הרגעט, ווערגט, פּערשקלאַפּט! — אַליין קינדעלט זי אָהן אַנ׳אויפהער, עס שיט פֿון איהר מיט מענשען און מענשעלעך... און מיט איהרע אייזערנע רעדער מזיק׳ט זי די זעלבע מענשען, איהרע אייגענע מענשען... שניידט הענד און פֿיס, פּערבלוטיגט הערצער, צעקרימט נשמות, צעטרעט געפֿיהלען, מאַכט אַש פֿון האָפֿנונגען און פֿאָהרט ווייטער — ווייטער דאָס זעלבע... און די צעטראָטענע הויבען זיך נאָך אויף מיט די לעצטע כּחות, דולע פֿון וואונדען און שמערצען פֿון איהרע גיפּטיגע בשמים — פּויזען זיי אויף אַלע פֿיער און קושען דאָס שטויב וואו „זי“ איז אַדורכגעפֿאָהרען אויף איהרע אייזערנע רעדער... אָה! פּונקט דאָס זעלבע טהוען די האַלב־טוידטע בראַהמאַנישע פֿאַנאַטיקער. נאָכדעם ווי די שטיינערנע אָבגעטין איז איבער זיי אַריבערגעפֿאָהרען... דאָס זעלבע האָב איך שעור, שעור ניט געטהון נעכטען, ביי הענינען איידער ער איז אַריינגעקומען, ער מיט די לאַנגע האָר...

איך זעה זי, אָט פֿאָהרט זי די אַלטע פּערבלוטיגטע זונה, די ערד ציטערט אונטער איהרע שווערע רעדער, דער וועלט־רוים ברילט פֿון איהרווילדע העצעריי: קינדעלט, קינדעלט!... און... חאַ־חאַ־חאַ! איך לאַך? וואָס איז דאָ צו לאַכען? — איך לאַך מעהר ניט פֿון דעם: אַז דו טרעטסט — צעטרעט שוין אין גאַנצען. ניין... דאָס טהוט זי ניט. זי מאַכט נאָר פּאָר קאַליקעס און פֿאָהרט ווייטער. — לויפֿען אָן די כּלי־קדש, די געזעלשאַפֿט מיט איהרע כּהנים, מיט איהר פּאָליציי, מיט איהר יושר, מיט איהר רחמנות... אָט דאָן זענען אַלע דאָ... נאָר מען ווייסט, מען ווייסט... דאָס שיקט „זי“ זיי אַלעמען אונטער: „זי“! — זיי קומען

און הײלען די צעטראָטענע מיט אַזאַ כּעָריאָז געזיבּט, פּונקט ווי מען וואָלט אויף אַנ׳אמת געקענט הײלען מיט אַזוינע קרעפּטעלעך, מיט אַזעלכע לעבּלעכע געפיהלען... אַפילו די שונאים ווערען מיט אַ מאָל גוטע פריינד און העלפען איבּערבּינדען די וואונדען. עפּעס אַ קלײניגקײט אַ קאַליקע! — נו, „פערהײלט דיך? אָבּגעזעגט דיר אַ פוס מיט אַ האַלבּער נשמה? אָבּגעהיט דיר דײנע גאַנץ־געבּליבּענע אברים און בּרעקלעך געפיהלען — מיט עטליכע דינים? יעצט נאַ דיר אַ פּאָר קוליעס אַ נדבה, און הינקע דיר געזונטערהײד איבּער דער בּרײטער, וויסטער וועלט. קוש דאָס שטויבּ וואו „זי״ איז אַדורכגעפאָהרען, ליעבּ זי ווערט זי דיך אויך ליעבּ האָבּען...

און אַזוי ווערט די וועלט פון טאָג צו טאָג פולער מיט קאַליקעס, מיט טויגעניכצען, מיט אומגליקליכע — ניט געלעבּט ניט געשטאָרבּען. מען הינקעט און מען געהט. אבּי מען געהט. אבּי וואָס מעהר:.. כּדי וואָס? כּדי די פעלקער זאָלען זיך קענען בּערימען מיט זײער סטאַטיסטיק... ס׳געהערט? מען קען משוגע ווערען!... העלפאַנטען שטאַרבּען אויס, מאַמאָנטען זענען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבּען, לײבּען ווערען פון יאָהר צו יאָהר ווענינער: פון זשיראַפען איז שוין בּאַלד קײן זכר ניטאָ... און דעם צעבּראָכענעם, פערפוילטען מענשען־אַנטיקעל היט מען אָבּ און מען פּישעלט זיך און מען פּרובּט פערט זיך... ס׳געהערט? נײן! אפשר מײנען זײ מיט דעם אויסגעווינען זײער שקר מיט אַזאַ מעהרהײט? שטעה! יאָ, יאָ, ס׳איז אַזוי! זײ ווילען מיט זײערע מענגעס לעבּעדיגע שקרים דערשטיקען אונזער אמת, א ו נ ז ע ר ע ן! דער אמת׳ער אמת זענען מיר, מיר זעלבּסטמערדער, מ י ר! און זײ ווילען דערווײזען: נאַט, זעהט, וויפיעל מיר זענען און וויפיעל זײ זענען! אַחרי רבּים להטות! — עס ווערט זײ אָבּער ניט העלפען. זײ אַלע קענען אַפילו צעפּלאַצט ווערען לעבּענדיג, ווערט ניט העלפען... עס געהט אַ טאָג, עס געהט... די אײנזאַמע ווערען פון טאָג צו טאָג מעהרער, די פאָדערונגען ווערען טיעפער, דער קוק — לענגער. דער מוח ווערט גרעסער, די פּיסלעך — דינער... שאָקעלט מען זיך בּיז מען קומט צו א ו נ ז ע ר אמת... יאָ, יאָ, איך זעה שוין ווי עס האָגעלט מיט טוידטען... עס רעגענט מיט זעלבּסט־מערדער, עס מבּול׳ט.:. מען ווערט אונז שוין מעהר ניט קענען אויסמײדען, אַוועקגעהן אָנ׳אַ זײט, קוקען אין די שטערען

און ניט בעמערקען אונז, טרעטען איבער אונזערע קערפער און וויצלען זיך ... מיר וועלען ווערען א קראפט, א מורא׳דיגע קראפט... אויס פלאנטערען זיך צווישען די פיס! פיס וועלען זיך שוין פלאנטערען צווישען אונז... מיר וועלען בעפוילען דאס לעבען מיט אונזער איינזאמקייט, מיר וועלען אבשטעלען אלע שטרעמונגען מיט אונזער טוידט־שטראם, אלע בעוועגונגען מיט אונזערע בערג קערפערם. מיר וועלען פערשטאפען אלע קוואלען, מיר ויעלען פערטארמאזירען דעם פראגרעם, מ י ר — חא־חא — וואס פראגרעם, ווען פראגרעם? מ י ר זענען דער פראגרעס פון אלע פראגרעסען. מיר! מיר! חא־חא... פערשטעהסט צי נייִן? מיר! חא־חא־חא. נו, אט לאך איך. מען קען מיינען אז איך בין טאקע משוגע געווארען. הא? מען קלאפט אין טיהר? ווער קלאפט?

— מארינא.

— וואס איז?

— כ׳האב פערגעסען צונעהמען די לעדיגע גלאז פון טיש.

— שפעטער.

— שוין צייט צו געהן עסען מיטאג.

— איך בין ניט געזונד.

— הערט... פאר וואס האט איהר געלאכט?

— איך? אח, דאס?... מארינא, א הייִ איז אראבגעפאלען פון א וואגען גוי. מיין איך... א גוי איז אראבגעפאלען פון א וואגען הייִ. —

קאַפּיטעל אכט.

עֶס איִז שוין געֶקוּמעֶן ... סוף כּל סוף איִז געֶקוּמעֶן די שעה, אויף וועלכעֶר איִך האָב געֶוואַרט אין אַזוינעֶ לאַנגזאַמעֶ יסורים. צײַט צו געֶהן.

אַהין, אַהין ... אַצוּנד בּין איִך זיכעֶר, אַז ס׳וועֶט נעֶהמעֶן אַ סוף היַינט בּיַינאַכט. — פריִהעֶר, אַז איִך בּין אומגעֶגאַנגעֶן מיט׳ן נאַסעֶן האַנטוּך איִבּעֶר׳ן ציִמעֶר און פיִלאָזאָפיִרט, בּין איִך ניט געֶוועֶן אַזוי זיִכעֶר. ס׳איִז אַלעֶמאָל בּעֶקוועֶמעֶר צוּ פיִלאָזאָפיִרעֶן איידעֶר מאַכעֶן פוּן דעֶר פיִלאָזאָפיעֶ אַ פאַקט. — אַז מעֶן פאָהרט אייַנעֶר אַליין אין אַ אומבּעֶקאַנטעֶ געֶגעֶנד גלוּסט זיך אָפּטמאָל מיט אַזאַ וועֶהטאָג און בּעֶנקעֶניש, אַז די נסיעה זאָל דויעֶרעֶן און דויעֶרעֶן און די געֶגעֶנד זאָל אַלץ זיַין פאָראויס ... אָבעֶר דעֶר צוּג שטעֶלט זיך אָב: די בּרוּמעֶרײַ פוּן די רעֶדעֶר געֶהט אוים מיט אַ קרעֶכץ, קאַלט גיעט אַ קוויטש דעֶר טאָרמאַז, דעֶר קאָנדוקטאָר שריַיט אויס די סטאַנציעֶ... עֶס העֶלפט ניט. נעֶהם די פּעֶקלעֶך און געֶה!

ס׳ווערט אַ בּיסעֶל קאַלט אין רוּקעֶן. — האַ? פרעֶגט מעֶן איבּעֶר, חאָטש מעֶן האָט גוּט געֶהעֶרט, דאָ דאַרף איִך אַראָבגעֶהן? — דאָ, דאָ. דעֶר בּיִלעֶט איִז געֶעֶנדיִגט.

שוין בּאַלד מעֶהר אַלס אַ חדש צײַט, אַז איִך בּיִנד צוזאַמעֶן אַלעֶ עֶקעֶן אויף איין פּיִנטעֶל און פעֶרקניִפּעֶל זיי אין איין טוידטקניִפּעֶל. מיַינעֶ אַלעֶ לעֶבּעֶנס-וועֶגעֶן האָב איִך בּכיון פעֶרשלאָסעֶן ... נאָר איין-אייַנציִגעֶ סטעֶגעֶלעֶ האָב איִך זיִך איִבּעֶרגעֶלאָזעֶן. אַשמאָלעֶ, אַ פיִנסטעֶרעֶ, כּדי איִך זאָל זיִך ניִט קעֶנעֶן אָבקעֶהרעֶן אָנ׳אַ זייַט, אַז מיַין רצון וועֶט מיט אַמאָל אָבגעֶשוואַכט וועֶרעֶן, אַז מײַן עֶנטשליִסוּנג וועֶט זיִך אַ שאָקעֶל טהוּן, האָב איִך אויף זיִך נאָך פריִהעֶר בּעֶשטעֶלט עֶטליִכעֶ בּייזעֶ משגיחים: הוּנגעֶר, עֶלעֶנד און נויט: זיי זעֶנעֶן אַזוינעֶ פּיִנקטליִכעֶ און שטרעֶנגעֶ. זיי שטעֶהעֶן שוין מיִר אויפ׳ן קאַרק מיט אָנגעֶליִהטעֶ ריִטעֶר, זיי שמײַסעֶן און בּעֶ־

פעהלען: געה, געה... ווייטער, מעהרער! ניט רעכטס! ניט לינקס! גלייך אין שאנד-הייזעל!...

בכיון — אבגעזאגט זיך פון די לעקציעס, צוריסען זיך מיט מירקינען, אבגעטאן העניען א געמיינהייט, פערקויפט אלץ וואס איך האב געהאט, געבליבען גאלע, נאר איך און דער אמת זענען מיר איבער-געבליבען; איך און דער רעוואלווער... דאס איינציגע שטעגעלע וואו איך קען נאך געהן איז אויך אזוי קורץ און קארג. נאר צו יענער רויטער-לאמטערנע פיהרט עס. די לאמטערנע ווינקט שוין פון דערווייטענס און ווארט אויף מיר. איך פיהל שוין איהר רויטען אבשיין דא ביי זיך אין צימער... און ווי נאר איך וועל א דורכגעהן יענס פערשאלטען הויז איז דאס שטעגעלע געענדיגט. שווארצע ריזיגע וועגד, פייכטע און גליטשיגע וואקסען אויס ארום מיר. נאך איין טראט — און איך פאל פלוצלונג טיעף, טיעף, אין א פינסטערען קאלטען אבגרונד... דאס לעבען רוישט שוין ווייט, ווייט הינטער די וועגד. קיין בעשעפעניש קען מיך שוין מעהר ניט ארויסשלעפען פון דארטען... וואס מיר דאן די מענשישע געשיכטע, די צוקונפט פון דער גאנצער וועלט? איך בין דאס דאן אליין...

אהין געה איך, אהין... וואו איז דאס מיין זומער-מאנטעל? אהא, יא; ער ליעגט ביי מיר צוקאפענס. ארויסגענומען. ער איז צעקנייטשט, זעהט אויס ווי א פייכטע העמד נאך ן באד. נאר ס'שאדט ניט. א טרייסעל, א ציה דא און דארטען און אנגעטהון. — ניין, צוליעב וואס ווארפען זיך אלעמען אין די אויגען? — אויסגעטהון, בעשפריצט מיט א ביסעל וואסער, ארומגעוויקעלט ארום א שטאק און געוואלגערט א היבשע ווייליע איבערן טיש ווי א לאקשען בלעטעל. יא, ער האט זיך כמעט ווי אויסגעגלייכט. אזוי ביסטו א מענש! אנגעטהון: דעם רעוואלווער איבער-געלעגט אין אויבער-קעשענע כדי איך זאל איהם קענען דריקען מיטן האנד געהענדיג. הא-הא ווי גלאט! זיין ניקעל איז אנגעווארעמט פון מיין פוס. די רונדע קעפלעך פון די קוילען שטעקען אביסעלע ארויס פון דער קאלבענראד. ווי די קעצעלעך, ווי די קעצעלעך...

צוועלף דער זייגער, צוועלף! דער שטאדט-גלאק שלאגט שוין אויך צוועלף. ביינאכט קלינגט ער מיט אזוי פיעל כונה און אזוי דומפ. ער בעשטעטיגט, דאכט מיר, מיין פסק-דין מיט

אַ קאַלטבלוטיִגקייט פון אַ גענִיטען — דיִכטער, אַ פּקח ...

*

3 אַ ווייגער ביינאַכט

מיִט אַ האַלבע שעה צוריִה האָב איִך זיִך פון דאָרטען אומגעקעהרט.

אַז איִך ביִן אַרויס פון שטוב און געלאָזען זיִך געהן צו דער „רויטער לאַמטערנע", האָב איִך דערפיִהלט, אַז די קניִע ברעכען זיִך מיִר אונטער. אַ מיִסטיִשער שרעק, אַ גרויסער ווי די נאַכט, האָט מיִך דורכגענומען דורך און דורך צוזאַמען מיִט די קעלט און נאַסקייט. אויסער דעם — מיין צעקנייטשטער זומער מאַנטעל, די אויסגעריִבענע שיִך אָהן קאַלאָשען, דאָס שוואַכקייט איִן די האַלז־מוסקולען, די דראָשקעס וועלכע לויפען, קלאַפען איִן קאָפּ אַריין און שפריִצען מיִט בלאָטע, נאָך אַגאַנצען מעת־לעת פון איינזאַמקייט און שטיִלקייט איִן ציִמער.-— דאָס אַלץ האָט מיִר אַזוי מאָדנע אויסגעוויִזען, פונקט ווי איִך וואָלט לאַנג־לאַנג קראַנק געווען און געוואַלגערט זיִך איינער אַליין איִן אַ פרעמדער שטאָדט; אַלץ וואָס איִך האָב געהאַט — פערקריינקט, פער־משכונ'ט. און אַצונד, קוים־קוים וואָס איִך האַלט מיִך נאָך אויף די פיִס, ביִן איִך שוין אַרויס אויפ'ן גאַס ... אַנ'איינזאַמער, אַבלייכער געה איִך עפּעס זוכען איִן דער פרעמדער שטאָדט, איִן דער פרעמדער נאַכט ... אָבער די נאַכט ווייס פון גאָרניִשט, און די שטאָדט וויל פון גאָרניִשט וויִסען: זי רוישט ...

די אָנגעצונדענע גאַז־לאַמטערנעס האָבען געברענט איִן נעבעל געלע, געשוואָלענע. זייער טריִעבער אָבשיין האָט זיִך פויל בעוועגט אויף די נאַסע טראָטואַרען און געשמייכעלט צעקריִמט און אָבגעלעבט, אָהן ציין ... אויפ'ן ראָג פון גאַס, צו מיִר מיִט'ן אָנגעפּעלצטען רוקען, איִז געשטאַנען דער נאַכט־שומר מיִט ברייט פערנאַנדערגעשטעלטע פיִס; שטום ווי אַ גולם אויפען גאָרטען, בשעת קיין וויִנד איִז ניִטאָ. ביים געלען גאַז־אָבשיין האָט פון זיין סערמַטענעם רעגען־מאַנטעל געקאָפּעט מיִט מוטנע טראָפּענס.

— עס וויינען די בוימער און שאָקלען זיִך נאַקעטע, חאַפּ זיִך ניִט אויף מיין געליִעבטער... האַ? וואָס איִז דאָס?— בראַנפען, בראָנפען!

די רעסטאָראַנען זענען שוין געווען געשלאָסען, בין איך אוועק צום וואָקזאַל וואו דער בופעט איז אָפען אַ גאַנצע נאַכט.

אַרום בופעט פון דריטען קלאַס האָט זיך געלאָזט הערען מיט משונה׳דיגע ריחות: מיט מאַחאָרקע־רויך, מיט איבערגעקאָכטע בראָנפען, מיט ווילגאַטש, מיט פויערישע שעפסענע טולופען און מיט פערזויערט קלייען־ברויט אין בלאָטיגע טאָרבעס. און אַ הו־האַ איז געשטאַנען אַרום: זידלערייען פון שכורע זעלנער, אַ נערוועזע פייפערייַ פון קאָנדוקטאָרען, שווערע זיפצען פון לאָקאָמאָטיווען, אַ רייבעניש פון פעקלעך און קאַסטענס איבער דער צעמענטענער פאָדלאָגע. אויסגעשרייען פון פערשלאָפענע טרעגער. — די ריחות און געפילדער האָבען זיך געמישט אין קאָפּ. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די ריחות שרייען און די אויסגעשרייען עפּוש׳ן.

איך האָב מיך אַריינגעשטופּט אין דעם דאָזיגען גיהנום׳ל, וועלכער איז פאַר מיר געשטאַנען, ווי אַ קליין בעלויכטען וויספּעלע אין׳ם אונענדליכען ים נאַכט און פינסטערניש. און ניט קוקענדיג אויף קיינעם בין איך גלייך צוגעגאַנגען צום בופעט:

— בראָנפען... שטאַרקע...

דער קעלנער האָט אויף מיר קרום אַ קוק געטהון. מיין זומער־מאַנטעל האָט איהם, ווי עס ווייזט אויס, ניט צופרידען געשטעלט. ניט רעדענדיג קיין וואָרט, האָט ער מיר אָנגעגאָסען אַ גלעזעלע און „קעלנעריש" אַ קוק געטהון אויף דער סטעליע. — איך האָב עס גלייך איינגעשלונגען און פערהוסט זיך ווי אַ מענש, וואָס איז ניט געוואָהנט צו „טרינקען".

— נאָך!

ווידער אַמאָל אָנגעגאָסען דאָס גלעזעל. די איז אַראָב ווי אויף פוטער. די האַלז האָט זיך נערוועז ניט צוזאַמענגעצויגען.

— אַ גרעסער גלעזעל! — האָב איך גראָבליך אַ זאָג געטהון. בלמר׳שט — ווי אַן׳אמת׳ער טרינקער.

— אַ גרעסער גלעזעל? האָט דער קעלנער איבערגעפרעגט מיט אָפענעם חשד, אַ גרעסער גלעזעל קאָסט פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס.

— גיעב, גיעב! האָב איך גיפטיג־שטיל בעפאָהלען.

איך האָב שוין ניט געצעהלט די גלעזלעך בראָנפען און

שטיקלעך אוגערקע און הערינג מיט וואָס איך האָב פערביסען.
נאָר דער קעלנער האָט שוין גוט געקוקט. אַלע רגע פערציַיכענט
מיט קריַיד אויף אַ שוואַרץ ברעטעל. אין די אויגען האָט שוין גע-
נומען אַביסעל שווינדלען. „ווער וויים?" האָב איך מיר געקלערט
און געטרונקען, „אפשר מאָלט ער דאָס גאָר טוידטע שאַרבענס;
ווי איך...

„טרינקטטו ביער נאָך בראָנפען — ביזטו פ א ר ט י ג". די
תורה האָב איך געהערט פון געניטע פיאַקעס.

— אַ פלאַש ביער!

זעה! עס שטעהט שוין אַ גרינע פלאַש און אַ גלאָז! אויסגע-
וואַקסען פון טיש און שטעהען. אָנגעגאָסען און געטרונקען, אָנגע-
גאָסען און געטרונקען. דער קאָפּ איז פול געוואָרען מיט הייסע פאַ-
רע, די פיס — מיט קאַלטעס בליַי. אַז מען וואָלט מיך אַ וואָרף
טהון אָן ד'רערד וואָלט איך אויפגעשטאַנען פון זיך אַליין ווי אַ
„וואַנקאַ — וסטאַנקאַ". האָפּ! און אויפגעשטאַנען...

— אָט! — האָב איך דעם קעלנער דערלאַנגט אַ גאָלדענע
מטבע. דער חשד איז ביַי יענעם גליַיך פערשוואונדען געוואָרען פון
די אונרוהיגע אויגלעך. רעשט האָט ער מיר שוין דערלאַנגט
מיט אַ שמיַיכעלע. איך האָב דאָס רעשט אַראָבגעלאָזען אין קעשע-
נע ניט געצעהלטערהייט. באַלד אָבער האָב איך זיך אַ חאַפּ גע-
טהון און זיך אומגעקוקט: בעדאַרפט צעהלען, בעדאַרפט צעה-
לען... זעהסט? ער קוקט טאַקע. איך זעה איהם עפּיס אוים ניט
אַזוי... ווער קען ניט די קעלנערס אויף די וואָקזאַלען! זשאַנדאַר-
מען זענען דאָ גענוג...

האָב איך זיך גליַיך געמאַכט ווי איך נעהם אַרוים דאָס
רעשט צוריק. איך האָב אַרויסגענומען גאָר אַנדער געלט:

— אַזוי. איינס, צוויי... פופציג. הא? ריכטיג. מערסי,
מערסי!

אַז איך בין שוין געשטאַנען ביַים אַרויסגאַנג, האָט ערגעץ
וואו אַ לאָקאָמאָטיוו אַ פיַיף געטהון אַזוי פערביַינקט און יאָמערדיג.
דאָס האָט ער מ י ך גערופען. איך וויים...

איך האָב זיך אָבגעשטעלט. אָן דעם קעלנער אינגאַנצען
פערגעסען.

— אַז איך וויל, האָב איך מיר געטראַכט און געפינטעלט

מיט שכורע אויגען, אז איך וויל פאָהרען — איז געפאָהרען. געקויפט א בילעט און געפאָהרען... געלט איז דאָ — אסך געלט! אפילו צום פעטער חיים. האָ... האָ — פערשטעהסט צי ניין, שלמקע? אז דו ווילסט! — הינטער דאָס שטעדטעל, דאָרטען... א סך פעלדער, א וואלד. וואו מענשען, וואָס מענשען? ווערסט דאָרטען פערלאָרען. קומט זומער — גרין, אלץ גרין. א ים... און דו ביסט א קליינינקער, א שווארצינקער... א פלוי אין גרינס. ווער זעהט דיך? א פינטעל. — פליהט א זשוק: ז—ז—ז... סארא פאראד! קוקסטו! וואקסט זיך א קליין גרעזעלע צווישען גראָזען... ווער דארף עם? אָבער ס'גרעזעל דארף — וואקסט עס. הערט פאר א פיאטאק, אלעמען... וואקסט. וואָס — פרעגען, דרעהען זיך א קאָפ? — נעבטיגע טעג! אלץ איז גרין... חע—חע, גרין, ביסטו אויך גרין... וואָלקענס לויפען — לויפען זיי... בלוט לויפט אין די אָדערען. ס'אלץ איינס. קוקסטו... קוקסט פאמעליך ביז דו טריקענסט אוים... ניטאָ! ווי א טראָפען אויף דער זון — ניטאָ. שטיל. וועמען פערזאָרגען? — גרין-גרין... אלץ! ווער הייסט דיר ליעב האָבען - פיינט האָבען? קוקסט און שווייגסט. קלערסט זיך דיינס... וואָס דו ווילסט... וועמען ארט? שווייגסט. — פאָהר, פאָהר...

— יאָ, איך הער, איך הער, האָט מיט אמאָל איבערגעשלאָגען א צווייטער „איך", א בייזער, א פערביטערטער, — פאָהרינקען! איאָ? ט'זיך פערוואָלט? און דער רעוואָלווער?...

פונדעסטוועגען בין איך נאָך א ווייַלע געשטאנען און געווארט: טאָמער וועט דער לאָקאָמאָטיוו נאָך אמאָל ארוף-טהון אזוי פערבענקט ווי מיט א מינוט צוריק, טרעהרען זאָלען זיך פיהלען אין זיין פייפען. איך האָב זיך דערווארט... א שכור'ער זעלנער האָט זיך אויסגעזידעלט אין דער מאמען אריין. סתם אזוי; ער האָט זיך דערמאָנט.

— העי, מאלטשי! — טי!.. האָט מתּרה געווען א קול פון ט זשאנדאר — און האָט זיך עפּים ווי דערוואָרגען. א נס וואָס ער האָט זיך אָבגעשטעלט...

איך בין באלד ארוים און גלייך אָבגעהאקט געוואָרען פון דאָס ליכטיגקייט פונ'ם געדיכטען טומעל. די נאכט און דער נעבעל האָבען מיך ארומגעהאפט אזוי צופרידען, קוים דערווארט זיך אויף

מיר ... וואָס איז ? בעגלייטען .. אַ הין ? מחותּנים ! כּ׳ווייס אַליין ... זעה, הייזער טאַנצען ... טאַנצט ! ווערט צעזעצט טאַנצענדיג ... אַ שמחה ! אַ בחור געהט צו אַ זונה ... אַ שמחה ! שווער צו געהן, שווער, דער גאַנצער וואָקזאַל ליעגט אויף די פּלייצעס. מען קען גאָרניט פּטור ווערען. זעלנער און טאָרבעס... אָהאָ סאַראַ ווינד... אַ ווינד בלאָזט ... ט׳זיך צעבלאָזען, אַ העלד ! מחיה געווען זיך. דערטאַפּט אַ זומער־מאַנטעל... זיי אַ בריה אַז מען האָט אַ פּאַלטאָ... טאַקע אַנ׳אמת׳ן. מיט אַ קאָלנער... אַ בּאַראַשקענער קאָלנער... קומט אַ האַנדליאַזש.— יעצט !..

דער ווינד איז אָבער געווען אַזוי קאַלט און האָט אַזוי געבלאָזען אין דינינקען קאָלנער, אַז איך האָב מיך אַלע ווײַלע געמוזט אויפחאַפּען פון׳ם שכּרות־נעבעל און רייבען די פערפרוירענע האַלז מיט ביידע הענד.

— דו קענסט זיך נאָך פערקיהלען, האָט מיר עמיצער אַ שעפּצע געטהון, אַ שטילער, אַ פערזאָגטער— בּנאמנות דו קענסט זיך פערקיהלען.

— אַהאַ, פערקיהלען זיך ? איז אויפגעשפּרונגען דער צווייטער „איך“ און פערקריצט מיט די ציין ,— אַ מיתה משונה !.. און דער רעוואָלווער ?

איך בין געגאַנגען, רעדער האָבען געקלאַפּט. איין מלאכה האָבען זיי, רק געדרעהט זיך און רק געקלאַפּט. איין פערד האָט מיך שיעור ניט צעטראָטען. אַ הילכיגער „הי...“ פון אַ קוטשער און אַ שאַרפער וועהטאָג אין פּלייצע האָבען מיך אָבגעטראָגען אַנ׳אַזייט. ווי עס ווײַזט אויס, האָט מיך דער קוטשער גוט מכבד געווען מיט׳ן בייטש... געמיינט ס׳אַ שכּור—חע—חע... אַ נאַר. וואָס חע־חע ? וואָס אַ נאַר ? אַ חוליגאַן, אַ בלוטזויגער... וואו שכּור ? וואָס שכּור !

איך דאַרף זיך נאָר אַ קעהר טהון נעבען ראָג פון אָט דאָס קרום געסעלע — און די רויטע לאַמטערנע וועט זיך אַפענשטעל בעוויזען, באַלד. נאָך אַ מינוט. אוי, איך זעה זי שוין... אָט איז זי... אָט !

דערזעהענדיג די רויטע לאַמטערנע אין דער הויך, אינ׳ם געדיכטען נעבעל, בין איך אַ ווײַלע געבליעבען שטעהן אַ דערשראָקענער, שוין ניט דאָס ערשטע מאָל זעה איך עס ביינאַכט, ניט איינמאָל בין איך געגאַנגען אַרום־קוקען דעם אַריינגאַנג פון הײַ־

זעל, כּדי איך זאָל ניט בלאָנדזשען ווען איך וועל דאַרפֿן... פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך דערשראָקן, די רויטקייט פֿון דער לאַמטערנע איז געווען אַזוי אימה'דיק, אַזוי בייז, מיט אַזאַ שלעכטער בשורה איז עס געווען צוגאָסן אין נעבעל, ווי דער אָפּשיין פֿון אַ שׂרפֿה אויף אַ פֿערכמאַרעטן הימל אין מיטן דער נאַכט: דאָס פֿערוואָרפֿן דערפֿעל איז איינגעשלאָפֿן, שטי־יל. און עס ברענט, עס ברענט...

איך האָב זיך אַזש אָנגעהויבן אויסצוניכטערן. און שעמענדיק זיך אַנטלויפֿן, בין איך סתם אין דער וועלט אַריין בייז געוואָרן און אַ זעץ געטהון זיך אַליין מיט דער פֿערפֿראָרענער האַנד אין באַק־ביין:

— נאַ דיר, שלעפֿער! האָסט ניט געקענט פֿאָהרען אין אַ דראָשקע? אַ שאָד זעכציק גראָשען, וואָס? שלעפֿער!

די פֿינסטערניש האָט אונטער זיך אונטערגעדריקט דאָס הויז ווי אַ שווערע זינד. קאַלטע טראָפּענס האָבען הייזעריק געקלונגען אין די בלעכענע רינעס — דאַך אַראָב. ווער שטאַרבט יעצט?.. ווי מטבעות אין פֿערראָסטעטע פּושקעס בשעת אַ לויה... דזין־דראַן... צד־קה תציל ממות! — דאָס מיינט מען מיך. בוויי—ס.

— דאָס הייזעל איז פֿון די ערגסטע, האָט זיך אין מיר ווידער צמאָל אויפֿגעוועקט יענער העפֿליכער קול. ס'איז אַ סכּנה, מען קען זיך אָנשטעקען מיט... מיט שדים ווייסען —

— אַה, אַ סכּנה?.. אָנשטעקען? פֿערדרעה דיך דיין קאָפּ! און דער רעוואָלווער?

איך האָב אָנגעקלונגען.

די פֿלוצליכע גאַז־בעלייכטונג אין „סאַלאָן" האָבען אויף אַ ווײַלע פֿערבלענדט. דערנאָך האָבען זיך גענומען צוזאַמענגיסען שטריכען און פֿאָרמען — ווי אין אַ בלאָהליכער פּאַרע, און איך האָב דערזעהען אַ סך מאָדנע־אָנגעפּודערטע פּנימ'ער און אונטערגעפֿאַרבטע אויגען, וואָס האָבען אויף מיר געקוקט ווי גרויסע ליאַלקעס מיט מענשישער, אָבגעלעבטער חוצפּה...

אין פֿלוק האָב איך דאָרטען געזעהען אַלערליי ווײַבערשע געשטאַלטען, אַלערליי פֿאַרבען און פֿאַסאָנען פֿון קעפּ האָר: גאָלדליכע, שאַטענע, שוואַרצע; צוויי־שטאָקיגע, רונדע, געגריי־

זעלטע; בעלי־בתישע צעפ, מיט א שטעגעלע אין מיטען און גריבישע, געקינצעלטע... פונדעסטוועגען זענען דארטען אלע פרויען געווען אזוי עהנליך איינס אויף דאס צווייטע — „פונקט ווי איין מאמע האט זיי געהאט": עהנליך מיט זייער אויסזעהן, מיט זייערע פארביגע קורצע קליידלעך, מיט זייערע קינסטליכע ווייסקייט און ראזיגקייט. און ס'איז אונמעגליך געווען צו אונטערשיידען אפענשטעל בעזונדערע טיפען, בעזונדערע אויסדרוקען. דאס זעלבע טרעפט ווען מען דערזעהט צום ערשטען מאל א גאנצע קומפאניע נעגערס אדער חינעזער...

אייגענטליך זענען דאס דאך געווען ווייבער, א? גלאטע פנים'ער, ווייבער... פונדעסטוועגען זענען זייערע אלעמעס געזיבטער געווען אזוי פרעמד און אזוי שרעקליך און אזוי ניי און ווילד און פערסוד'עט... ס'האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז איך בין אריינגעפאלען צווישען מאדנע ברואים אויף א צווייטע פלאנעטע, אדער גאר צווישען א חברה שדים פערמאסקירטע ווי פרויען.

אויף ביידע זייטען פון שמאלינקען, לאנגען „סאלאן" זענען געווען אויסגעשטעלט ווייכע שטולען און האלבע סאפקעס, בעצויגענע מיט גרינעם און רויטען אויסגעריבענעם פליוש. אויף דעם זענען געזעסען, אדער האלב־געלעגען, די ברואים מיט די ווייבערשע געזיבטער, איינע פון זיי האבען פערריכט זייערע שיטערע האר אין די אבגעניצטע שפיגלען און גענעצט... אנטקעגען מיר אין א ברייטען שטול איז טיף געזעסען איינע פון זיי א גרויסע, א געזונטע, א פוילע, די פיס אויסגעשטרעקט און צעווארפען אין זעהר א פרייע פאזע. א פאר זעלנער האבען זיך געדרעהט ארום איהר, אונטערגעפאטשט איהר די דיקע ליטקעס, געקניפען—וואו נאר א ווייכער ארט. יענע האט נאר געפינטעלט מיט די אויגען. אז איך בין אריין, האבען די זעלנער א ווילע אויפגעהערט צו עוסק'ן זיך מיט איהר און א קעהר געטהון צו מיר פערגרעבטע פנים'ער מיט פייכטע מיילער, בהמה'שע, אפענע; האבען מיך א רגע אנגעקוקט, צעלאכט זיך אויפ'ן קאזארמע־שטייגער, מיט א „הא—הא—הא" און צוריק גענומען זיך צו דער „ארבייט".

כ'האב זיך דערשראקען און צעטומעלט פון די אנגעפודערטע פרצוף־פנים'ער און פונ'ם זעלנערישען געלעכטער; כמעט ווי אויסגעניכטערט זיך. די פיס זענען מיט אמאל געווארען שטייפער

און געהאַלטען בײַם אַנטלױפֿען... נאָר כ'האָב גיך גענומען אױסזױ־כען מיט די אױגען עפּיס אַזױנס, אַן װאָס אָנצוחאַפּען זיך און בלײַבען דאָ. — איך האָב דערפֿיהלט, אַז אין עק סאַלאָן נעבען, װוּ רופֿט מען דאָס, „בופֿעט". שטעהט עפּיס אַ דאַר יונגער־מאַנטשיק, אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ היטעלע און קױפֿט פּאַפּיראָסען. „לאָמיך אױך קױפֿען פּאַפּיראָסען" האָב איך אַ טראַכט געטהון און גלײַך צוגעגאַנגען צום בופֿעט.

ס'איז מיר אַ װאונדער: דער קאָפּ איז דאָך מיר געװיזען נאָך אַזױ דול, פֿונדעסטװעגען האָב איך געפֿיהלט אַרום זיך אַלץ, ביז דאָס מינדסטע ברעקעלע. פֿון אַלץ האָב איך גענאַסען, געשטאָ־כען האָבען די פּיסלעך פֿון די שטולען, די פֿאַרביגע קלײדלעך, ס'האָט װעהגעטהון פֿון די צעפּ, פֿון די פּודרע, פֿון די קוקעלעך, װעלכע האָבען מיך בעגלײט צום בופֿעט. איך האָב אַ פּנים שױן אױסגעזעהן אין מײַן זומער־פּאַלטאָ, אין דער גאַז־בעלײַכטונג.

— װעלכע פּאַפּיראָסען? האָט מיך אונטערבראָכען אַ פֿרעג געטהון אַ פֿעטער קול און גענומען אױסרעכענען נעמען פֿון עטי־קעטען.

— ס'אַלץ אײנס. האָב איך געענטפֿערט דעם טיש, און אַ־רױף געלעגט אױף איהם אַ פּאַפּירען דרײַערל.

אַ רױטע האַנד האָט מיר דערלאַנגט אַ שאַכטעלע פּאַפּיראָ־סען, אַ האַנד פֿון אַ אשה — אַ פּשעקופּקע, אַ יאַטקע האַנד. פֿון דער צװײַשטאָקיגער געמבּע האָט טעמפּ אַרױסגעקוקט אַ פֿערדאָר־בענע חיה. שטענדיג איז דאָס זאַט און שטענדיג פֿרעסט דאָס. גאַלע שמאַלץ אָהן אָדערן, אָהן נערװען...

— די הױט שינדען זײ! בין איך פֿאַר זיך בײַז געװאָרען, װען איך האָב אױפֿגעריסען די שאַכטעלע פּאַפּיראָסען און צוגענו־מען צװײ רובל — רעשט. — פֿאַר אײן צעהנדליג פּאַפּיראָסען... ס'טײַטש!

— און דער רעװאָלװער? איז ברוגז געװאָרען דער צװײ־טער „איך".

— אַפּנים, איהר זענט ניט קײן היגער. — מאַכט צו מיר די װירטין, און דער פּנים איז בײַ איהר אױסגעשמירט געװאָרען מיט צעגאַנגענע פּוטער. דאָס האָט געהײסען אַז זי שמײכעלט.

— אומהו, כ'בין אַ דורכפאָהרער. ס'הײסט... יאָ איך פאָהר קײן א ו י ס ל אַ נ ד.

— אַזוי... אין אויסלאַנד... האָט מיר יענע צוגעשאָקעלט.

— פאַני, פאַני, האָט זיך אָנגערופען אײנע פון י ע נ ע, האַלב ליגענדיג און געחנ'דעלט, בת־יחידה דיג אויסגעשטרעקט די האַנד: גיב אַ פאַפּיראָס!

— גע צו און נעהם! האָב איך גראָב אָבגעענטפערט און פערוואונדערט זיך אויף מײן שטײפקײט — אין אַזאַ אָרט.

זענען זיך צונויפגעפלויגען עטליכע פון זײ, אַרומגערינגעלט מיך און געבעטען:

— פאַני גיב מיר; מיר אויך; מיר פאַני; מיר אויך!

אַ פּענשטעל זענען אַלע פאַפּיראָסען פערשוואונדען געוואָרען. אין האַנד איז מיר איבערגעבליבען אַ לעדיגע שאַכטעלע.

דאַן האָב איך געקויפט אַ צווײטע שאַכטעלע און די איז אויך באַלד אויסגעלעדיגט געוואָרען. בלײכע פינגער מיט „מאָדערנע“ פערשפּיצטע נעגעל האָבען געחאַפּט פון שאַכטעלע, און אָנגעפודערטע געזיכטער, פערוועלקטע, מידע האָבען חוצפה'דיג און קאַלט געשמײכעלט מיר אין פּנים אַרײַן, בעוויזען שלעכט־אַרײַנגעשטעלטע צײן.

ווי באַלד איך האָב די מײדלעך געפונדעוועט מיט פאַפּיראָסען, בין איך שוין געוואָרען אַ קאַנדידאַט צו זיצען אויף אַ ווײכען שטול.

— מען מעג, מען מעג זיך זעצען, האָב איך זיך אַלײן ערלויבט, אַפילו אין זומער מאַנטעל־אויך.

האָב איך מיר אַנידערגעזעצט.

מײן אָנגעצונדענעם פאַפּיראָס האָב איך געזויגען מיט'ן גאַנצען כוח, מיט אַ געמאַכטען אַפּעטיט, כלומר'שט צוגעחאַפּט זיך צו איהם ווי אַ שטאַרקער רויכערער נאָך הבדלה, געביסען די קאָרקע, געוואָלט זיך קיהלען. פון דעם, איז מיר נאָר געוואָרען פאַסקודנע־ביטער אין האַלז, אויפען צונג. דער רויך האָט זיך אײנגעגעסען ווי גיפט אין די צערײצטע יאַשלעס, אין גומען, וועלכער איז געווען צעברענט פון בראָנפען. פונדעסטוועגען האָב איך גערויכערט אַלץ פלײסיגער און פלײסיגער, מיט דאָרשטיג אײנגעצויגענע באַקען, כמעט פערגעסען צוליעב וואָס איך בין אַהער

געקומען; בגנבה צוגעקוקט זיך צו די משונה'דיגע בריאות, וועל־כע זענען געזעסען, געלעגען, געלאכט אהן א שום חשק, גערוי־כערט מיינע פאפיראסען:

— בנאמנות, אט זיץ איך מיר אין א שאנד־הייזעל, בנאמנות, אז דער פעטער חיים וואלט נאר אנגעקוקט... „וואו איז דיין דיפלאם! ווי אז טאקע... נתפעל צו ווערען”. —

ווי עס ווייזט אויס, האט דאס נאך דא געהייסען „פריה”. אויסער מיר און דעם בחור'עץ אין קאפאטע און די פאר זעלנער איז נאך קיינער ניט געקומען. — איך האב דערזעהן ווי דער קא־פאטניק האט א נעהם־געטהון איינע פון זיי פאר'ן ארעם, וואו עס איז ווייכער, און א שלעפ —

— נא גוזשע? האט יענע גאנץ קאלטבלוטיג א פרעג גע־טהון, ווי מכוח טרינקען א גלעזעל טיי.

— יא, האט דער קאפאטניק א שאקעל געטהון מיט זיין היטעלע, און א שנעל איהר איבער די נאז און מיטגעשלעפט.

מיר איז פון דאס סצענעלע געווארען שפל, דאס הארץ האט זיך צוזאמענגעפרעסט פון ניט־גוטקייט. כ'האב דערפיהלט, אז באלד קען איך אויסברעכען אלץ וואס איך האב היינט ארייני־געשלונגען.

— מען קען נאך אנטלויפען, אנטלויפען...

— יא הא, אנטלויפען! אוי סארא מנול! דוקא היינט וועסטו איינע פון זיי נעהמען, דוקא היינטיגע נאכט וועסטו — א טוידט! אויף צעפוקעניש!

איך בין פלוצלונג אויפגעשפרונגען ווי א גומענע פילקע און געטהון אזאך צו וואס איך האב מיך אפילו ניט צוגעגרייט.

— לאזט־לאזט! האב איך שטאלציג־בייז א זאג געטהון און פערנאנדער געשטופט די זעלנער, וועלכע האבען זיך נאך אלץ ניט געקענט אברייסען פון דער דיקער.

די זעלנער זענען אבגעטרעטען. ניט רעדענדיג קיין ווארט.

— קום! האב איך געזאגט צו דער דיקער, וועלכע איז גע־זעסען פערזונקען אין שטול! דערביי האב איך זעהר ענערגיש פערקנעפעלט נאך איין קנעפעל אין פאלטא.

יענע האט אויף מיר אויפגעהויבען א פאר פערוואונדערטע

אויגען, אָהן אַ שום געדאַנק. אויגען פֿון אַ בהמה, וואָס דאַרף באַלד אָנהויבען מעלה-גרה זײַן.

— קום! האָב איך שטאַרקער אַ זאָג געטהון און אָנגעחאַפּט אַנ׳אָבגעלאָזענע, וואַרימע האַנד, נאָר גלײַך האָב איך דראָבנע אַ שוידער געטהון פֿון קאָפּ ביז די שפּיצען פֿיס און מעכאַניש אײַנגעלאָזען די צעשוואומענע האַנד, אַזאַ עקעל האָב איך דערשפּירט. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דאָס איז די שטיפֿמוטער...

— נו, געה, נו! — האָט איהר די ווירטין פֿון יענעם זײַט „בופֿעט“ אונטערגעגעבען חשק.

די דיקע האָט שוין געווען אונצופֿרידען אָבגעקרעכצט, אָנגעשפּאַרט זיך אויף בײדע הענד ווי אַ טראָגעדיגע און געוואָלט אויפֿשטעהן, איך בין בלײַך געוואָרען און אָבגעטרײסעלט מיט בײדע הענד:

— נײן, נײן, ניט די, איך בין — ניט די. —

און אָבגערוקט זיך אָנ׳אַזײַט.

— האָ — האָ — האָ!... האָבען זיך די זעלנער ווידער אַ מאָל צולאַכט אָהן אַ ברעקעל רעספּעקט. און מיט פֿערבויגטע פֿינגער צוגעטרעטען צוריק צו דער דיקער.

— נו קלײַבט אײַך אויס! — האָט מיר די בעל-הבית׳טע אַנ׳עצה געגעבען פֿון בופֿעט ווי אַ מענש וואָס מײַנט נאָר מײַן טובה —, אויף וואָס דאַרפֿט איהר וואַרטען? —

קען מען זיך דאָך צעטומלען אַ? אָבער איך האָב שוין אין קעשענע געדריקט דעם רעוואָלווער און געשטאַנען פֿעסט און בײז.

— איך ווײס, איך ווײס! האָב איך גיפֿטיג-שטיל אָבגעענטפֿערט און מיט די אויגען ווילד אַרומגעבלאָנדזעט פֿון אײן אָנ׳געפּודרעטע בריאה צו דער צווײטער.

אין אַ ווינקעלע האָב איך דערזעהן אַ קלײן בלײַך מײדעל: אַ רויט קאַפּטעלע, אַ שפּיציג נעזעל, אונטער די אויגען בלאָהע פֿלעקען, זיצט אײנע אַלײן, אָבגעזונדערט און שווײַגט. — איך האָב איהר אַ וואונק געגעבען מיט אײן פֿינגער. זי איז גלײַך צוגעגאַנגען און בלײַך אַ שמײכעל געטהון. אָבער איהרע גרינליכע אויגען זענען געבליבען קאַלט.

אויף די שמאָלינקע טרעפּלעך וועלכע פֿיהרען אויפֿען דריטען שטאָק, צו איהר צימער׳ל, האָט זי זיך געהויבען די ער-

שטעֶ און גאַנץ געֶלאַסעֶן ווי אַ מעֶנטש וואָס האָט צייט. איך האָב זיך נאָך איהר נאָכגעֶשלעֶפּט, פּעֶרהיפּנאָזירט און געֶזעֶהן וואָס פּאַרא רחמנות'דיג העֶלזעֶל זי האָט. וואָס פּאַרא דינעֶ געֶטאָקטעֶ פּיסלעֶך און שווארצעֶ אַנגעֶצויגעֶנעֶ זאָקעֶן. — דאַכט זיך אַזאַ בלייך מיידעֶל, אַזאַ דין מיידעֶל מיט אַזאַ העֶלזעֶל. דאַרף זי ניט בלייבעֶן שטעֶהן אין מיטעֶן-דעֶרינגעֶן אויף די שטינגעֶן און אַ קעֶהר טהון זיך צו מיר מיט אַ פּעֶרשלאָפעֶנעֶם קול:

— אָבעֶר דו ווייסט? אַ רובל. ניט ווענינגעֶר.

— וואָס? האָב איך זיך בעֶלייידיגט... ס'איז.. אפשר וויל איך גאָר געֶבעֶן דריי.

— נו גיעב.

און אַ מאָגעֶר העֶנטעֶל מיט בלאָהעֶ אָדעֶרלעֶך האָט זיך צו מיר אונגלויביג אַראָבגעֶלאָזעֶן. די פינגעֶר האָבעֶן זיך צונויפגעֶלעֶגט ווי אַ שיפּעֶלעֶ.

איך האָב געֶגעֶבעֶן.

און ווידעֶר עֶפּעֶס אַ רויט קאַפּטעֶל, אַ קורץ קליידעֶל, אָנ-געֶצויגעֶנעֶ זאָקעֶן, און איך קלעֶטעֶר מיט האַלב-אָפּעֶנעֶ אויגעֶן און שטיק זיך ווי אין אַ געֶדיכטעֶן רויך. דריק דעֶם רעֶוואָלוועֶר אין קעֶשעֶנעֶ און ברעֶקלעֶך געֶדאַנקעֶן שפּרינגעֶן אַרום אין פּוסטעֶן קאָפּ:

— שטעֶנדיג דיקעֶ... אַ שטיפמוטעֶר אַ דיקעֶ, אַ „ווירטעֶן" אַ דיקעֶ... חאָטש איינמאָל אַ דאַרינקעֶ אַ דינינקעֶ... איינמאָל. —

*

אַז איך בין מיט איהר געֶבליבעֶן איינעֶר אַליין, בין איך ווידעֶר אָבהעֶנדיג געֶוואָרעֶן, געֶנומעֶן פון צעֶטומלעֶניש קראַצעֶן דאָס בלעֶטירעֶל אויף די נאָז. — נעֶבעֶן מיר אויף אַ שטוהל איז געֶזעֶסעֶן אַ אשה, טאַקעֶ אַ אמת'עֶ אשה, מיט אַ צעֶלאָזעֶנעֶם צאָפּ; אַ רויט קאַפּטעֶלעֶ, אַ קורץ קליידעֶל... נאָר עֶם וואונדעֶרט מיך, פאַר וואָס איז דאָס אַזוי! — פאַר וואָס ציטעֶרט זי ניט! פאַר וואָס איז זי אַזוי קאַלט? מיר זעֶנעֶן דאָך יעֶצט ווי מאַן און ווייב, איינעֶ אַליין! פאַר וואָס בליצעֶן ביי איהר ניט די אויגעֶן? אַ פּנים ס'איז נאָר עֶקסטרעֶ. ווייבעֶרשעֶ שפּיצלעֶך... כדי מאַכעֶן מיך ליי-דעֶנשאַפטליכעֶר, פייעֶרדיגעֶר

אָדער ... שטעה! אפשר איז זי גאָר קיין אשה ניט, דאָס צי־
מער — קיין צימער ניט, אַנ'אָנשטעל, אַ קאָמעדיע! דאָס אָנגע־
פּודרעט געזיכט, דאָס שפּיציג נעזעל זענען עפּעס... עפּעס ניט
אַזוי. —

כ'האָב געפּרובט אָנריהרען איהר שמאָלינקען נאַקען מיט די
שפּיצען פינגער, זעהען צי דאָס איז לייב.

— אוי, סאַרא קאַלטע פינגער! האָט יענע אַ געשריי געּ
טהון און נערוועז פערקנייטשט זיך. זי איז געוואָרען אַזוי אַלט...

איך בין רויט געוואָרען און אָבגעקעהרט דעם קאָפּ.

— קעצעלע, טייערס מיינס .. האָט זי זיך פּלוצלונג צע־
צערטעלט און אָנגענומען מיך פאַר'ן פּלייצע. איך האָב איהר
אַ קוק געטהון גלייך אין פּנים אריין. איהרע אויגען זענען געווען
קאַלט און פרעמד ווי פריהער. דאַכט זיך אַזאַ קליינע, אַזאַ דאַ־
רינקע און קען אַזוי גוט די „מלאכה“.

— וואָס איז! בין איך אויך קאַלט געוואָרען.

— טייערינקער, פונדעסווע מיך מיט בראָנפען!

— און קאָניאַק איז דאָ?

— נאָך אַ מין — דאָ.

— אָט! האָב איך איהר דערלאַנגט דאָס גאַנצע געלט וואָס
איך האָב געהאַט אין קעשענע; — קאָניאַק, אַ רוח איז זייער
טאַטענס־טאַטען אריין! האָב איך זיך פּלוצלונג צעהוליעט און אראָב־
געריסען פון זיך דעם פּייכטען זומער־מאַנטעל. ניט פאַרזיכטיג
אַראָבגעריסען: מיין רעוואָלווער וואָס איז אין איהם געלעגען, האָט
טעמפּ אַ קלאַפּ געטהון אָן שטול.

— וואָס איז דאָס דאָרטען ביי דיר! האָט זיך יענע אָבגע־
שטעלט און נייגעריג אויסגעצויגען דאָס העלזעל.

איך בין בלייך געוואָרען. מעהר פעהלט מיר ניט...

— גאָרנישט, אַלץ דאַרפסטו וויסען. ניין? דיר איז נאָך
זועניג? דו פערשטעהסט? — גיכער, דעם בעסטען קאָניאַק.
פינישען. שטאַרקען —

און כ'האָב איהר אַ שנעל געטהון איבער די נאָז. פּונקט ווי
דער בחור אין קאַפּעטע, פריהער... נאָך בעסער ווי ער. זי האָט
זיך אַרויסגעמאַכט דורכ'ן טהיר און באַלד האָב איך דערהערט
ווי עס קלאַפּען איהרע געלע שיכלעך אַראָב די שטיגען איך בין

גלייך צוגעגאַנגען צום מאַנטעל, צונויפֿגעלעגט איהם אין אַ לאַנגליך פּעקעלע אַזוי, אַז דער רעוואָלווער זאָל זיך ניט פֿיהלען. פֿערדרוקט עס אין אַ ווינקעל. בערוהיגט זיך.

אין צימער האָט געברענט אַ געמיין לעמפּעל אין אַ בלעכעל און ס'האָבען געלאַכט פֿון די ווענד פֿערדעכטיגע, חצופֿ'שע פּנים'ער פֿון נאַקעטע פֿרויען און מענער. בעזונדערס האָט זיך צערייצט איין שמוציגער פּרצוף פֿון אַ נאַקעטען מאַנסביל מיט געגאָלטע וואָנצעס, קאָפּ און באָרד. ער האָט בעוויזען אַז ער האָט גרויסע פֿערדישע ציין ... און קוועלט, קוועלט מיט אַ ברייטען הפֿקר'דיגען מויל, אַזוי שטענדיג, שטענדיג ...

— מען געהט! — זי מיט אַ פֿלאַש קאָניאַק און מיט טרינק־געצייג" אין די הענד איז שוין דאָ. „אוי מאַכט זי, ס'איז שווער". די לאַנגע קאָרקע האָט געמאַכט „מפּו": צעקושט זיך פֿאַר'ן צע־שיידען מיט דאָס פֿלעשעל... און צוויי באַקאַלען פֿול מיט אַ ברוי־נע פֿליסיגקייט שטעהען שוין אויסגעצויגען די לאַנגע העלזער און גלאַנצען. —

דאַכט זיך אַזאַ דאַרינקע, אַזאַ שפּיציג נעזעל ... געטרונקען האָט דאָס אָבער ווי אַ בריה. ווי אַ געניטע שכּורט'ע: גענומען דעם באַקאַל צו די ליפּען, קונציג פֿערוואָרפֿען דאָס קעפּעל אויף הינטען, מיט דער פּאַטיליצע אָנגעריהרט אַזש די ווענטעל פֿון שטול, און די שאַרפֿע משקה האָט זיך איהר אַריינגעגאָסען גלייך אין האַלז אַריין, ביז'ן דעק, ווי דורך אַ טרייבעל. דערביי פֿלעגט זי די צווייטע האַנד אונטערשטעלען אונטער דער געמבע; טאָמער פֿערגיסט זיך. נאָכ'ן אויסטרינקען אַ שטעל די לעדיגע כּלי מיט אַ האַק אָן טיש, מיט אַ פּיבערישען: „אַ־ההה"; אַ שוידער מיט ביירע פּלייצקעס, אַ וואָרטש עטוואָס פֿאַר זיך און ווייטער אָנגע־גאָסען... געניט, מען קען ניט זאָגען! — און איך האָב געטרונ־קען, געחאַפּט, געלאַכט, געזוכט, געקרימט זיך; און דער קאָניאַק האָט זיך פֿערגאָסען אויף די קניע, אויפֿ'ן טיש, כ'האָב אַזוי לאַנג געטרונקען ביז ס'האָט זיך מיר גענומען דוכטען, אַז מיין קאָפּ איז עפּעס אַ פֿערעמדער, אָנגעגליהטער קנויל פֿול מיט פּאַרע. אָט, אָט פּלאַצט ער, וועט ווערען לייכטער... דאָס האַרץ האָט אויפֿגעהערט קלעמען פֿאַר וועהטאָג און בושה. כ'האָב אויף איהר שכּור אַ קוק געטהון פֿון דער זייט, און איהר דינער פּראָפֿיל מיט

איהר אָבגעדעקט העלזעל האָבען מיר אָנגעהויבען געפֿעהלען צו ווערען. ס'האָט אין מיר געגומען געהערען אַ סענטימענטאַלע ווײַבקײַט, אַ טריבע שכּור'ע רחמנות.

— אַזאַ לעבען געפֿעהלט דיר? — האָב איך זי ווייך אַ פֿרעג געטהון און פֿאַרזיכטיג אַרומגענומען איהרע פּלייצקעס. דינינקע פּלייצקעס.

— געפֿעהלט... פֿאַר וואָס ניט? חאַ—חאַ. אַלע טאָג אַ נײַער מאַן. פֿאַר וואָס ניט? —

— און די ווירטין ערלויבט אײַך צו געהן אין טעאַטער! ס'איז דאָ טעאַטער — דו ווייסט?

און כ'האָב מיך צו איהר צוגעדריקט.

— טעאַטער? וועלכער טעאַטער? דאָ איז אויך פֿאַראַן אַזאַ זאַך, — אַ פּיאַנע, שפּיעלט מען, זאָשקע שפּיעלט, חאַ—חאַ—חאַ, זי קע—ען...

מיט שטומע, זודיגע ליפּען האָב איך זיך צוגעדריקט צו איהר אויפגעקנעפּעלטער ברוסט. אַ זוינע אײַנגעפֿאַלענע בריסטעלעך האָט זי געהאַט, אַזעלכע קלײנע, נאַאיווע, אַז ס'האָט זיך געוואָלט וויינען.

— אַ סך מענשען האָבען דיך אַזוי געדריקט? אַ סך?.. פּאַסקודניקעס, אַ? ניט געקענט אַריבערטראָגען... דו, אַ? אַ סך?

— הער נאָר, גיעב נאָך... נאָך צוויי רובל, — האָט זי הײזעריג און שכּור געלאַכט און געאָטהעמט אויף מיר מיט בראָנפען. דאַכט זיך אַזאַ מאָגערע. אַזאַ קלײנע.

— פּונקט ווי יאַשע און העניע. ווי יאַשע און העניע... האָב איך געפּלאַפּעלט און געקושט זי אַלץ שטאַרקער און לענגער, — פֿערשטעהסט ניט... ווי זיי בײדע...

— יאַשקע! העניע? — נו, גיעב נאָך צוויי רובל. דו ביסט אַנ'אויפגעקלעהרטער... כ'ווייס. אַזאַ איז אַ גוטער חאַ-חאַ. וואו איז דײַן פּאַלטאָ! דאָרטען איז אַ סך... חאַ—חאַ—חאַ. פֿריהער האָט אַ קלאַפּ געטהון.

— מיר זענען בײדע אומגליקליכע... האָב איך געפּלאַפּעלט מיט לײדענשאַפֿטליכער רחמנות, כּמעט מיט טרעהרען, — בײדע אומגליקליכע... נײן, וואָס? בײדע...

— ניין, דו האסט נאך געלט אין קעשענע, אלע געבילדע־טע — חא—חא—חא... בעוויי־ז, בעוויי־ז אלע קעשענעס... דעם פאלטא אויך... דארטען איז זילבערנע רובלען... א גאנצער פעקע־לע, כ׳האב געהערט. נו איין רובל...

— דו פערקויפסט דיין לייב כדי צו שפייזען דיין לייב... אומגליקליכע. און איך... גארנישט, אלץ איינס.

און אין מוח, ערגעץ אין א ווינקעל איז געזעסען: „ניט דאס, ניט דאס דארף מען מיט איהר רעדען".

— וועסט מיר קויפען א גאלדען פינגערעל מיט א רובין ווי ביי זאשקען... א רובין... רויט! וואס? וועסט דאך קויפען... אלע געבילדעטע...

— איך זאג דיר... דו פערשטעהסט ניט... מיר ביידע — ווי יאשע און העניע. ער האט א גאלדענע רינג. דערלאנגט ער מיר די האנד... איך — כ׳וויל ניט! אט ווי! פערשטעהסט! נעהם מיך ארום, טרינק נאך, ס׳גאנצע פלעשעל. שטארקער נעהם ארום. דער פעטער חיים וועט גארנישט וויסען, גארנישט קיינ־מאל ניט.

אנשטאדט אנ׳ענטפער האבען זיך ביי מיר אריינגעגנב׳עט צוויי שכורע הענטלעך אין די קעשענעס און דארטען געזוכט. ס׳האט פון איהר געשלאגען מיט ביליגע שמעק־וואסער און מיט קאניאק. דער פלאם אין לעמפעל האט זיך אויפגעהויבען, גענומען רייבערען.

— — — — — — — — — — —

— דאס ערשטעס מאל?

— וואס? איך וויים ניט... יא יא.

איך האב אנגעטהון דעם מאנטעל מיט דערשראקענע, משו־נה׳דיגע בעוועגונגען פון א מענשען, וועלכער בעמיהט זיך ארויס־צוקריכען פון א מיסט־גרוב, וואוהין ער איז אונגערען אריינגע־פאלען. אויף מיין הויט האב איך נאך געשפירט די בעריהרונגען פון איהר נאקעטען לייב. די דאזיגע ערטער האבען געברענט, ווי זיי וואלטען זיך איינגעשמירט אין זענעפט. אין צימער איז געווען פול מיט סאזשע. דאס לעמפעל האט געצאנקט. „א נשמה

צאַנקט" — איז דורכגעלאָפען אַ מחשבה'לע אין פענסטער האָט געפּאַטשט אַ נאַסער שניי.

שוין?

— וואָס? ניין, מעהר ניט. ניין. ניין.

אַז איך בין שוין געווען אויף די לעצטע שטיגען איז זי האַלב־נאַקעט אַראָבגעלאָפען פון הינטען, אַרייַנגעחאַפּט זיך אין „זאַל" פריהער פאַר מיר. און דאָרטען עפּעס אַ שעפּצע געטהון איהרע חבר'טעס. ס'האָבען מיך בעגעגענט אַ מאָדנער געלעכטער און אַ שושקערייַ: „דאָס ערשטעס מאָל, דאָס ערשטעס מאָל". אַ גליהענדיגע חרפּה און אַ שרעקליכער עקעל האָבען מיך אויפגעהויבען ווי אַ כוואַליע און צוגעשטופּט צום טיהר. דערפיהלט אין איין האַנד די מעשענע קליאַמקע פון „סאַלאָן", אַ קאַלטע קליאַמקע. הינטער מיר האָט מען געלאַכט, געשושקעט...

אונגעריכט האָט זיך מיר די לינקע האַנד אַרייַנגעחאַפּט אין קעשענע פון זומער־מאַנטעל... דער רעוואָלווער!!!

גלייַך בין איך רוהיג געוואָרען; אַ קעהר געטהון דעם קאָפּ און געקוקט זייַ שאַרף, פון אונטער'ן שטערען, מיט אַ פערקיהלט שמייַכעל אויף די ליפּען.

אַלע זענען זייַ גלייַך אַנטשוויגען געוואָרען.

— פּענטאַק, וואָס קוועלסטו? — האָט זיך איינע פון זייַ בעליידיגט.

— גאָרנישט! האָב איך געענטפערט און רוהיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

אַרויסגעגאַנגען.

*

נאָכדעם ווי איך בין אַ היבשע צייַט געגעגען אין פערגעסעניש

דער לאָמפּ ברענט נאָך אויפען טיש. די אייַנדרוקען פון דעם פערשאָלטענעם מעת־לעת זענען אַזוי פיעל און שאַרף, אַזוי פערמישט און שטעכעדיג. ס'דאַכט זיך מיר, אַז מייַנע אויפגערייצטע געהירען זענען אַרייַנגעטהון אין אַ גאַנצען פלאָנטער פון אייַזערנע שטעכעלקעס. ווען ניט דער רעוואָלווער, מייַן טייַערער, ליעבער רעוואָלווער, וועלכער קוויקט מיך און מונטערט מיך אַלע

ווײַלע מיט זײַן גלאַטקײַט, מיט זײַן ניקלענעם שמײַכעל, וואָלט איך געוויס אַראָפּ פֿון זינען, כ'וואָלט אויף זיך געריסען די קלײדער, געלאָפֿען איבער די גאַסען און געשריען פֿון אינערליכען ווערטאָג. מײַן זכרון שווינדעלט אין מיר אַצונד לאַנגזאַם און מיעד ווי אַנ'אויסגעהענדרע ליכט. אָט הויבט זיך אויף מײַן זכרון, גיעט אַ בליץ, שטעל איך מיר פֿאָר. געדענק איך... זינקט אײַן דער זכרון־פֿלאַם, ווארף איך מיך אַרײַן אין בעט, ציה אויס הענד און פֿיס און ליעג ווי אין חלשות. אַלץ ווערדט טונקעל, אָבגעריבען און געהרט שיטער ווי אַנ'איבערגעזויערטע טײג. אָהן אַ געשטאַלט, אָהן בײנער.

אַז איך בין אַרויס פֿון „סאַלאָן" אויפֿען הויף, איז, ווי עס ווײַזט אויס, געווען קעלטער ווי פֿריהער. אַ שנײ האָט געשמיסען אין פּנים מיט בײזאַמע, קאַלטע ריטער. אָבער איך האָב שוין די קעלט ניט געשפּירט. די הויט האָט אויף מיר געברענט... און ביז איך בין אַריבער דעם הויף און צוגעגאַנגען צום טויער האָב איך מיך אַזוי אָבגעמאַטערט, אַז אין די אויגען איז געוואָרען גרין־גרין. — אין שאָטען פֿון טויער האָט אַרויסגעשטעקט אַ פֿלאַכעם שטיק אָבגעריבען אײַזען, בין איך צו דעם צוגעפֿאַלען מיט'ן זודיגען שלײף און גאָרנישט געפֿיהלט... איך בין נאָר געוואָרען אײַן שטיק פֿינסטערניש מיט דעם פֿערשאָלטען הויז צוזאַמען. און דער פֿײַכטער שנײ איז געפֿאַלען און געפֿאַלען אויף דעם אַלגעמײַנעם שטיק חשך; ער האָט דאַכט זיך געוועבט אויף מיר און אַרום מיר אַ סך, אַ סך גראָהע, קלעפּיגע פֿעדים. בעמיהט זיך צו צוועבען מיך צום טויער אויף אײביג, אויף אײביג... דער קאָפּ־לעדיג און אָנגעגליהט ווי אַ טאָפּ פֿון וועלכען דאָס וואַסער האָט שוין לאַנג אויסגעזאָדען. און ער שטעהט נאָך אויף די הײסע קוילען און גליהט. — די אויגען האָבען מיט טעמפּע עקשנות געקוקט אויף דער רויטער לאַמטערנע. וואָס האָט זיך געשאָקעלט אין דער הויך אויף אַ שטאַנג עטליכע טריט פֿון מיר. איהר אָבשײַן איז אומגעקראָכען הין און צוריק אויף דעם בלאָטיגען שנײ, טריעב געגלאַנצט און געריטעלט זיך ווי אַ גרויסער, זינדיגער פֿלעק.

און פּלוצלונג — מען געהט. — איך האָב זיך גיך אויסגעגלײַכט און געהאָרכט. בײַ דעם רויטליכען, פֿאַנטאַסטישען אָבשײַן

פֿון לאַמטערנע האָבען אַ שווינדעל געטהון: אַ סטודענטען היטעל און נאָך עפּעס אַ קאָפּ. נאָך איין טראָט — און די שטריכען פֿונ'ם צווייטען קאָפּ זענען קלאָר געוואָרען —

מירקין!!!

אַ שוידערליכע אימה איז מיך בעפֿאַלען, אָנגעפֿילט מײַן גאַנצעם וועזען. דאָס איז געווען איינער פֿון די שרעקען, וועלכע מאַכען די האָר גראָה אין איין סעקונדע... אַ שרעק פֿון אַ נערוועזען פֿאַנאַטיקער. ווען ס'האָט זיך מתבמה געווען אַ מת אין תכריכים, אין דער פֿינסטער... דער שרעק האָט מיך אָבגעטראָגען אויף הינטען און ווי מיט אַנ'אײַזענער האַנד פֿעררוקט הינטער'ן טהיר'ל פֿון טויער, וואָס איז נאָך געווען אָפֿען אין הויף אַרײַן; געהייסען אײַנהאַלטען דעם אָטהעם, וואַרטען... דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט לאַנג און שווער; אָט, אָט דאַכט זיך, שטאַרבט דאָס אָב און גיעט מיט אַמאָל אַ קלאַפּ אַז ס'הויבט אָן קלינגען אין די אויערען. כ'האָב אַליין ניט פֿערשטאַנען פֿאַר וואָס האָב איך זיך אַזוי דערשראָקען, פֿאַר וואָס האָב איך מיך אַזוי גנב'דיג בעהאַלטען... אַ פֿײַפֿען פֿון קאַלאָשען איבער'ן פֿײַכטען ברוק... אַ פּיקען פֿון שטעקלעך —:

— די בלאָנדינקע? אָט די. די פּוילישע? מאַצעשע? אָ, זי איז אַ בריה...

מירקינס קול.

און באַלד אַ צווייטער קול. אַ געשטאָרבענער בין איך געבליבען:

— האַ? אָט דאָ האָט עפּעס איינער אַ שפּרונג געטהון און — זיך בעהאַלטען... וואַרט! — ווער איז דאָס?

— ס'האָט זיך דיר אויסגעדוכט.

מען איז שטעהן געבליבען. די שטעקלעך זענען אַנטשווינגען געוואָרען.

— ניין, ניין... עמיצער איז דאָ... כ'האָב פֿײַנט די קונצען... ווער האָט זיך דאָ בעהאַלטען, פֿרעג איך?

און אַנ'אײַזערנער שפּיץ פֿון אַ שטעקען האָט עקשנות'דיג אָנ'געקלאַפּט אין טיהר'ל; גלײַך מיר אין אויער אַרײַן.

איך האָב דערפֿיהלט, אַז איך בין דאָ מאוס אַרײַנגעפֿאַלען, אַז זיי וועלען שוין ניט אָבטרעטען. אין איין סעקונדע האָב איך

זיך געמוזט געבען אַנ׳עצה ווי פּטור צו ווערען פֿון אַזאַ חרפּה.

— איך פֿרעג בײַ אײַך ניט! — האָב איך פּלוצלונג אויסגעשריִען און אַרויסגעריסען זיך פֿון הינטער דאָס טהירעל.

בײדע זענען זײ פֿערציטערט געוואָרען און אָבגעשפּרונגען עטליבע טריט אויף הינטען. דער רויטער אָבשײַן פֿון דער לאַמטערנע איז געפֿאַלען אויף אונז דרײַען. דרײַ פּאָר אויגען האָבען זיך באַגעגענט.

— סאַ — אַ לאַמאַן? האָט מירקין אויסגעזונגען פֿון פֿערוואונדערונג. די אויגען זענען בײַ איהם געוואָרען ווי בײַ אַ פֿיש.

— איך פֿרעג בײַ קײנעם ניט! — האָב איך פֿערקריצט די צײן און געלאָזען זיך געהן גלײַך אויף זײ.

בײדע האָבען מיר אָבגעטראָטען דעם וועג; שטומע, דערשראָקענע.

געהענדיג האָב איך אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ און ווידער אַמאָל אויסגעשריִען.

— וועמען הער איך, נו? כ׳האָב געוואָלט געהן אין... אין — צו זונות און בין געגאַנגען...

— דאָס איז סאַ — אַ לאַמאַן? האָט מירקין נאָך אַמאָל צוגעצויגען אויסגעזונגען הינטער מיר.

ס׳האָט זיך שרעקליך געגלוסט איבערקרימען זײן זינגענדיגע פֿראַגע מיט שפּאָט און הויך אויפֿ׳ן קול; פֿערקרימען דערבײַ דאָס גאַנצע געזיכט אַזוי, אַז׳ דער מויל זאָל אויסקומען אויף דער רעכטער באַק. נאָר כ׳האָב זיך אײַנגעהאַלטען מיט אַלע כּחות און גיך, גיך אַוועק אין דער נאַכט אַרײַן. דער פֿאַלענדער שנײ האָט זיך צווישען אונז געשטעלט ווי אַ טונקעל־גראָהע וואַנד. איך בין געבליבען אַלײן.

כ׳האָב געביסען די ליפּען פֿון פֿערדרוס. כ׳האָב פֿערשטאַנען, אַז איך האָב זיך דאָ אויפֿגעפֿיהרט ווי אַנ׳אמתער אידיאָט. כ׳האָב דאָך געקענט אַרויסגעהן פֿון טויער מיט אַ אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ; ניט בעהאַלטען זיך ווי אַ מויז, ניט רעדען קײן וואָרט. דער געדאַנק האָט מיך נאָך מעהר אויפֿגערײצט.

— איך פֿרעג בײַ זײ ניט, — האָב איך געמאַכט מיט די פֿויסטען, אַזוינע הינט... זײער דאגה, וואָס? געוואָלט געהן און... און געגאַנגען, און... איך פֿרעג ניט!

*

אין די הויפּט־גאַסן זענען נאָך געלאָפֿן אײנצעלנע דואָשקעס. אײנזאַמע מענשן אונטער קלײנע שירעם־דעכֿלעך און אָהן שירעמס. גיך גיך זענען זײ געגאַנגען פֿאַרבײַ מיר איבער די טראָטואַרן. די קעפּ בעהאַלטען אין די הויכֿע קאָלנערס, די הענט אין די אַרבעל: אַהײם, אַהײם, אַהײם! — זײ האָבן מיר אויסגעזעען ווי גרויסע נאַכֿטפֿלעדערלעך מיט אָבגעריסענע פֿליגלען, אַט לויפֿן זײ ווי זײ קענען, ציהען זיך צו דאָס ליכֿטיגקײַט, צו דאָס וואַרעמקײַט, צו בעשיצטע פֿיער־ווענד. אָבער וואָס האָב איך מיך צו הײַלען? ס׳ט׳געזעהן? עס פֿאַלט אַ שנײ — זאָל פֿאַלען. וואָס וואַרט אויף מיר? כֿ׳האָב נאָך צײַט.

און מײַנע טריט זענען געוואָרען דראָבנע, אײַנגעהאַלטען. עפּיס עהנליכֿעס צו שנאה האָב איך מיט אַמאָל דערפֿיהלט צו מײַן רעוואָלווער, וועלכֿער הוידעט זיך בײַ מיר אין קעשענע און קלאַפּט מיר פּאַוואָלינקע אין זײַט... איך זאָל ניט פֿאַרגעסען...

אַז איך האָב מיך בײַ אַ לאַמטערנע באַגעגענט מיט וועלכֿע ניט איז ווײַבער, פֿלעג איך מיך געשווינד אַ נעהם טהון אָנ׳אַזײַט. זײערע גלאַטע פּנים׳ער, דער רויש פֿון זײערע קלײדלעך פֿלעגען אין מיר אַרויסרופֿען אַ אונאַטירליכֿען עקעל. אַזאַ מין עקעל האָב איך אײנמאָל דערפֿיהלט, ווען איך בין געלעגען קראַנק אויף בויכטיפּוס און דערזעהן אויפֿן טיש אַ שטיק פֿעטע געבראָטענס...

כֿ׳האָב מיך געמינטערט. נאָך איטליכֿעס באַגעגענט ווײַבעל האָב איך געמוזט שפּײַען. געגאַנגען און געשפּײַט, געשפּײַט אין פֿײַכֿטען שנײ אַרײַן...

*

ענדליך, ווען איך בין שוין געוועזן נאָהענט צו מײַן גאַס, האָב איך אונגערען אָנגעטראָפֿען אין אַ קעשענע אַ קלײן הײַפֿעלע קופּער און זילבער געלט. נסים! די ק ל ײ נ ע האָט דאַכֿט זיך גרינדליך אַרומגעזוכֿט...

— אויף וואָס דאַרף איך עס?

כֿ׳האָב דאָס ביסעל קלײנגעלד צוזאַמען־געגראַבעלט אין האַנד, און געהענדיג. געזײַט־געוואָרפֿען אײנציגווײַס דורך די פֿינגער. אַ

טראָט אַ מטבע, אַ טראָט — אַ מטבע. — די קײַליכדיגע, פּלאַכע שטיקלעך מעטאַל מיט זײערע געפּרײַגטע אותיות, וואָס האָבן בײַ מיר ביז אַהער אָפּטמאָל געשפּילט אַזאַ ביטערע ראָל, אַזוי געפּײַניגט און אַזוי ערנידעריגט, האָבן אַציִנד אָנגעוואָרן זײער באַדײַטונג. איך דאַרף ערשט שטאַרבן, זײ זענען שוין געשטאָרבן. זײערע ליעסטיגע פֿערפּלאָנטערטע נשמה'לעך זענען זיך שוין צעפֿלויגן. בײַ מיר אין האַנד זענען נאָר איבערגעבליבן האַרטע, ניט־נויטיגע קערפּערלעך. „משוגעים, האָב איך פֿאַר זיך קרענקליך געשמײכעלט, און פֿאַר דעם בעקומט מען אַלץ, אַלץ... אַפילו „ליבע", אפילו נאַקעטע צוועלף־יעהריגע קינדער, פֿון וועלכע עס שמעקט נאָך מיט דער מאַמעס מילך... אָט ערשט האָב איך אַליין מיט דעם „ליבע" געקויפֿט. אַפילו אַזאַ ווי איך... משוגעים! — נאַרען און נאַרען מיט דעם אײנער דעם צווײטען, לסוף זענען אַלע אָבגענאַרט... קויפֿען און קויפֿען מיט דעם, לסוף זענען אַלע פֿערקויפֿט... משוגעים".

און ס'איז עפּיס געווען אַזוי לעכערליך און אַזוי גיפֿטיג־זיס פֿערנאַנדער־צו־וואַרפֿען די מעטאַלענע טוידטע רעדעלעך, אַזוינע אונשולדיגע און אַזוינע זינדיגע, אין מיטען דער נאַכט, איבער דער פֿערבלאָטיגטער און פֿערשנײטער ערד. — וואו דער שנײ איז געווען דיק, איז די מטבע פֿערלאָרען געגאַנגען שטומערהײד, ווי אין פּוך אַרײַן. און וואו דער שנײ איז שוין געווען אַביסעל צעגאַנגען, פֿלעגט זיך דערהערען אַ לײַכט קלעפּעל: „דק" אַזוי קורץ און אָבגעהאַקט און אונפֿאַרביג.

אויפֿ'ן ראָג פֿון גאַס האָב איך מיט אַמאָל בעמערקט אַ קבצן שטעהט אײַנגעבויגען איבער זײַן שטעקען און קרעכצט. „ס'געהערט? אַפילו אין מיטען דערנאַכט קען מען ניט פּטור ווערען... אָט ערשט בין איך געווען דאָרטען. איהם איז אַלץ אײנס. אַזאַ בעטלער! ער וויל אַדרבה — וויל ער..."

פֿונדעסטוועגען בין איך צו איהם צוגעגאַנגען און מיט אַ שטומע בעוועגונג איבערגעגעבען איהם די עטליכע מטבעות, וואָס זענען נאָך געבליבען אין האַנד.

אַ לאַנגער גוף פֿערוויקעלט אין שמאַטעס האָט זיך טיעף פֿערנײגט.

„.. דאָס בוקט ער זיך דעם שטן, אָדער וואָס?"

און אַ הײַזעריִגער אויסגעניִצטער קול:

— אוי פֿאַני, פֿאַניִ... זאָל אײַך גאָט געבען גליִק, הצלחה, לאַנגע־יאָהר...

— גליִק? הצ—לחה? — האָב איִך שטיִל איִבערגעפֿרעגט און אַרײַן־געקוקט דעם בעטלער אין שמוציִגען פּנים. אַ! לאַנגע יאָהר...

איִך געדענק ניִט גענוי; מיִר דאַכט אַז די „לאַנגע יאָהר" האָבען בײַ מיִר אַרויסגערופֿען אַ וויִלדען געלעכטער. נאָר דאָס געדענק איִך קלאָר, אַז דער בעטלער האָט זיִך עפּיִס פּלוצלונג דערשראָקען און גענומען אָבטראָגען זיִך פֿון מיִר, מיִט אַ קורץ פּיִסעל און מיִט אַ קוליע: האָץ־האָץ, האָץ־האָץ...

*

ט אונבעוואוסטע שעה אין דער זעלבער נאַכט

וויִדער געלעגען אויפֿ'ן בעט אָהן אַ שום בעוועגונג, אָהן אַ זעלבסטגעפֿיִהל און געקוקט מיִט שטאַרע אויגען אויף דער בעלויכטענער סטעליע. ס'האָט זיִך מיִר געדוכט, אַז איִך ליִעג אין אַ העלגעלבען ראָסצענע־טײַג. דאָס גאַנצע ציִמער איז, ביִז דער סטעליע, אָנגעפֿיִהלט מיִט דאָס שיִטערעס, קלעפּיִגעס. איִך ליִעג געפּרעסט אונטער דעם און קען זיִך ניִט אַ ריִהר טהון... מיִט אַמאָל קריִכט מיִר אַרײַן אַביִסעל טײַג אין מויל. פֿיִהל איִך אַ טעם פֿון איִבערגעקאָכטע בראַנפֿען און פֿערפֿוילטע העריִנג...

פּלוצלונג האָט זיִך עטוואָס אָנגעהויבען צו בעוועגען אין ציִמער; פּאַמעליִך אָהן אַ שום גערויש ווי אַ פֿאָרזיִכטיִגער גנב. די בעוועגונגען זענען געוואָרען אַלץ אָפֿטער און געשוויִנדער. די ווענד האָבען גענומען טאַנצען. דער שיִטערער טײַג — וואַרפֿען געלבע חוואַליעס.. איִך וואַרף זיִך מיִט זײַ צוזאַמען ליִעגענדיִגערהייד, אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב. איִך האָב מורא אויסצושטרעקען אַ האַנד, אַ שאָקעל טהון אַ פֿוס, ווי איִך זאָל געוועזן ליִעגען אויף אַ שמאָליִנקע ברעטעלע אין אַ ברויזענדען טײַך.

אין אָנהויב האָב איִך גאָרניִשט ניִט פֿערשטאַנען; נאָר מײַן בעוואוסטזײַן האָט געציִטערט, געפֿלאַטערט פֿון פֿערבאָרגענעם שרעק. איִך האָב געוואָלט שרײַען — ניִט געקענט.

דער פֿערבאָרגענער שרעק האָט מיִך אָבער אַרומגענומען

אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, געניִיט — איך זאָל איבער זיך מאַ־
כען אַ איבערנאַטירליכע אָנשטרענגונג און קאָנצענטרירן אַלע
צעשוואומענע, צעבראָקעלטע געפֿילען אויף איין פּינטעל. ביז...
ביז איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז גאָרנישט. ניטאָ פֿאַר וואָס
צו שרעקן זיך. דאָס איז נאָר אויסגעגאַנגען די נאַפֿט אין לאָמפּ.
און דער פֿלאַם וואַרפֿט זיך, גוסס'ט, האַלט מלחמה מיט'ן חושך.

— פּלם — פּלם — פּלם...

דאָס פֿײַערל אין לאָמפּ און אַרום איהם גרויסע, צעריסענע
שטיקער פֿון געלזוכטיגען שײַן גוסס'ן, וואַרפֿען זיך אום אויף די ווענד
אין פֿאַנטאַסטישע קאָנוואולסען. און די שאָטענס שפּרינגען אויף
זיי אַלע ווײַלע אַרויף און שלאָגען זיי מיט שוואַרצע פֿלעדערמויז־
פֿליגלען.

— פּלם — פּלם — פּלם... האָב איך עפּיס געהערט ווי אין
הינער־פּלעט. און ווײַטער — מיש־מאַש, חאָאָס, גאָרנישט...

אַז איך האָב צוריק געעפֿענט די אויגען איז שוין געווען
פֿאָלקאָם פֿינסטער. נאָר די שויבען פֿון פֿענסטער האָבען קוים־קוים
געפֿינקעלט אין דער פֿינסטער מיט אַ שוואַרצען אַטלאַס־גלאַנץ.
הינטער די שויבען האָט גערונען דער צעגאַנגענער שניי; אַנ'אָב־
געריסענע בלעך פֿון אַ דאַך האָט דאָרטען געפּאַטשט מיט גרויס
התמדה...

סס'איז געווען שווער. די פֿיס קאַלט, דער גאַנצער לײַב
אין שווייס, דער קאָפּ — פֿאַרראָסטעטע בלײַ.

— דער רעוואָלווער... איז ווי אַ שרץ צוגעקראָכען
די ערשטע מחשבה, אפֿשר שוין צײַט.

דאָ האָב איך זיך צוגעהערט: מיר דאַכט איך הער עפּיס?
יאָ־יאָ. אין דער פֿינסטער שעפּצעט עס גלײַכמעסיג און שטיל...

דאָס האָט זיך רוהיג געקלאַפּט דאָס שמאָלענעם הערצעל
בײַ מײַן טאַשען־זייגער, וועלכען איך האָב, קומענדיג, אַנידערגע־
לעגט אויפֿ'ן טיש.

פֿריהער, ווען דער לאָמפּ האָט נאָך געברענט, האָב איך
גאָרניט געשפּירט, אַז ער טיקעט אַזוי... אַצינד, אַז דער לאָמפּ
האָט זיך פֿערלאָשען און די אויגען זענען געבליבען אָהן אַרבייט,
האָבען זיך די אויערען פֿערשאַרפֿט און גענומען פֿאַנגען אין חושך
אַ פֿלײַסיגען שטילינקען קלאַפּען:

— טיק - טאַק, טיק—טאַק, טיק - טאַק...

אַפּאָר מינוטען בין איך געלעגען אונבעוועגליך און זיך צוגעהערט צו דאָס טיקען ווי היפּנאָטיזירט, און אַ טריבעם שנאה-געפיהל האָט אין מיר ביסלעכווייז אויפגעברויזט, ביז איך האָב פערשטאַנען, אַז איך מוז מיך מיט איהם אָבּרעכענען:

— זעה נאָר, זעה נאָר סאַראַ פליסיגקייט, סאַראַ חאַפּעניש! דאָס וויל גאָר ניט אויפהערען... פאַר וואָס טיקעט ער אַזוי, דער פערשאָלטענער? ווער רעט איהם? טיק - טאַק, טיק - טאַק... אַהאַ, איך פערשטעה. ער קען זיך ניט דערוואַרטען... מיינע לעצטע סעקונדען ציילט ער... ער שערט אָב אַלע סעקונדע אַ שטיקעל פון דאָס איין-איינציג פעדימ׳ל וואָס איז מיר איבערגעבליבען... ער זאָגט אָן אַלע ווײַלע, אַז אָט באַלד, אָט באַלד... דאָס איז אַ שונא, אַ בעהאַלטענער שונא... ער לאַכט פון מיר: טיק—טאַק, טיק—טאַק: „מיר איז אַלץ איינס, טיק—טאַק. ניטאָ דו — טיקע איך פאַר אַנ׳אַנדערען, טיק—טאַק." — ער האָט שוין קיין צייט ניט, זיין דאגה... טיק—טאַק. פאַר וואָס האָב איך איהם פערקויפט אַזאַ שלאַנג, טיק - טאַק... נו, איך וועל דיר ווייזען, וואַרט אַ קאָרשט, חאָלערעניק!

מיט די לעצטע כּחות, אָבער מיט איין מאָל, האָב איך זיך אַ הויב געטהון פון געלעגער. די בעט האָט הינטער מיר אַ סקריפּ געטהון און דערשראָקען מיך. אַ ווײַלע בין איך געבליבען שטעהן גלייך און שטום ווי אַ שאָטען. דערנאָך האָב איך זיך פאָרזיכטיג גענומען בעוועגען אין דער פינסטער פון בעט צום טיש... „טיק — טאַק" האָט מיר אַנטקעגען שטיפעריש-פרעהליך געטיקעט דאָס זייגערל, ווי איינער זאָגט: „וואָס אַרט דאָס מיך..." ווי אַ קאַץ האָב איך עלאַסטיש איבערגעשטעלט די פיס אין דער פינסטער, אַ טראָט נאָך אַ טראָט, ביז איך האָב מיך אָנגעשלאָגען מיט׳ן בויך אָן אַ שפּיציגען ווינקעל פון טיש און געבליבען שטעהן; דערטאַפּט איהם אויפ׳ן טיש און אַ קרעכץ געטהון פון פערגעניגען. דאָס קייטעלע איז אַראָבגעהאַנגען פון האַנד און האָט זיך אומגעבאַמבעלט. „צו דיר האָב איך גאָרנישט" האָב איך שטיל געזאָגט; אָבגעטשעפּעט דאָס קייטעלע און עס אַוועק געלעגט צוריק אויפ׳ן טיש. געבליבען ביי מיר אין האַנד איז נאָר דאָס זייגערל. אַזאַ געמיינע זאַך! אַפילו ליגענדיג געפאַנגען ביי מיר אין האַנד האָט

עס ניט אויפֿגעהערט צו ציילן מײַנע לעצטע מינוטען און לאַכען פֿון מיר: טיק—טאַק, טיק–טאַק...

אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען מיט פֿערקריצטע ציין, פֿערמאַכט די אויגען פֿון דבקות, פֿון ליידענשאַפֿטליכען כעס... דערנאָך אײַנגעבויגען זיך, פֿאָרזיכטיג־שטיל, אַוועקגעלעגט מײַן געפֿאַנגענעם אויף דער פּאָדלאָגע, אַרויפֿגעשטעלט אויף איהם דעם רעכטען אָבצאַס, אָנגעשפּאַרט זיך מיט איין האַנד אָן טיש און די לינקע פֿוס פֿלינק אַ הויב געטהון אין דער לופֿטען, כּדי די משא פֿון גאַנצען קערפּער זאָל מיט איינמאָל פֿאַלען אויף איין פּינטעל.

— טלצצ... האָט זיך גלײַך דערהערט אין דער פּינסטער אַ שאַרפֿער קנאַק פֿון צעטראָטען גלאָז און צעקוועטשטע שטאָלענע געדערימלעך. איך האָב אַ שוידער געטהון פֿון פּלוצליכקייט און אַזוי שטעהן געבליבען אויף איין פֿוס. די אונטערשטע ליפּ פֿערביסען. כ'האָב מורא געהאַט טאָמער האָט דער קנאַק עמיצען אויפֿגעוועקט.

אַלץ האָט געשלאָפֿען ווי פֿריהער. נאָר דאָס אָבגעריסען בלעך האָט הינטערן פֿענסטער, געפּאַטשט, געפּאַטשט.

דאַן האָב איך זיך געשטעלט אויף די קניע און אײַנגעבויגען אין אויער איבער דעם צעטרושצעט זייגערעל. געהאָרכט.

שטיל. ער האָט אויפֿגעהערט צו טיקען.

— אַהאַ, וואָס הערט זיך? האָב איך געשעפּצעט, אָנגעזעטיגט מיט נקמה, צו דער פּינסטערער פּאָדלאָגע,— שוין אויס?.. לאַכסט שוין ניט? אויס צעהלען, אויס דערמאָנען, וואָס?!

נאָר באַלד האָב איך זיך אויפֿגעשטעלט און אויסגעגלאַנצט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגען אין דער פּינסטער:

— אָבער שטאַרבען מוזטו דאָך פֿאָרט. משוגע'נער! וואָס גאָרנישט אויסגעפֿיהרט...

איך בין אומגעגאַנגען אַ פּאָר מינוטען איבערן צימער, געריבען די קאַלטע הענד און געציטערט. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די נשמה'לע פֿון דעם צעבראָכען זייגער'ל שוועבט נאָך אום אין דער לופֿט און לאַכט: גאָרנישט אויסגעפֿיהרט, גאָרנישט. מוזט שטאַרבען...

כ'בין, דאַכט זיך, אומגעגאַנגען אין דער פּינסטער אַזוי פּאָרזיכטיג, און מיט אַמאָל דערלאַנגט עס אַ קלונג אונטער די

פּים. אַ טויטער בין איך געבליבען: זעה, „דאָס" לעבט נאָך! — דאַן האָב איך אַזוי לאַנג געטאַפּט ביז איך האָב געפונען אַ צעפּליקט ביבעל, אײַנגעבויגען זיך און גענומען פערקעהרען מיט דעם שטילערהייד אונטערין טיש די פּיצלעך גלאָז און די צעבראָכענע רעדעלעך... „כּדי ניט פערשטעכען אַ האַנד, כּדי ניט פערשטעכען אַ האַנד..." האָב איך מיר געקלערט און צופריעדען געשמייכעלט. אָבגעטהון, אַוועקגעלעגט דעם ספר אויף אַנ'אָרט: „און ווײַטער וואָס?"

צוגעגאַנגען צום פענסטער און געקוקט ווי די גאַנצע שטאָדט ליעגט פערזונקען אין געדיכטען נעבעל. ניט צו דערקענען אַ שטריך פון אַ דאַך, אַ שפּיץ פון אַ קוימען. נאָר עלענדע פלעקען פון גאַז און בלײַכע פינטלעך פון עלעקטרע, האָבען געוואונקען פון דער שטיק נאַכט אַרויס. זיי זענען געווען אַזוי ענהליך צו די געקינצעלטע אויגעלעך ביי יענע ווײַבער, דאָרטען... וואו איך בין געווען...

— הלואי זאָלט איהר אַזוי דערשטיקט ווערען אַלע, אַלע פאַר איין מאָל!.. האָב איך אין הארצען געשאָלטען די שלאָפענדיגע שטאָדט.

אָבגעגאַנגען צערייצט פון פענסטער און געטראַכט:

— זיי לאַכען אויך. זיי וועלען נאָך ברענען מאָרגען, איבערמאָרגען, איבער אַ יאָהר...

מיט אַמאָל האָט זיך מיר פערגלוסט אַ קוק טהון אויף זיך, ווי איך זעה יעצט אויס. דער שפּיגעל איז ערגעץ וואו געהאַנגען אין דער פינסטער אַ פערגעסענער, אַ בלינדער אַזוי ווי איך. — ניעבען קאַלטען לאָמפּ האָב איך אָנגעטאַפּט דאָס פּידעלע שוועבעלעך. נאָר עטליכע שוועבעלעך האָבען זיך אינווענינ טרוקען אומגעבאָמבעלט.

— ס-ס-ס... האָט זיך איין שוועבעלע אָנגעצונדען מיט אַ גיפטיג זידען און אַ ביס געטהון אין די אויגען...

ביי דעם מינוטנעם, פלאַטערדיגען שײַן, ניט-גלײַכמעסיגען און געלען, זענען אין שפּיגעל אַרויסגעשוואומען צעשויבערטע, פערשוויצטע האָר. אײַנגעצויגענע, בלײַכע באַקען, ווילדע אויגען: זיי זענען עפּיס געווען גרעסער ווי תמיד, דורכגעוועבט מיט די נינקע בלוטיגע אָדערלעך און האָבען געפינטעלט פאַר ווערטאָג.

כ'האָב אַ קוק געטהון אויף דעם פּ ר ע מ ד ע ן פּ נ י ם און דאָס האַרץ האָט שווער און אָפּגעהאַקט געקלאַפּט, ס'איז געווען שרעקליך וואָס איך זעה אַ שטערן, אַ נאָז, ליפּען. שרעקליך איז געווען וואָס אויף דעם קאָפּ איז דאָ האָר. זעה! פּלייצעס אויך, פּלייצעס אויך...

אַז דאָס שוועבעלע האָט זיך פערלאָשען און איך בין געבליבען אין דער פינסטער, איז אָנגעפלויגען דער אַלטער חשד:

— האַ! אפשר איז דאָס גאָרניט מײַן געזיכט. ניט מ ײַ נ ס... איך בין בעהאַנגען מיט מאַסקעס ווי אַלע, איך מ ײַ ן נאָר אַז איך בין אַ מ ע נ ש...

אָנגעצונדען דאָס צווייטע שוועבעלע. מײַן געזיכט האָט זיך ווידער אַמאָל בעוויזען אין שפּיגעל. דאַן האָב איך אַרויסגעשטעקט אַ פערשפּיצטע צונג, אַ לאַנגע און אַ חוצפּה'דיגע. דאָס געזיכט אין שפּיגעל האָט נאָכגעמאַכט. — דאַן האָב איך זיך געשווינד איבערגעביטען און אָנגעשטעלט אַ מאוסען, פערקנייטשטען פּנים. אַ קרומען, צעצויגענעם שמייכעל פון אַ אידיאָט. דאָס געזיכט אין שפּיגעל איז געוואָרען פּונקט אַזוי ווי איך. — גלײַך האָב איך דערזעהן און מיט די אויגען חיטרע אונטערגעוואונקען. דאָס זעלבע האָט זיך בעוויזען אין שפּיגעל. — און איך ווייס ניט פאַר וואָס האָבען בײַ מיר, בשעת־מעשה אַרומגעבלאָנדזעט אין מוח ברעקלעך געדאַנקען אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג:

— מירקין. רויטע לאַמטערנע. יאַשע, רעוואָלווער. רבי חיים.

— דאָס איז מײַן געזיכט, מײַן געזיכט, מײַנס... האָב איך געשעפּצעט, אַז דאָס צווייטע שוועבעלע האָט זיך אויך פערלאָשען.

אָנגעצונדען דאָס דריטע.

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט — האָב איך געמאַכט מיט'ן קולאַק צו מײַן געזיכט אין שפּיגעל, — איך האָב דיר דאָך געזאָגט מנוול. אַז... אַז סוף כל סוף וועסטו אַ מיתה משונה אײַננעהמען, כ'האָב דאָך דיר געזאָגט!

דער פּרצוף אין שפּיגעל האָט אויך געמאַכט מיט'ן קולאַק.

ס'האָט אַ ברען־געטהון אין פינגער. אײַנגעלאָזען. דאָס לעצטע שוועבעלע איז אַראָפּגעפאַלען. פערלאָשען זיך. אַ ווײַלע האָט דאָס נאָך אויף מיר געקוקט פון דער פאָדלאָגע מיט אַ דער־

שטיקט רויט אויגעלע. געוואָרען קלענער, קלענער. אַ פּינטעלע. ניטאָ. פֿינסטער.

דאָס לעדיגע פֿידעלע איז מיר אַרויסגעפֿאַלען פֿון האַנד.

ווי אַ באַליידיגט קינד, וועלכען מען האָט צוגעזאָגט געבען אַ גוטע זאַך און ניט געגעבען, בין איך שטעהן געבליבען אין דער פֿינסטער, מיט זיך אַליין, נעבען בלינדען שפּיגעל. — ניט גע־דאַרפֿט אַזוי גיך אויסברענען אַלע שוועבעלעך. אויפֿגענאַשט דאָס ביסעלע שײַן פֿון די דרײַ דינינקע שפּענדלעך. אויפֿגענאַשט. גע־אײַלט זיך. יעצט שטעה אין דער פֿינסטער. שטעה!

ס'האָט זיך געוואָלט עפּעס אָבטהון. פּראָטעסטירען געגען השך אין צימער האָט זיך געגלוסט. וואָלט איך ניט מורא געהאַט אָנמאַכען אַ רעש, ווייס איך שוין וואָס איך וואָלט געטהון. איך וואָלט צעבראָכען דעם שפּיגעל; מיט'ן פֿויסט און דוקא מיט'ן פֿויסט. און זאָל ער זיך צעשטעכען ביז בלוט! איין זעץ טראַך... אויס שפּיגעל!

*

באַגינען

איך ווייס ניט, צי בין איך געשלאָפֿען. אָדער דאָס איז געווען אַ קרענקליכער פֿערגעסעניש־צושטאַנד; נאָר אַז איך האָב אָנגעהויבען פֿיהלען דאָס, וואָס אַרום מיר, האָב איך דערזעהן, אַז איך ליעג אין בעט. נאָך אַלץ ניט קיין אויסגעטאָגענער. די פֿיס ווי שטיקער האָלץ. ווען איך האָב זיך געלעגט און ווי אַזוי, דאָס געדענק איך ניט קלאָר.

כ'האָב דערשפּירט אַ קיצעלדיגען וועהטאָג אין האַלז.

— חאָ—האָ... האָב איך געפּרובט אַרויסלאָזען אַ קול, דער־מאָנענדיג זיך, אַז „הא“ און „חית“ זענען האַלז־אותיות.

ס'איז אַרויס אַ דומפּער בריל, אַ הייזעריג־צעריסענער, גאָר־ניט קיין מענשישער קול. — ווי עס ווײַזט אויס האָב איך זיך נעכטען בײַנאַכט גוט פֿערקיהלט אין מײַן לײַכטען זומער־מאַנטעל, איז אין האַלז אָנגעשוואָלען געוואָרען.

אַ פֿערשפּעטיגטער הערבסט־באַגינען. — אַ בלאַסליכער שײַן קוקט אַרײַן אין די שויבען מיעד און ניט־צופֿריעדען. ער פֿער־

וויַסט די פינסטערניש, צעגעהט זיך אין איהר, ווי א קליין ביסע־
לע מילך אין א שווארצע פליסיגקייט. און אז דו חאפּסט זיך אויף
אין אזא גראָהען שיין מיט א געשוואָלענעם האלז, מיט פערקיהלטע
הילצערנע פיס און מיט א קראַנקען קאָפּ, דערוועקט זיך אין אלע
אברים, א פערצווייפעלטע מידקייט, א וויסטער עקעל צו אלץ,
צו אלץ:

— בעגראָבען נאָך אמאָל דעם קאָפּ אין קישען און זאָל
עס ווערען טאָג, נאַכט, דעמערונג, וואָס עס וויל...

אָבער א אונבעוואוסטע ענערגישע האַנד האָט מיך אָנגענו־
מען; א קול אָהן א „קול" האָט שטרענג געהייסען: שטעה אויף!
בין איך אויפגעשטאַנען.

כ'האָב זיך געטרייסעלט און געביסען די ליפּען; געמיינט
אז ס'וועט ווערען ווארימער פון וועהטאָג. כ'וויס ניט צי די קעלט
איז געווען א דרויסענדיגע, ווייל מען האָט ניט געהייצט, צי זי
איז געקומען פון מיר גופא, פון אינוועניג. אָבער קאַלט איז
מיר געווען, קאַלט. אזא ניט גוטע, גיפטיגע קעלט האָב איך נאָך
קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געשפּירט — פונקט ווי מען וואָלט
פון מיר אראָבגעשונדען די גאַנצע הויט, און אלע מוסקולען זענען
ענטבלויזט און קיהלען זיך און שמארצען אין דער קאַלטער לופט...
ווי די „מענשען" אין די מעדיציניש ביכער ביי הע ניע ן...

צוויי אַקסלען פערמאָג איך. יא. צוויי העגר הענגען אראָב
פון ביידע זייטען אָבגעלאָזענע. פערמדע. — כ'האָב אויפגעהויבען
איין האַנד און א ריב געטהון דעם שטערען. מאָרנע, דאָס איז
גאָרניט קיין קאָפּ. דאָס איז — שדים ווייסען וואָס, נאָר ניט
קיין קאָפּ.

— אָה—חאָ— האָב איך ווידער אמאָל געפּרובט אַרויסלאָזען
א קול פון געשוואָלענעם האלז.

אזוי בין איך א ווײַלע געשטאַנען אין מיטען צימער. די
קניע האָבען געפּיבערט, קאַלטע מוראשקעס זענען אומגעלאָפען
אין רוקען, אָבער ס'הארץ איז געווען פוסט און רוהיג. כ'האָב
נאָר געפיהלט, אז אויב איך וויל, קען איך מיך א גראָבעל טהון
אין מיין זכרון, און דאן וועל איך זיך אָ ן ע פּ ע ס דערמאָנען...
אָבער בכיון, כמעט — ליסטיג האָב איך מיך בעמיהט אויסצו־
מיידען י ע נ ע ז א ך, ניט דערמאָנען זיך אָן דעם...

— נו, געענטפערט ער, וואָס? — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין און געשמייכלט חיטרע, מיט וועהטאָג.

— גאָרנישט, געענטפערט ער, גאָרנישט...

דערזעהן דעם טיש און געווענדעט זיך תּמ'עוואַטע־שטיל:

— אָט איז אַ טיש. און אָט איז דער שטול אויף וועלכען מען זיצט. דו זיצט אויף איהם. דאָס זענען די ווענד פון דיין צימער. ווענד, צעהען רובל אַ חדש צאָהלסטו דירה־געלט.

— צעהען.

— נו, אויב אַזוי, טו נעהם דעם שטול און זעץ דיך. זעץ דיך...

איך האָב צעקרימט און הכנעה'דיג אַ שמייכעל געטהון, ווי איינער וואָס האָט פחד ווען אַן'עלטערער, אַ שטרייינגער הייסט — און זיך געזעצט.

— מיר דאַכט זיך, אַז דו הייסט שלמה, אָדער סאַלמאָן, ביים טאַטען אין שטוב — שלמק'ע...

— שלמה... שלמק'ע... האָב איך קוים, קוים געחריפּעט מיט'ן געשוואָלענעם האַלז.

— הם.. מיר דאַכט... מיר דאַכט אַז דו האָסט געוואָלט... דאָס הייסט...

— וואָס? האָב איך זיך דערשראָקען.

— איך פערשטעה ניט, וואָס דאַרפען מיר זיך אַוועקטאַבען? — הער נאָר, דו דאַרפסט זיך דערשיסען, צי ניין?

— יאָ, יאָ.

— דו געדענקסט גוט? מיט'ן רעוואָלווער!

— מיט'ן רעוואָלווער.

— האָסט דאָך ניט חרטה געהאַט. שלמק'ע... ווי הייסטו דאָרטען, אַ יאָ?

— ניין ניין, ניין.

— אויב אַזוי, מיין טייערער, הײנט וואָס ציטערסטו?

— אַזוי. קאַלט. הערבסט. קליידער־ניטאָ? לעקציעס־ניטאָ, העניע...

— אי, שוטה, שפּיי אויף זיי אויף אַלעמען, שפּיי:

— טפו!

— אָט אַזוי.

פויזע.

— זאָג נאָר, אויף וואָס וואַרטסטו? וואו איז... ווי הייסט ער? נו, וואו איז דער רעוואָלווער, דער רעוואָלווער!!

— דאָ אין קעשענע:

— נעהם איהם אַרויס. נעהם אַרויס!

— באַלד.

— אָט שוין נעהם אַרויס! בעוויז!

— אָט...

— אַזוי איז גוט. אַזוי איז גוט.

— פויזע.

דאָס האָט אַלץ געהעצט דער בייזער „איך", דער שטאָלצער און פערביטערטער, וואָס האָט מיך שוואַכינקען און צעשראָקענעם, אַ גאַנצע נאַכט געזידעלט און געמינטערט מיט'ן רעוואָלווער — ער האָט דערזעהן דאָס געוועהר און איז צו מיר מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי ווייך, אַזוי איבערגעגעבען, אַזוי בלייך געווייצעלט זיך; ווי אַ בייזער טאַטע מיט אַ קינד, וועלכען מען דאַרף באַלד אַפּערירען. —

— דו שרעקסט דיך? האָט ער צו מיר ווידער אַמאָל ליעבליך אַ שמייכעל געטהון.

— ניין.

— נו, הויב דיך אויף. אָט אַזוי, קום צו צום פענסטער. אָט אַזוי. דו זעהסט ווי עס רעגענט? דו זעהסט וואָלקענס? פייכט די ערד, מאוס...

— מאוס, מאוס...

— דו זעהסט אייזערנע, פערראָסטעטע דעכער? זיי זענען פייכט. שמייכלען אָבגעלעבט... דיר טהוט באַנג וואָס דו פערלאָזט זיי?

— ניין, ניין.

— פענסטער בלאַנקען שוואַרץ. מויערען בלייבען זיך. דאָרטען שטיקען זיך אומגליקליכע מענשען, קאַלטע.

— אומגליקליכע, קאַלטע.

— שלמקע! וואו זענען דאָס אהינגעקומען אונזער כעס, אונזערע נערווען, אונזער קנאה? די פערגאַנגענהייט און די צוקונפט האָבען זיך פערפלאָנטערט; די גרענצען צווישען גוט און

שלעכט זענען פערשוואונדען. וואס איז הייליג און וואס איז אומ־
ריין! וואס איז אזוינ'ס אמת און וואס איז אזוינ'ס — שקר? ניט
קיין אנהויב, ניט קיין סוף; גארנישט...

— גארנישט.

— ניין, ניט גארנישט. ס'איז נאך איבערגעבליבען א
מכה; אנ'אנגעריסענע מכה, א גרויסע ווי דער ערד־קוגעל... זי
פיהלט נאר איהרע אייגענע שמערצען, מיט די אונענדליכקייט,
די אונענדליכקייט זענען מיר, מיר אליין, — א רחמנות א גרויסער
רחמנות אויף די, וועלכע בלייבען נאך לעבען... ווי האט געזאגט
דער־געקרייצטער?

— ער? "גאט, זיי זיי מוחל, זיי ווייסען ניט וואס זיי טהוען"...

— ניין. ניט אזוי. "גאט זיי זיי מוחל, זיי ווייסען ניט וואס
זיי לעבען". אט אזוי.

יא, אזוי.

פויזע.

און פלוצלונג:

— הער נאר, דו מאכסט זיך שוין ווידער א וועק. איך
האב דאס פיינט. באלד איז טאג. שטעה! די לאך פון רעוואל־
ווער צום שלייף, אט אזוי. אצונד צעהל: איינס און צוויי און
דריי. דעם פינגער ביי'ם "הענדעל". צעהל!

— איינס, צוויי...

דא האט זיך מיין פינגער פערהאלטען. א פערנעבעלטער
פארהאנג האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען. א האריזאנט האט זיך
ענדעקט. אין קאפ איז לייכט געווארען, אין אלע עקען וועלט
ליכטיג־ליכטיג. מיינע ביידע "איך" האבען זיך צונויפגעגאסען. איך
בין געווארען גרעסער פאר זיי ביידען צוזאמען. איך האב דער־
פיהלט, אז פונקט אצינד, אין דער זעלבער מינוט, שטעהען
אויף דער ברייטער וועלט א סך אזוינע ווי איך, איינזאמע, אבגע־
ריסענע. איין פוס איז נאך דא, די צווייטע־איז שוין אויף יענעם
זייט לעבען... אלץ איז דורכזיכטיג! איך זעה זיי אומעטום, או־
מעטום: אין פאריז און אין לאנדאן און אין ניו־יארק און אין פעץ
און אין באמביי; אין שטעדטלעך און אין דערפער... אפשר אין
דער זעלבער שטאדט וואו איך... אין אלע עקען וועלט שטעהען
זיי יעצט, יונגע און דערוואכסענע, מיט די טוידט־געוועהר אין

די הענד. אין האַרצען דער זעלבער נעבעל, אין די אויגען דער זעלבער צער... ווי ביי מיר. — אין דעם זעלבען אויגענבליק, ווען איך וועל אין זיך אויסשיסען, וועלען זיך אין אַלע עקען וועלט דערשיסען אַזוינע צעהענדליגער.. חאָ – איין טריאומפאַלער שאָס אין דער אייביגקייט, איין געדאַנק... אויף טויזענדער און צעהענד־ליגער־טויזענדער מייל ווייט פון מיר וועלען, מיט מיר צוזאַמען טוידט אַנידערפאַלען, אַ סך אַזוינע ווי איך, אַ סך... ווער אויף גראָז, ווער אויף אַ שטרויענעם מאַטראַץ; אויף בוידעמס, אויף פּליושענע טעפּיכען און אויף זיידענע קישעלעך... מיידלעך מיט ווייסע בריסט, וועלכע קיינער האָט נאָך ניט אָנגעריהרט... איך פיהל זייער אָטהעם, איך זעה זיי. איך בין ניט עלענד, איך בין ניט עלענד:

אַ וואַרימע ליבע, אַ פערסודעטע, אַ נייע, אַ גרויסע ווי דער וועלט־רוים האָט זיך מיר צעגאָסען אין אַלע נערווען. די ליפּען האָבען געשעפּצעט ווי אין עקסטאַז:

— זייט מיר געגריסט, געג–רי–יסט...

און גלייך פאַלט צוריק אַראָב דער נעבעל; די וועלט איז גרויזה, דער האָריזאָנט — ענג. די האַנד ציטערט ביים שלייפ..ע, אויף דעם האָב איך זיך גאָרניט געריבט —

— דריי!...

— — — — — — — — — — —

נעשר. 1905 אַבגוסט.

אנדערע ביכער פונ׳ם זעלבען פערפאסער

– יודיש און העברעאיש –

עס גרייטען זיך צום דרוק

דריי בענדער יודישע שריפטען

פון

ז. שניאור:

I. באנד: **ערצעהלונגען** 15 דרוק בויגען

II. באנד: **ליעדער און פאעמען** 15 דרוק בויגען

III. באנד: **אויסגעוועהלטע פעליעטאנען** 12 דרוק בויגען

פערלאג „ילקוט" בערלין

„וילנה"

פואימה מאת ז. שניאור, עם עשרת ציורים מאת הרמן שטרוק, תופיע בקרוב על ניר הולנדי ובתכלית ההידור.

הוצאת „הספר" ברלין

יצא לאור ונמצא להמכר הספר

גְשָׁרִים

קובץ גדול· שירים ופואימות מאת:

ז· שניאור

— מהדורה שלישית —

הספר הזה כולל את כל המובחר שיצא מתחת עט המשורר הנ"ל בשיר ופואימה משנת תר"ס עד תרע"ב· זאת היא הוצאת־תפארת (די־לוקס) שלא בא כמוה בספרות העברית לנוי ולחמרי דפוס משובחים· ואלה פרטיה:

א) הניר: ניר הולנדי יקר בלי תערובות־עץ· ב) ההדפסה: נעשתה בתכלית ההידור המודרני בבית דפוסו המפורסם של שפמיר בלייפציג· ג) תמונת המחבר: נעשתה מחדש ע"י הצייר הרמן שטרוק ונדפסה הדפסה אמנותית על בריסטאל יקר· ד) שער הספר נדפס בשני צבעים: אדם ושחור· ה) הפורמט: פורמט אלבומי גדול 25×19· ו) הכמות: יותר משלש מאות וחמשים עמודים גדושים· מרובה המחזיק את המרובה· ז) הכריכה: עשויה בד מגון קולנקור־של־מֶשִׁי; בד שלם וגם בד למחצה· ח) הציור והאותיות על גַבֵּי הכריכה: עשויים על ידי הצייר הרמן שטרוק ונדפסו על הכריכות בזהב ובלבן וגם בזהב לבד· ט) כל אֶקזמפליאַר: מכורך במעטפת ניר־קלף ונתון בתוך נרתיק של ניר עב· י) בשביל אלה הרוצים לכרוך את הספר בעצמם השארנו סכום מצומצם שֶׁל אקזמפלַיארים במעטפת־ניר בלבד·

☞ הספר בהדורו החיצוני וערכו הספרותי ראוי להעשות נוי לכל אוצר ספרים הגון ולשמש תשורה לכל קורא עברית· ☜

למוכרי־ספרים רבט הגון

לפנות על פי הכתובת:

Buchhandl. „Jalkut", Berlin-Charlottenburg, Kantstr. 46

הוצאת „הספר" ברלין

נמסר לדפוס ובמשך הסתו יצא לאור, קֹבֶץ

ספורים

מאת

ז. שניאור

— חדשים וגם ישנים —

(בין הספורים החדשים: על גדות הדניסטר. הבתולה ברינה. מספורי וִיטֶיק. והרבה שירים בפרוזה)

— מחזיק כששה עשר גליונות של דפוס. נדפס בהידור גדול —

נִמְצָאִים בדפוס

חזיונות

(ספר שני אחרי הקבץ „גשרים")

כרך גדול של שירים ופואימות חדשים מאת

ז. שניאור

בו נכנסים כל היצירות בשיר אשר פרסם המשורר במלואם או חלק מהם משנות תרע"ג עד תרפ"א. בינֵיהֶם: חזון השממון פואימה 12 פרקים (מהם נתפרסמו רק 4 פרקים) משירי הגורל (תרילוגיָה מעובדת מחדש) אנכי אנכי לא אסלח! (פואימה דרמתית) וילנה (פואימה) משא דממה (פואימה) 15 פרקים. באר־השיש (פואימה) שירות־לילה (פואימה) ועוד ועוד

— מחזיק בערך 30 גליונות דפוס על ניר מובחר —